STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03214

VIZYONEN UN EYDELSHTEYNER

Mosheh Oved

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווזיאנען
און
אידעלשטיינער

אטא־ביאגראפישעס

פון

משה עובד.

לאנדאן

1931

געדרוקט ביי י. נאראדיצקי,
48, מייל ענד ראוד, לאנדאן, א.I

װיזיאָנען און אײדעלשטײנער

סאָפּיען

פאר ערוואכען מיך.

א ה א ר צ י ג ע ן י י ש ר כ ח

מיין פריינד אשר ביילין

פאר דער ליטעראריש-טעכנישער הילף.

פ ו ן מ ח ב ר.

ערשטער בוך
וויזיאָנען און איידעלשטיינער

פּריווילעגיעס און פליכטען 15
שריפה און שחיטה 16
מיין געבורט 17
דער טאַטע ווערט אַ מיליטאַריסט 18
חדר 19
דער טאַטע ווערט פריי 20
אשענטשין 21
זינגען 21
דער פעטער יעקב 22
יציאת אשענטשין 23
אַלעקסאַנדראָווא 24
צוריק קיין אשענטשין 25
די באָבע מיט'ן זיידען 26
באַרנעלאַך און הערנער 27
דעם זיידען'ס גליקען 28
דעם זיידען'ס קוראַזש 30
חיים 32
כ'ווער אַ זייגערמאַכער און צאָהל „רבי" געלט 34
אנטלויף ס'ערשטע מאָל 35
דער ציבעלע־נאַשער 37
דער לאָנדאָנער גהעטאָ־ספינקס 38
געאַרבייט פאַר גניבה־הענדלער 40
די ערשטע וואָכען 41

אינהאלט

די ערשטע דריי פונט	44
אוואַנטיורעס	46
כ׳פאָהר אהיים	48
דער פּריזיוו	48
אַנטלאָפען צום צווייטען מאָל	49
צוריק אין לאָנדאָן	50
אַ בעל־הבית פאַר זיך	51
ווי אַזוי מיין נאָמען איז געענדערט געוואָרען	52
דאָס גניבה־קאַפּיטעל	54
דער פינגערהוט	56
אויערען־בוירען	58
דער קעניג פון קעמיאַס	59
ווילדע מענשען	60
פון פאָרם צו פאַרב	62
געבורט פון מיין לעבענס אינהאַלט	63
דער דיכטער	65
אַ קאָרטען לייגער	67
פינקעלשטיין־ליטווינאָוו	68
דער אָפּאַל רינג	71
מיין גאָמבעלע	74
היסטאָריע חזר׳ט זיך איבער	76
סאָקאָלאָוו	78
שלום אַש	87
גלות מן	92
אידיש	95

אינהאלט

וועסטען טעשלעך 96

אויפ'ן שוועל פון מארטירטום 98

ערנעסט רהים 102

מאקס נארדוי 105

יעקב מאיר 108

דער נס 114

אנפראגע אין פארלאמענט 117

מיס סטערלינג 120

נומער 13 121

די קארנילען מאדע 123

דימאנטענע אווירינגען און דער אמעריקאנער 125

חלומות 129

מיין מחנה פריינד 131

דער דעמבענער שופלאד 132

דער גרעסטער איידעלשטיין 134

די גאלדענע קייט 135

עפילאג 136

דער יחוס בריעף 137

צווייטער בוך
האנדעל און לעבען

דער אידישער שוסטער 143

יעקב עפשטיין 146

רודאלף וואלענטינא 150

דער איבערמענש 145

אינהאַלט

די לידי פון דער וועלט	163
ממש ווי פון א מעשה ביכעל	167
סיביל טאָרנדייק	171
אן אמעריקאנער זשורנאַליסט	173
די אמת'ע מצבה	175
אין א ווינטער נאכט	181
סאניטאה	183
צוויי ברידער	185
ועוויאָרקעס	187
גהעטאָ פרילינג	189
דער גרינער זאק פון קלאסישען כאָאס	191
די מעשה מיט'ן ציילטיש	195
קינדער פון רעגענבויגען	198
ביזנעס בעסער ווי געוויינלאך	201
ווייבער געהען, זייגערלאך ניט	203
א זינדיגער מענש געוואָרען	207
דער צו שווערער עול	208
א פארשטענדיגע פרוי	212
תמיד זי	213
בן-אלי	214
זאָלץ פאר דער נשמה	222

ערשטער בוך

פריווילעגיעס און פליכטען.

(במקום הקדמה.)

אז איינעם איז באשערט צו שטאמען פון אנ'אור־אלטען בוים, אויף וועלכען ס'האבען אמאל, מיט דורות צוריק, געבליהט זעקס ברידער, אלע שוחטים און מופלגים בתורה פון פאטערס צד (*) און פינף טעכטער יפות תואר און גרויסע צניעות פון דער מוטערס צד— איז זיין מאראלער חוב, ווען ער ווערט פערציג יאהר אלט, אויסער צו פארשאפען זיך אביסעל פארגעניגען, אפצוגעבען דער וועלט דין וחשבון, וואס ער האט געהון און טהוט מיט זיין יונג לעבען.

ערענסט גערעדט: ס'איז וויכטיג אז ס'זאל פארשריבען און פארצייכענט ווערען אין דברי הימים פון היינט אויף אייביג, עטוואס פונ'ם וואכעדיגען און חלול־שבת'דיגען לעבען פון איינעם, וואס האט איבערגעלעבט געטליכע מינוטען און שעה'ן. ס'מוז דערצעהלט ווערען זיין דראפען און קלעטערען זיך אויף די אונענדליכע, אונ־צעהלבארע שטאפלען פונ'ם טומאה און קדושה לייטער; זיינע עליות און זיינע ירידות—וואס, ווען מען און ווי אזוי ער האט באגע־געגנט און באטראכט אויף זיין פערציג־יעהריגער נסיעה; זיין יובעלירען־שפילצייג, נארישע און קלוגע וויצען, פאלשע און אמת'ע חלומות, זיין אלומיניום לונג און לעבער, זיין שטאלען הארץ, הויכע און הייליגע וואונדען.

דאס אלץ מוז פארשריבען ווערען איינמאל פאר אלע מאל.

און ווער קען עס נאך בעסער טהון, ווי דער וואס האט עס אליין דורכגעלעבט?

און איצט צו דער ארבייט!

(*) זעהט מיין פאטערס יחוס בריף זייט 138-139.

—————(:)—————

שריפה און שחיטה.

אַ יאהר נאָך איהר חתונה, האָט מיין מאַמע פריידע געבוירען אַ מיידעלע, פסה זי גערופען. די שמחה איז געווען גרויס, נאַטירליך ניט אַזוי גרויס, ווי ווען ס׳וואָלט געווען אַ אינגעלע. אָבער אַלס „פּאַטשאָנטעק“ איז אַ מיידעלע אויך גוט, און מ׳לעבט מיט האָפנונג פאַר אַ אינגעלע, אַ זכר׳ל, פון וועלכען מ׳האָפט צו ירשנ׳ען אַ קדיש נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר.

יעדען טאָג האָט מען נגידיש׳מעסיג גערייבשט קאַרטאָפעל און געפּרעגעלט קאָטלעטען אויף מעשענע פאַטעלעס. געקלונגען האָבען די זילבערנע לעפעל און גאָפּעל אין קליינעם שטעדטעל סקאַמפּע, ניט ווייט פון וולאָצלאַוועק, ווי די פּוילישע און דייטשע ווערטער, וואָס זיינען אריינגעפאַלען אינ׳ם אָרעמען אידיש, און די זילבערנע לייכטער און קידוש־בעכער האָבען זיך מאַט אָפּגעשפּיגעלט מיט זייער גלאַנץ אין דער מאַמעס שוואַרץ סאַמעטענע קליידער און אינ׳ם טאַטענס זיידענע זשיבעצעס, און דאָס ערשט געבוירענע קינד פונ׳ם גליקליך יונגען, רייכען פּאָר פּאָלק, האָט מען געבאָדען אין מילך און אין האָניג.

*   *   *

האָט מען געבראַכט דעם שוחט צו זיך אין שטאַל אריין, אַז ער זאָל שעכטען אַ קעלבעלע ביי דער שיין פון ליכט. נאָך דער שחיטה האָט אַ פייער אויסגעבראָכען און פאַרברענט כמעט דאָס גאַנצע שטעדטעל ווי אַ קרבן עולה אויפ׳ן מזבח.

פאַרברענט ס׳הויז, ס׳מעבעל, דעם אויסשטייער, די אָנגעזאַמעלטע פעדערען, צושמאָלצען די זילבערנע לייכטער, דאָס צירונג, דעם שפּייכלער תבואה—אַלץ חרוב געמאַכט. אַ באַרג אַש איז פון זייער לעבען געוואָרען.

*   *   *

נאָכ׳ן אומגליק האָט זיך יעדער אין שטעדטעל געוואונדערט צו נייע קוואַלען פון חיונה. איינער פאָהרט קיין אַמעריקא, איינער נעהמט זיך ס׳לעבען און אַנ׳אַנדערער ווערט אַ מלמד. אונזער משפחה האָט האָפנונג געלייגט אויפ׳ן יונגען איידעם יחיאל, אַז ער זאָל ווערען דער ברויט־מיט־הערינג געבער.

מ׳האָט איינגעזעהן, אַז זיין האַנד איז גרינג ווי אַ פעדער און ער קען ווערען שוחט און מוהל; זיין קול איז זיס ממש ווי אַ טויב און ער קען ווערען חזן.

אַזוי איז זיין תורה לערנען און זיין זיס קול, וואָס זיינען ביז דער שריפה געווען געווידמעט „לשמה“—פאַר גאָט אין פריידען, גע־וואָרען נאָך דער שריפה אַ „קרדום לחפור“—אַן אימפּלימענט דערמיט ברויט מיט טרעהרען צו פאַרדינען.

מיין געבורט.

אַ יאָהר נאָך דער שריפה איז דער אויטאָביאָגראַפיסט אַליין בכבודו ובעצמו ערשינען אויף דער ביהנע.

דריי און דרייסיג יאָהר זיך ארומגעדרעהט אויף דער ביהנע און ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ ראָלע ער האָט צו שפּיעלען. נישט גע־וואוסט וואו צו צילעווען זיינע אויגען—צו דער גאַלעריע אָדער לאָזשעס? לאַבען אָדער וויינען? און אויב שטאַרבען—פאַר וואָס? פאַר וועמען?

און דאָס ניט וויסען איז געווען אַן אינטענסיוו טראַגישע ראָלע!

ניט צוגעגאַנגען אַזוי גרינג. ס׳איז געווען ווייט פון „אַ בין השמשות געבורט“. איך בין געבוירען געוואָרען אין די אכציגער פאָג־ראָם יאָהרען, אין תרמ״ו. אויב איך מאַך קיין טעות ניט, דערצו נאָך ערב יום כפור, ווען די שטימונג איז ניט פאַר די מזל׳דיגע זאַכען. דער טאַטע און דער זיידע האָבען ערב מיין אָנקומען געמוזט אַ סך תהילים זאָגען און פאַרגיסען טרעהרען, גענוג אויסצולעשען מיט זיי אַ קליין שריפה׳לע און ערשט דעמאָלט האָט די מאַמע מיך געהאַט. ווען מיין צוויי און אַ האַלב יעהריג שוועסטערל פסח איז ארויסגע־לאָפען פון געבורטס־שטוב און אָנגעזאָגט די בשורה דעם טאַטען און זיידען „מאַמעשי האָט געהאַט“, האָבען זי זיי ביידע האַסטיג גע־פרעגט: וואָס? אַ אינגעל צי אַ מיידעל?

—עפּעס גוטס!—האָט זי געענטפערט.

און מ׳האָט געפּראַוועט ברית מילה כדת משה וישראל און מיר אַ נאָמען געגעבען משה עובד. משה—ווייס איך ניט נאָך וועמען, און

עובד—נאָך מיין עלטער־עלטער־פעטער, דער באַריהמטער ר' עובד פון שעפס, גובערניע פּלאָצק.

דער טאַטע ווערט אַ מיליטאַריסט.

אַלעקסאַנדער השלישי האָט דעמאָלט געהערשט איבער מלכות רוסלאַנד, פּוילין און איבער'ן גורל פון מיין משפחה.

וואָלט מיין טאַטע נאָך געווען אַ רייכער איידעם, וואָלט מען איהם שוין אויסגעקויפט פון מיליטער דיענסט, אָבער אַזוי ווי ער איז געווען אָרעם און פאַרשאָלטען מיט אַ געזונטער קאָנסטיטוציע, האָט איהם אַלעקסאַנדער צוגענומען פון אונז צו דיענען איהם פיער יאָהר דיענסט.

איך ווייס ניט וואָס איז גרעסער געווען: צי דער בראָך צי די בושה! נאַ, נעם אַן איידעם מיט אַן עלוי'שען קאָפּ, אין גרויס רחבות און אַלע גליקען, און זאָג איהם צו אייביגע קעסט—קומט אַ פייער און מאַכט אַ חורבן פון אַלץ; דער שווער שטאַרבט, דעם איידעם צוגעכאַפּט און ס'בלייבט אַן אַלטע אלמנה מיט איהר צאַר־טער בת־יחידה פאַרעלענדט ווי אַ שטיין, און אויף יעדער קניה — אַ מיליטעריש יתום'ל.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַן ערך פון אַ יאָהר און מיין בלוט האָט זיך אויף אייביג אָנגעזויגט מיט טרעהרען ווי גאַל און מיט טרויער מיך געזעטיגט אויפ'ן גאַנצען לעבען.

מיט די קינדער פון יללה האָב איך אין יענער צייט געשלאָסען אַן אייביגע פריינדשאַפט, און דאָס טרויער ליעד פון „שכינתא בגלותא" איז פאַר מיר די נאָהענסטע פון אַלע ליעדער געוואָרען.

דער ערשטער פון מיין קינדהייט זכרונות איז פאָלגענדער:

כ'האָב אַרויפגעקלעטערט אויף אַ הילצערנעם קאַסטען, וואָס איז געשטאַנען אין שניט געוועלבעל ביים פענסטער, אַרויסגעקוקט און דערזעהן פון ווייטענס שוואַרצע בוימער און שוואַרץ גראָז. אַ מחנה אידען און קינדער זיינען פרייטאָג־צו־נאַכטס אַהיים געגאַנגען פון שוהל. האָב איך געפרעגט די מאַמעשי: פאַר וואָס קומט ניט מיין טאַטעשי אַהיים?

נו, נו. ס'איז געווען „ששון ושמחה". די באָבע מיט איהר טאָכ־טער און אייניקלאָך האָבען אויסגעבראָכען אין אַ הילכיגען, תשעה־באב'דיגען געוויין, ביז שכנים זיינען אַריינגעלאָפען און אונז געטרייסט מיט דערצעהלען פון גרעסערע צרות, און מיר האָבען זיך איינגעשטילט.

געלעבט האָבען מיר אין גרויס דחקות, ווייל ס'אָרעמע, האַלב באַנקראָטירטעס שניט געוועלבעל איז נעבאָך ניט געווען בכח אונז מפרנס צו זיין.

חדר.

צו דריי יאָהר האָט מיך די באָבע שרה רבקה, עליה השלום, גע־פיהרט—ווי יצחק'ן צו דער עקידה—אין חדר אַריין. אוי, האָט זיך מיר ניט געגלוסט! ווי נאָר מ'האָט מיך אַריינגעפיהרט, האָב איך גלייך געזעהן און דערהערט ווי אַ איד, מיט אַ ווייסער באָרד, רויטע אויגען און אַ שוואַרצען קאַנטשיק, שמייסט אַ גופ'ל מיט אָפּגעקנעפּעלטע הייזעלאָך פון אַ קליין, שרייענדיג אידעלע. איך האָב אויפ'ן אָרט פיינט געקריגען חדר און רבי, קמץ אלף און תורה, און נאָך יונגעלוויז האָט זיך ביי מיר דערוועקט אַ גרויסע פראַגע צי ס'איז גאָר דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. „אַ גוטער גאָט איז ניטאָ—פלעג איך אָפּט טראַכטען—און אַ שלעכטען דאַרף מען ניט!" און אויב ניט קיין גאָט, איז דאָך חדר, תורה, איד, קריסט און קאַנטשיק איבעריגע זאַכען. איך האָב אָנגעהויבען ווערען אַ כופר בעיקר, אויפגעהערט דאַווגען און לעבען אַ היפּאָקריטיש לעבען, ווייל אין שוהל בין איך יאָ געגאַנגען און זיך געמאַכט „מאַכען" מיט די ליפּען, ווי איינער וואָס דאַוונט.

אינערליך פרעמד און דערווייטערט, האָב איך זיך אַרומגעדרעהט אין מיין קליין וועלטעל און אַרויסגעקוקט אויף אַ נייער שריפה, וואָס זאָל פאַרברענען דעם חדר, מיט'ן רבי'ן, מיט הכל בכל.

דער חדר איז אָבער געבליבען אויפ'ן ערשטען שטאָק פון אַ פינסטער הויז און אַראָפּגעפאַלען פון די טרעפּ בין איך—ניט דער חדר; און געקריגען צעהאַקט די נאָז האָב איך—ניט דער חדר! נאָר צום אומגליק האָט עס מיר ניט געשאַדעט צום שידוך. איינמאָל האָט מיך על פי סבה אַ שטיין געטראָפען, וועלכער האָט זיך איינגעגראָבען אין דער רעכטער ברעם און איבערגעלאָזט אַ סימן עד היום, נאָר איך

בין דערפאַר דאַנקבאַר געווען די שקצים'לאך, וואָס האָבען דעם שטיין געוואָרפען, ווייל איך בין עטליכע וואָכען קראַנק געלעגען און ניט געדאַרפט געהן אין חדר אריין.

דער טאַטע ווערט פריי.

בולט איז מיר געבליבען אין זכרון א ווינטער אין דער פריה. אַנ'ערך פינף יאָהר אַלט געווען.

זיץ מיר אַזוי אין חדר, שאָקעל זיך מעכאַניש און מאַך זיך לער־נען אין א ספר. פראַלט די טיהר פלוצלונג אָפען; פסה איז דאָ מיט א פרעהליך געשריי: „משה עובד, קום שוין אהיים די מינוט. דער טאַטע איז געקומען פון די זעלנער“!

מיר לויפען אהיים און איך דערזעה מיין טאַטען. וואָס זאָל איך לייקענען? כאָטש מעלאַנכאָליש און דערשלאָגען ווי א איד פון פופ־ציג—האָט מיך דאָך דערפרעהט עד אין לשער, וואָס איך האָב אויך א טאַטען, ווי מענדעלע, בערעלע און לייבעלע, און דערצו נאָך א שטאַרקערער און שעהנער באוואקסענער. טאַקי גאָר א שעהנער טאַטע! א טאַטע מיט א פּאָר אויסגעקעהמטע, געקרייזעלטע, העלע וואָנצעס און א בערדעל ווי ביי א גענעראַל־גובערנאַטאָר. דאָס פּנים פריש און געזונד ווי אַנ'אתרוג. די הויט פון הענט און האלז—וויים ווי מילך. ער האָט מיר געגעבען א רויטען שאַל אַלס מתּנה (איבער וועלכען איך האָב זיך אַלע מאָל פּאַרקיהלט). איך האָב געקריגען פּאַר איהם שטאַרק דרך ארץ און געציטערט ווי א פיש פאַר א פישער.

געדיענט האָט דער טאַטע אין סאַמע באָרדיטשעוו, געגעסען דאָרט א לאַנגע צייט טעג, און געלערענט אין די בתי־מדרשים. אַזוי ווי ער האָט געהאַט א זעהר מוזיקאַליש אויער, האָט ער זיך דאָרט אויסגעלערענט שפּיעלען פליוט און געוואָרען—וואָס אין יענער צייט איז עס געווען גאָר א הויכע מדרגה פאַר א אידען—אַנ'אונטער אָפיציר.

ס'איז אונז געגאַנגען ערגער און ערגער. די באָבע מיט דער מאַ־מען האָבען באַנקראָטירט און דער טאַטע האָט באַלייגט „עקזאַמען“, געוואָרען חזן־שוחט אין אָשענטשין, א קליין שקלאָפען שטעדטעל, א העק ניט ווייט פון דער ווייסעל. אַזוי ווי ס'זיינען דאָרט פאַראַן עטליכע צדיקים, איז עס ניט פאַרפלייצט עד היום הזה.

אַשׁענטשין.

ווען מיר זיינען אַרויסגעפאָהרען פון סקאמפּא נאָך אַשׁענטשין, זיינען מיר געווען פינף נפשות: די באָבע, די עלטערען, איך מיט פסה'ן. געזעסען זיינען מיר אין דער הויך אויף אַ פוהר, וואָס איז געווען אָנגעלאָדען מיט מעבעל, ספרים און חלפים, און מיר האָבען זיך אַריינגעפּאַקט אינ'ם בעטגעוואַנד (כ'בין דעמאָלט אַלט געווען זיבען יאָהר). איך און מיין שוועסטער פלעגען זיך אָפט אַרומקריגען. זי האָט אויף מיר געשריגען „תלוי יוזל", מסתמא ווייל איך בין תמיד געווען פאַרטראַכט איבער'ן פאַרוואונדעטען לעבען; און איך האָב אויף איהר געשריגען „קאָדלע", ווייל זי האָט געהאַט אַ פּאָר לאַנגע צעפּ ביז די קניהען. נאָר אין דער הויך אויפ'ן וואָגען האָבען מיר געלעבט בשלום, ווייל פון אַ שטויס און אפילו פון אַ בייז וואָרט, וואָלט מען געקענט אַראָפּגעשליידערט ווערען, און בפרט אַז מיר זיינען גע־ווען צופרידען דערמיט, וואָס מיר פאָהרען האָבען פרנסה.

אַשׁענטשין האָט אונז געגעבען אַ קעניגליכען קבלת פנים. אַלע ליידיג־געהער און לאָבוסעס זיינען אונז אַקעגען געקומען אונטער'ן שטאָדט מיט טאַצען און מיט פּויקען און וואַלגער העלצער, וואָס חברה האָט אַרויסגע'לקח'נט פון קיך געשיר—אַ גאַנצע קאַצען מוזיק! און אַזוי האָט מען אונז אַריינגעפיהרט אין שטעדטעל און אין דער דירה פון צוויי קליינע שטובען.

דער טאַטע האָט שוין געהאַט „קאָנצערטירט" אין אַשׁענטשין און דאָס עם־הארצ'טווע האָט גלייך „איינגענומען אַ כפרה" פאַר'ן טאַטעס מתיקות. בפרט פאַר זיין „קאָלעראַטור". ער איז געוואָרען דער „ליעבלינג" פון דער מאַסע; אַ „סטאַר", אַ „פּרימאַדאָנאַ" להבדיל. נאָר פאַרדינט האָט ער דריי דורכשניטליכע קערבלאַך אַ וואָך.

זינגען.

אין אַשׁענטשין איז צום פינסטערען חדר צוגעוואַקסען נאָך אַ בראָנישע חולאת—נגינה, ימח שמה! געקומען אַ שבת, אַ יום־טוב, האָט מיך דער טאַטע, וואָס האָט קיינמאָל ניט געשלאָגען קיין אַנדער קינד און וואָס האָט מיך באמת ליעב געהאַט—געפּייניגט און גע־

שלאָגען, אַז איך זאָל איהם אַקאָמפּאַנירען. כאָטש בטבע ליעב איך געזאַנג, און זינג מיר צו צו יעדען פרק שירה וואָס איך שרייב און זינג אפילו ווען איך לייען רעליגיעזע אָדער פּאָעטישע פּראָזע, האָב איך דאָך קיינמאָל ניט געהאַט גענוג חשק אָדער חוצפה צו עפענען ס'מויל ווי בלעם'ס געשמיסענע אייזעל אַבי סתם זינגען.

דער טאַטע אָבער האָט גערארפט אַ משורר'ל, און אַז ס'איז גע־קומען צום זינגען, האָט ער אָנגעשטעלט דעם קאַמערטאָן: דאָ־רע־מי־פאַ־סאָ־לאַ־סי, און אויסגעשריגען: „עפען נאָר אַ פיסקאַטש!“ און באַלד מיר דערלאַנגט שבת אויבם. די מאַמע האָט מיך באַשירעמט מיט'ן פאַנצער פון איהר שערץ און גע'טענה'ט: „יחיאל, וואָס ווילסטו פונ'ם קינד? וועט ער נ י ט זיין קיין חזן!“ אזוי ווי גאָט גיט דעם שבת אַזוי איז מיין יוגענד באַשטראָפט געוואָרען מיט לער־נען און זינגען, און קיין גאָט ניט געהאַט מתפלל צו זיין צו איהם.

צו אַכט יאָהר, לערנענדיג אַ „שיעור“, געדענק איך ווי מיין מח האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פראַגע פון דער גמרא: „מפני מה אמרה תורה?“—פאַר וואָס האָט די תורה געזאָגט? ווער האָט זי געבעטען, אַז זי זאָל זאָגען? גלות, צרות קענען זיך באַגעהן אָהן דער תורה. ס'מוז דאָך זיין עפּעס שלעכט מיט'ן גאַנצען עצם פון לעבען, וואו איז דער שורש פון רשעות? וואָס איז עס? ווי איז עס?

אזוי האָב איך געפרעגט און קיין תשובה אין ערגעץ ניט געפונען.

דער פעטער יעקב.

מיין טאַטע האָט איין שוועסטער, ציפּע הייסט זי; אַ וואוילע, קלוגע פרוי. זי וואוינט איצט אין לאָנדאָן; אָנ'עלטערען ברודער מענדעל—אַ בעל תורה און אַ בעל מגזם, מיט אַ קאָלאָניאַל גע־וועלבעל אין ניישטאַט, נעבען וואַרשאַ; און אַ יונגערען ברודער יעקב. אַכצעהן יאָהר איז דער פעטער יעקב אַלט געווען, ווען ער האָט צום ערשטען מאָל געטראָטען אין אָשענטשינער וועלט־באַריהמטע בלאָטעס. געקומען איז ער צו זיין דעם טאַטענס משורר און צו לערנען זיך שחיטה. ער האָט געהאַט אַ הערליכע טענאָר שטימע און געזונגען צום באַוואונדערען צונזער און גאָלדפאַדען; געווען באַלעזען אין מאַפּו און סמאָלענסקי און שולמאַן. ער האָט דערצעהלט וועגען „חבת ציון“

און וועגען דעם נייעם גייסט, וואָס פּאַרפּלייצט אַדעס און אַנדערע ליכטיגע שטעדט. ער האָט געקענט דערצעהלען אַפּיקורסישע מעשה'לאַך און אין זיין גייסט און אידעאַלען האָב איך אַ קליין ביסעל טרייסט געפונען. דער זעלבער גוטער פעטער יעקב האָט חתונה געהאַט מיט מיין שוועסטער פּסה און איז איצט מיין פעטער־שוואָגער יעקב פון אַלעקסאַנדראָווע.

יציאת אשענטשין.

אין מיין צעהנט יאָהר זיינען מיר ארויס פון אָשענטשין און אריין קיין אַלעקסאַנדראָווע.

זעקס נפשות זיינען מיר ארויס פון אָשענטשין, ווייל די משפחה איז באַרייכערט געוואָרען מיט נאָך אַ מיידעלע — גאָלדע. זי איז געווען דאָס איינציגע שטיקעל גאָלד מיט וועלכען מיר זיינען ארויס פון'ם קליינעם מצרים'ל.

אין אַלעקסאַנדראָווע האָבען מיר אַלע אויפגעלעבט. די מאַמע האָט זיך שוין ערלויבט אין אַ מיטען מיטוואָך אַ געפּרעגעלט איי, און דער טאַטע האָט זיך געקויפט אַ שטיקעל וואַרשאָווער וואורשט אויף קאָלאַציע און נאָך פּאַרטרונקען מיט אַ געצוקערטען טיי. די מאַמע — נייע קאַמאַשען, דער טאַטע — שטיוועל און די דריי קינדער האָט מען אויסגעקליידט. ס'איז אונז גוט געווען און מיר האָבען זיך אַזש געפריידט.

דער טאַטע האָט פּאַרנומען פּיער אַמטען. ער האָט געפּסקנט שאלות, געשחטען, געזונגען און מל געווען. דערצו האָט ער נאָך שבת נאָכ'ן שלאָף געהאַלטען דרשות פאַר'ן עולם, אַ חוץ וואָס ער האָט ניט איינמאָל אויך אויסגעפיהרט אַ שידוך. ער איז געווען באַליעבט ביי אַלעמען און זיך געקענט „אַסימילירען" אין דער סביבה פון מתנגדים, פון חסידים און אפילו פון „דייטשען".

ווען איך בין אַלט געווען צעהן יאָהר איז געבוירען געוואָרען מיין ברודער אברהם ליב. האָבען מיר שוין אַ קימאַ לן פון צוויי מיידלאַך און צוויי יונגלאַך.

אַלעקסאַנדראָוואָ.

צו יענער צייט ביז ערב וועלט־מלחמה, האָט אַלעקסאַנדראָוואָ, אַלס גרענעץ שטאָדט צווישען רוס־פּוילען און דייטשלאַנד, געהאַט אייגענשאַפטען, וואָס ווייניג שטעטלאַך אין דער וועלט צייכנען זיך דערמיט אויס. כאָטש אַ קליין שטעטעל פון עטליכע טויזענט נפשות (צווישען זיי אַ הונדערט אידישע פאַמיליעס), דאָך איז עס געווען אַ מין קאָסמאָפּאָליטישער מעטראָפּאָליס, אַ וועלט מיטעל פונקט, אַ קליין פּאַריז'ל. געהאַט די שעהנסטע באַהן־סטאַנציע אין פּוילען, וואו ס'פלעגען זיך אָפּשטעלען אַ סך מאָל אין מעת־לעת וועלט צוגען, ווי בערלין־וואַרשאָ, בערלין־וויען און בערלין־מאָסקוואָ עקספּרעסען.

עטליכע מאָל אין טאָג איז אויסגעגאָסען געוואָרען אויפ'ן פּלאַט־פאָרם די גאַנצע וועלט ציוויליזאַציע מיט איהר פערפיום און איהר פּסולות. דער דייטשער שטאָלץ, די רוסישע מאַכט, דער פראַנצויזישער שיק און די וויענער צאַרטליכקייט. אויך שטילע ענגלענדער און ענערגישע אַמעריקאַנער האָבען קיינמאָל ניט געפעהלט. מ'האָט דאָרט געקענט אויך טרעפען געלע כינעזער, ברוינע יאַפּאַנער, טונקעלע טערקען, פּרימיטיווע אינדיאַנער, שוואַרצע ציגיינער און געוויינלאַך — אידען מיט פעקלאַך.

יעדער איינער, אחד ואחד, איז דאָרט אונטערזוכט געוואָרען צו זעהען וואָס ער פעקעלט איבער. שמוגעלט אַנ'„ער" ניט אַמאָל מיט זיך אַ „זי"? איז דער פּאַס אין אָרדנונג, אָדער אפשר זיינען עס די פרויען גאָרניט קיין פּאַסאַזשירען, נאָר מחנות שפּיאָנען אָדער ניהיליסטען, פאַרשטעלט אַלס זונות? האָט יעדער געמוזט עפּענען זיין באַגאַזש, טייסטערל און טאַש פאַר די רוסישע טשינאָווניקעס צו רעווידירען. ווען אַנ'אויסלענדישער עקספּרעס צוג האָט זיך דערנעהנט, האָט ער אַדורכגעשניטען דעם האָריזאָנט, געקוויטשעט, געפייפט און געשריען. אַ פייערדיגער רויך האָט דערגרייכט צום הימעל, און אַלעקסאַנדראָוואָ איז געוואָרען ווי אַ דין ברעטעל ביי אַנ'עלעקטרישער מאַשין אַדורכגעזעגט אויף צוויי.

מיך אָבער האָט עס ניט באַפרייט.

איך בין געבליבען צוגעבינדען צו די שמות פון בית המדרש פונקט ווי אין אַשענטשין.

צוריק קיין אשענטשין.

אָפּגעווען אין אַלעקסאַנדראָווא אַ האַלב יאָהר, האָבען מיך די עלטערען צוריקגעשיקט קיין אָשענטשין צו ר' דוד מלמד, ביי וועלכען איך האָב געלערענט פריהער. איצט אָבער האָב איך געגעסען טעג. און כאָטש איך האָב אפשר דריי יאָהר נאָכאַנאַנד געגעסען טעג, איז עס מיר דעם לעצטען טאָג געווען נמאס ווי דעם ערשטען.

ר' דוד מלמד האָט מיך קיינמאָל ניט געשלאָגען. ער איז געווען אַן'עהרליכער, פרומער מענש. אַ שאָד נאָר וואָס ער איז געווען אַ ליטוואַק. פון איהם האָב איך זיך אויסגעלערענט בובבינ־דעריי, ברוקירען מיט שטיינער אַ בלאָטיגען באָדען און רייבען ציבעלעס און פוטער און עס אוים מישען מיט אַ געפּרעגעלט איי (אַ זעלטען גוטער מאכל. פּרובירט עס.)

ער האָט נעבאך געהאַט אַ סך קינדער, פלעגט ער יעדען טאָג שאַרפען ס'ברויט מעסער, כדי ס'זאָלען ניט פאַלען קיין ברעקלאַך. „אַ שאָד די ברעקלאַך" — פלעגט ער מיט רעכט זאָגען.

ווי אָרעם ער איז געווען, געדענק איך ווי איך האָב איהם באַ'גנבה'ט. די געשיכטע אין קורצען איז אזוי: איין מאָל אין אַ שבת צו שלש סעודות האָט מיך שטאַרק געהונגערט, ווייל דער בעל־הבית, וואָס האָט מיר „געגעבען" יענעם שבת האָט מיר כמעט גאָר ניט געגעבען צו עסען. אַריינקומענדיג צום רבין איז שוין געווען שטאָק פינסטער. דער רבי האָט געזונגען זמירות. האָב איך זיך צוגערוקט צום אויווען, אַריינגעשטעקט די האַנד אין אַ טעפּעלע, אַרויסגע'גנב'עט אַ פישעלע און עס אויפגעגעסען מיט הויט און ביינער.

ר' דוד מלמד איז שוין געשטאָרבען. זאָל זיך אָבער אָפּרופען איינער פון זיינע יורשים, וועל איך איהם באַצאָהלען קאָמפּענזאַציע כפל כפלים. ער באַקומט אַנ'אומזיסטען עקזעמפּלאַר פון דעם דאָזיגען בוך מיט'ן גנבה'שען אויטאָרס אויטאָגראַף.

די באָבע מיט'ן זיידען.

אויפ'ן פערצענטען יאָהר האָט מען מיך געשיקט לערנען קיין ראַטשוינס, א שטעטעל נעבען פּלאָצק. זעקס חדשים דאָרט געלערענט אין בית המדרש, געגעסען ביי און געשלאָפען מיט דעם זיידען ר' שמואל ז"ל, מיין טאַטען'ס טאַטע. ער איז געווען שמש אין דער גרויסער שוהל.

געלעבט האָט דאָס אַלטע פּאָר־פּאָלק אין איין קליין שטיבעל, און אין'ם זעלבען שטיבעל געהאַט זיין ווערקשטאַט און פּרעס, וואו ער פלעגט צייטענווייז אַליין אויסארבייטען פון הערנער — קאַמען און שופרות. פאַר מיר האָט ער געמאַכט א קליין שופר'ל, אָבער ניט דערמיט האָב איך מיט צוואַנציג יאָהר שפּעטער אויסגעשאַלט משיח'דיגעס.

די באָבע פּערעלע איז געווען א געזונטע, פרומע, שטריינגע, קאַרגע אידענע. זי האָט גענומען דאָס לעבען פאַר א גאַנץ ערענסטען עסק, זעהר זעלטען געלאַכט.

דער זיידע — פּונקט דער היפך פון איהר: א געזונטער איד געווען, נאָר א רייכען הומאָר פאַרמאָגט ווי א קראַנקער. אָרעם געווען, נאָר עפּעס האָט זיך דאָס געלט פון זיין טאַש ארויסגעקייקעלט, ווי פון א מיליאָנערישען, להבדיל. ער האָט ליעב געהאַט א כוסה און קיינמאָל זיך ניט פאַרזאָרגט מיט משקה אויף א צווייטען טאָג. די באָבע האָט געקאָרגט און איינגעשפּאָרט און געזאַמעלט גראָשען צו גראָשען פאַר'ן קניפּעל אין זאַק (טאָג און נאַכט האָט זי זאָקען געשטריקט!) כדי זי זאָל קענען דערמיט צדקה טהון סליחות צייט. דער זיידע האָט אָבער אייביג דערטאַפּט ס'קניפּעל, ארויסגענומען אויף א גלעזעל משקה און זיך אָפּגעווישט ס'מויל. ווען די באָבע פלעגט איבערציילען און ס'האָט זיך איהר „אויסגעדאַכט", אז ס'פעהלט איהר צום חשבון, פלעגט זי וואַרפען בייזע אויגען איבער די אייזערנע ראַמען פון איהרע ברילען צום זיידען. אָבער דער זיידע האָט זיך געמאַכט כלא ידע, אז ער ווייסט אפילו ניט, אז א חשד עקזיסטירט און זיך אונטערגעזונגען א פרייליך ניגון'דל.

„באַרנעלאַך און הערנער“.

ווי יעדעס אַלט פאַר־פאָלק האָבען זיי זיך אויך געליעבט, גע־קריעגט און איבערגעבעטען מיט איינצעלנע ווערטער, האַלבע ווערטער, ראשי־תיבות און רמזים.

פאַרטאָג פלעג איך זיך מאַכען כלומרשט איך שלאָף און זיך צוהערען צו זייערע שמוסען. אין מיטען דרינען צעבייזערט זיך די באָבע און שרייט אויס איראָניש „באַררנעלאַך“! כאַפּט דער זיידע אונטער און ענטפערט „הערנער“. ס'דויערט ניט קיין רגע און זיי רעדען שוין פון קינדער און קינדס קינדערס נחת, ווי צוויי הערצער, וואָס געהען אויף פון איין פּריש שטיק הייווען. אזוי האָבען זיי זיך געלעבט פופציג יאָהר צוזאַמען.

די מעשה מיט די „באַרנעלאַך און הערנער“ איז אזוי:

באַלד נאָך זייער חתונה האָט דער זיידע גענומען דער באָבעס נדן און געקויפט דערמיט עטליכע זעק לעזשעלקעס (קליינע באַרנע־לאַך), מיט זיי געפאָהרען פון נאַשעלסק קיין לאָדז, צו פאַרקויפען אויפ'ן מאַרק.

די זעק זיינען אָבער געווען צעריסענע און די לעזשעלקעס האָבען זיך פון זיי געשאָטען א גאַנצען וועג. ווען די פוהר האָט זיך געשטעלט אויפ'ן מאַרק, קוקט זיך דער זיידע אַרום ו„הנדן איננו“— ניטאָ די באַרנעלאַך.

נו, נו! שוין פערציג יאָהר נאָך דער חתונה און די באָבע וואַרפט איהם נאָך אַלץ פאָר די „חתונה“ מיט די פאַרלוירענע באַרנעלאַך.

איז דען א וואונדער, וואָס דער אַלטער האָט זיך גענומען צו דער כוסה און צו הומאָר־שיכרות נאָך אין זיין יוגענד?

דער זיידע איז אָבער דאַגעגען געווען אין קאַמף גוט באוואָפענט מיט „הערנער“.

און הערט זשע אויס זייט מוחל:

נאָך דער באַרנעלאַך קאַטאַסטראָפע, האָט דער זיידע דערהערט,

אז אין א שטעטעל אויף יענער זייט לאָדזש, איז דאָ א קאהלער וואָס האָט א קעלער מיט הערנער צו פארקויפען, און אז מ׳קען זיי קויפען בחצי חנם.

די באָבע האָט געשריגען, אז דער „שלים-מזל׳ניק" זאָל בעסער אין דער היים זיצען. „דער קאהלער איז נאָך ניט געבוירען געוואָרען און די הערנער וואקסען נאָך ניט".

פוילט זיך אָבער ניט דער זיידע, דונגט א פוהר, נעמט מיט די לעצטע פאָר גילדען, און בריינגט אהיים א פולען וואָגען מיט הערנער, וועלכע ער האָט אויסגעארבייט און פארדינט אין זיי אפשר צוויי הונדערט קארבען.

איז שטענדיג ווען די באָבע פלעג איהם אָנהויבען פאָרוואָרפען „בארנעלאך", האָט ער איהר מאָמענטאל צוגעמאכט דאָס מויל מיט „הערנער"!

דעם זיידען׳ס גליקען.

נאָך די ימים טובים האָט דעם זיידעס טאָלסטוי-פּנים אויפ־געלעבט. גראָד ווען יעדענס פיצעל נאטור וועלקט און יעדער קוימען קלאָגט, האָט דער זיידע זיך אונטערגעזונגען פריילינע מאָטיווען און אין גאנצען ווי א רויז געבליהט מיט אָפּטימיזם.

א קליינינקייט! געהאט אזא גלענצענדען סעזאָן! פארקויפט אלע קעמעלאך און שופרות. שמשות איז אויך א צאָלבארער עסק יום־טוב צייט. און ווי מאכט זיך ניט נאָך יום־טוב א ברית אָדער א רייכע חתונה? בקיצור — אָנגעזאמעלט זיך א פול טייסטערעל מיט גרויס געלט, פולע הויזען טאשען מיט קליין געלט און קיין זאך האָט ניט געפעהלט. אין אזא רייכען מאָמענט, פלעג ער קומען צו אונז קיין אלעקסאנדראָוואָ צו גאַסט.

מיר, קינדערלאך, האָבען זיך שטארק געפריידט מיט זיין קומען. ער האָט אונז באוואָרפען מיט געלט און מיט גוטמוטיגקייט, דערצעהלט מעשיות פון די „ניט היינט גערעכט" שלעכטע צייטען, מעשה נגיד!

בשעת מעשה געהאלטען דעם גראָבען פינגער פון דער רעכטער האנד צווישען גארטעל און זיידענע קאפּאָטע און מיט דער ליגקער

האנט געהאַלטען און געראַוויכערט אַ גרויסע לאַנגע ציגיינער ליולקע, זיך אַלע מאָל צעהוסט פון רויך, הוסטען און געלעכטער.

„נאָכדעם ווי איך בין בדלות געוואָרען איבער די באַרנלאַך, האָב איך פאַרדינט אַן'אוצר פון די „הערנער". נאָר גאָט האָט אָנגעשיקט אַ שריפה „ניט היינט געדאַכט", און מיר זיינען אַלע אַרויס בעירום וחוסר כל — אין איין העמד „ניט היינט געדאַכט". הכלל ניט געוואוסט צו וואָס מ'נעמט זיך, אויסגעגאַנגען ממש פאַר אַ שטיקעל ברויט. און דאָ קומט באַלד פסח. ס'איז שוין ערב פסח און ניטאָ אויף מצות. און אויף חרוסת איז דען יאָ געווען? ניט פאַר קיין שום אידען געדאַכט! כ'האָב שוין מעהר ניט געקענט צוזעהן פּערעלס צער. שטעה איך מיר אַזוי פאַר דער טיר, זויג מיר אַ ליידיגע ליולקע, מאַך פהאַ, פהאַ, פהאַ, און הערט ניט אויף צו טראַכטען: מאין יבא עזרי, טאַטע פון דער גאַנצער וועלט? און אַזוי ווי איך מאַך מיר אַזוי פהאַ, פהאַ, פהאַ — געהט פאַרביי אַ בעטלער אויף אַ קוליע און מאַכט: „זשיד פּשאַקרעוו" שילט מיט טויטע קללות און בויגט זיך אַראָפּ און ווייזט מיר אַ חזיר-אויער „זשידזשע כאַמאָזשע". טראַכט איך מיר: צו זיין קאָפּ און צו זיין לייב און לעבען. „זשידזשען", זאָל מען איהם, רבונו של עולם!

ווען ער האָט זיך איינגעבויגען און ווייזען זיין חזיר-אויער, איז ביי איהם אַרויסגעפאַלען פון אַ צעריסענער לאָך פון זיין לאַבע אַ קניפּעל. טראַכט איך מיר: אודאי אַ שטיק אַלט ברויט, אָדער „כ'ווייס דאָרט וואָס". האָב איך עס אויפגעהויבען, אויפגעבינדען אויס טשיקאַווע און געפין אין דער שמאַטע — מ'זאָל אַלע אַזוי לעבען — גאַנצע צעהן רובעל, ווי די העכט.

באַלד אַריינגעלאָפען צו פּערעלען, איהר געגעבען די צעהן רובעל און מיר האָבען געפּראַוועט אַ פסח — אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט ניט ערגער. יאָ, גאָט פאַרלאָזט ניט אפילו אַ וואָרעם אונטער דער ערד. און איצט, וואָס פעהלט מיר? האַ?"

און דערמאָנענדיג זיך ווי גוט ס'איז איהם איצט און ווי פריי ער איז (ווייל די באָבע האָט דער אַלטער איבערגעלאָזט אין דער-היים), איז ער געגאַנגען איבער דער קעשענע, אַ סך געלד געגעבען די אייניקלאַך. ס'האַרץ איז איהם איבערגעלאָפען געוואָרען פון פריידע און זיך צעהוסט פון איבערלויפעניש.

נאָר ווען די טאַשען זיינען געוואָרען לייכט און אויפגעהערט קלינגען און אַ פּוסטער קוימען ווינד האָט געבלאָזען אין בייטעלע, האָט דער זיידע איינגעפּאַקט טלית און תפילין, קרעכצענדיג: „אוי, טאַטע אין הימעל, טאַטע אין הימעל!“ און צוריק אַהיים געפאָהרען מיט אַ שווער געמיט, צוריק צו דער אָרעמער, שפּל'דיגער שמשות אין ראַטשוינס.

דעם זיידענס קוראזש.

אז דער זיידע איז צוריק אַהיים געקומען קיין ראַטשוינז, האָט שוין דאָרט די געטרייע נויט אויף איהם געלויערט און געלאָקערט און איהם באַפאַלען, ווי אַ ביינקענדער, בייזער הונט.

ער האָט געהאַט זיין וועכענטליכע פּרנסה, מ'קען ניט זאָגען, נאָר אַז ס'איז געקומען פרייטאָג האָט אויסגעפעהלט מיט וואָס שבת צו מאַכען.

אויף די פּאָר גולדען, וואָס ער האָט פרייטאָג קאָלעקטירט, געהענדיג פון הויז צו הויז, האָט ער געמוזט וואַרטען ביז פאַרנאַכט. דעריבער איז דער פרייטאָגדיגער טאָג — בפרט דער זומערדיגער — ביי איהם געווען לאַנג ווי דער גלות. אַ גלות שכלו פרייטאָגס.

גאַנץ ראַטשוינז האָט פאַרנומען אַ האַלבען מייל אין שטח, דאָך האָט גענומען דער זון, פון איהר אויפגעהן — שפּיץ שוהל־גאַס, ביז איהר אונטערגעהן — סוף פלאָצקער גאַס, אפשר זעכצעהן שעה. דאָס פאַמעליכע קריכען האָט מיין אונגעדולדיגען זיידען שטאַרק דענערווירט, ווייל ווען ער האָט שוין געהאַט צו מזל צוזאַמענגענומען די פּאָר גולדען, איז שוין געווען צו שפּעט פאַר דער באָבען איינצו־קויפען, אָפּצוקאָכען און אויסצובאַקען. און אַז ס'איז ניטאָ אין שטוב קיין שטיקעל חלה און פיש אויף שבת, איז דאָך אפילו וויים ברויט שוואַרץ און פרישע פּוטער סם המות.

האָט דער זיידע זיך אָרומגעדרעהט אין שטעטעל להשמיד ולהרוג את כל היהודים והגויים, געפּאַפּט די ליולקע און אויס־געשפּיגען: „ליידיג־געהער, הולטייעס, ווער דאַרף זיי אויף דער וועלט? טפו! לעדער סוחרים, שניט סוחרים, פערד הענדלער

מיינע! אַ שוואַרץ יאָהר, טפו, זאָלען זיי מיר ווערען!" כאָטש אַ גאַנצע וואָך אויסגעלאַכט ציוניסטען און סאָציאַליסטען, געמאַכט זיי מיט בלאָטע־גלייך, פרייטאָג אָבער איז דער זיידע מיט אַמאָל געוואָרען רעוואָלוציאָנעריש געשטימט. אַלץ איז געוועזן „לוקסוס" און אַלע זיינען געווען „היפּאָקריטען". אויף זיין שונא, די זון, האָט ער געקוקט ווי אויף אַ הולטייסטווע. „ווער דאַרף זי דאָרט זי זאָל ברענען אין מיטען טאָג אין מיטען מאַרק? וואָס איז עס אַ קראַם, וואָס פאַרקויפט אוים מציאות? ס'איז דאָך אַ שאָד יעדער גראָשען".

ניט זיכער איז געווען קיינער מיט זיין איינגערעדטען כבוד און יחוס, וואָס האָט איהם פאַרטשעפּעט אין זיין פרייטאָגדיגען טאָג פון רוגז. ער וואָלט איהם שוין דערצעהלט ווער ער איז און פון וואַנעט ער קומט. אוי, אוי. ער וואָלט איהם שוין איינמאָל דערצעהלט!

ביז איין שעהנעם פרייטאָג. דער זייגער האָט קוים מיט צרות געשלאָגען און גע'הרג'עט „איינס!" אַ ניע רוזש. ס'וויל ניט שפּעטער ווערען! האָט דעם זיידעס געדולד געפּלאַצט. אונטערגעהיצט פון דער באָבען, איז ער אַרויס אין גאַס, געשריגען אין די געוועלבלאַך אַריין: „ס'איז שוין צייט שבת צו מאַכען—פושעים, עוכרים! שוין זאָלט איהר די קראָמען צומאַכען! ווי לאַנג זאָל איך אויף אייך וואַרטען, האַ? ביז משיח וועט קומען? די מינוט זאָל איהר מאַכען שבת! די זשעברעס וועל איך אייך אונטערהאַקען, בעל־הבתים מיינע, אַ כאָלעריע. טפו זאָלט איהר ווערען! שבת זאָל ווערען. שוין. די מינוט. איך הייס!"

האָבען זיי אָנגעהויבען ציטערען פאַר'ן זיידען און צוגעמאַכט די געוועלבען. אפילו הורטאָווניקעס האָבען צוגעשלאָסען. האָט די וואַרשאָווער גאַס דערהערט, אַז די פּלאָצקער גאַס האָט פאַרשלאָסען, האָבען זיי געמיינט, אַז אַ גרויסער צדיק איז נפטר געוואָרען אָדער אַ פּאָגראָם האָט חלילה אויסגעבראָכען און האָבען פאַרמאַכט איינער ווי איינער, און ס'איז געוואָרען שבת אין מיטען העלען פרייטאָג.

אזוי האָט ער זיי אָנגעלערענט איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז זיי זאָלען וויסען ווער ער איז און וואָס ער איז, און האָבען צו דערצעהלען פאַר קינדער און קינדס קינדער.

חיים.

כ'האב אין מיין קינדהייט קיינמאָל ניט געהאַט קיין שפּילצייג, אויסער אַ מעסערל און אַ חלום, וואָס האָבען מיך אויפגעהאַלטען ביים לעבען.

ניט פריהלינג און ניט שבת און אפילו ניט משיח האָבען מיך געטרייסט. אַלץ וואָס מ'האָט מיך געלערענט אין אַלע טרייסט מעשה'לאַך וואָס כ'האָב געהערט, זיינען מיר אין איין אויער אריין און פון צעהן אויערען אַרויס.

כ'האָב געקוקט אויפ'ן גאַנצען אידישען אוננאַטירליכען אַרט לעבען און האָפען, ווי אויף אַ חולאת, אַ כראָנישע קרענק, וואָס ווערט ערגער און ערגער; און וואָס ערגער ס'ווערט, וואָס מעהר מ'האָפט אויף בעסער.

האָב איך אַלץ יונגעלע פון אַ יאָהר אַכט אָדער ניין, געפלעגט אַנטלויפען פון מיין סביבה: געפלעגט זיך צודעקען מיט אַ דיקער פעדערנער דעק ביז צו דער נאָז, צומאַכען די אויגען און חלום'ן וועגען מיין אייגען גליק:

איך אַנטלויף פון דערהיים קיין דייטשלאַנד, וואַרף אַראָפּ די לאַנגע קאַפּאָטע, טהו אָן „דייטשע“ קליידער, ווער אַ מענש, ענדיג אין עטליכע יאָהר אַ סעמינאַריע, ווער אַ דאָקטאָר־ראַבינער אין בערלין, ווער שטאַרק רייך, וואוין מיר אין אַ פּאַלאַץ מיט דינסטען און לאַקייען און קום צוריק אַהיים אומגעריכט אויף אַ קאַרעטע מיט אַכט שעהנע פערד. דעם טאַטען מאַך איך פאַר אוים שוחט, און צעטייל טויזענטער רובלען צווישען דעם טאַטענס בעסטע פריינד, און זיינע שונאים קוקען צו און פּלאַצען.

מיט דעם חלום האָב איך זיך זעהר שטיל אומגעדרעהט צו דער וואַנט, כדי מיט איהם איינשלאָפען, איהם ארייננאַרען אין שלאָף אריין, ער זאָל זיך דאָרט אויסבריהען, אויסוואַקסען און ענטוויקלען ווי די גן־עדן לעגענדע, ס'זאָל מיר זעהר גוט זיין אַ גאַנצע נאַכט, ווייל די טעג זיינען געווען פּוסטע, פּראָזאַאישע, חלום־צושטערענדע טעג.

ביז פופצעהן יאָהר האָב איך דעם חלום געטראָגען און בסוד ערצויגען אין זיך אַליין און ער האָט געדיענט אַלס געגען־מיטעל צום סם פון ווירקליכקייט.

צו פופצעהן יאָהר האָב איך געפונען פרייד אין חיים פוקס, א יונגעל אין מיינע יאָהרען; איהם געמאַכט פאַר מיין בעסטען פריינד און איהם פארטרויט מיין הייליגענדען חלום. פלעגען מיר אַרומגעהן גאַנצע טעג צוגעטוליעט איינער צום צווייטען אונטער דעם פוכענעם הימעל פונ׳ם קליינעם שטעדטעלם האָריזאָנט, און זיך גע׳סוד׳עט פון אַנטלויפען קיין אויסלאַנד, ווערען דאָקטאָר־פילאָזאָפען און לעבען א פריי, אייגען לעבען אין א פריי לאַנד, שרייבען אין צייטונגען און אין ביכער ווי היפּאָקריטיש און פאַלש אונזער פינסטער אידיש לעבען איז, און קעמפען פאַר ציוניזם און פרייהייט.

וויסענדיג, אַז אונזערע עלטערען וועלען אונז ניט לאָזען אַוועק פאָהרען און אַז מיר האָבען ניט די מיטלען דערצו, האָבען מיר אויס־געאַרבייט א פּלאַן, ווי אַזוי צו דערגרייכען אונזער ציעל: חיים וועט אויפגעבען זיין בוכהאַלטעריע און ווערען א פריזיער און איך וועל פאַרלאָזען דעם בית המדרש און ווערען א זייגערמאַכער. פון די מלאכות וועלען מיר זיך דערנעהרען און אין דער פרייער צייט פון פרייען לאַנד—שטודירען און „ענדיגען" און אָנהויבען אונזער נאַציאָ־נאַלע באַפרייאונגס אַרבייט.

ער איז געוואָרען פריזיער. איך בין אָבער געבליבען אין בית המדרש ביז זיבעצען יאָהר, זיך אַרומגעוואַלגערט אין בתי מדרשים פון שטעטלאַך נעבען אַלעקסאַנדראָווא, געגעסען טעג א גאַנצע וואָך און אויף שבת א היים געקומען. צו פאַרזיסען דאָס ביטערע לעבען האָב איך געשריבען העברעאישע מליצה׳דיגע ליעדער, געשניצט האָליץ, געמאַכט קעסטעלאַך און זיך פאַרשפּיעלט מיט ליידענשאַפטען. אָבער פון חלום ניט מקריב געווען קיין האָר. פאַרקעהרט — ער האָט זיך נאָך צעוואַקסען און צעבליהט מיט א משפחה פון קליינע חלומות׳לאַך.

יעדען מאָל ווען איך פלעג פאַרבייגעהן א זייגערמאַכעריי, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף שפּיץ פינגער, אַריינגעקוקט אין פענסטער און געגאַשט די „קונצען" פון דער מלאכה, וואָס זיינען מיר אין די שפּעטערע יאָהרען צונוץ געקומען. חיים האָט זיך צוגעלערענט פריזעריי, העברעאיש און געמאַכט גרויס פּראָגרעס, ווייל זיינע לינגוויסטישע פעהיגקייטען זיינען געווען אויסערגעוועהנליכע.

כ׳וועד א זייגערמאכער און צאהל „רבי“ געלט.

צו זיבעצעהן יאהר האט מען מיך מיט מזל אריינגעגעבען צו א זייגערמאכער. ר׳ לייבעלע רייכגאט, דער בעל־הבית, האט געשפיעלט א גרויסע ראלע אינ׳ם קהל׳שען לעבען פון שטעדטעל; געהאלטען א רעסטאראציע, געהאלפען מענשען „שווארצען“ די גרעניץ, צורעכט געמאכט זייגערלאך און ציהרונג, און פון דעם אלעם האט ער געמאכט א בעל־הבתיש לעבען. איינמאל דערצעהל איך זיין טאכטער, אז מיין צוקונפטיגער שוואגער יעקב שרייבט וואונדערבארע בריעף, איבער וועלכע מ׳מוז וויינען איידער מ׳לאכט זיך גוט אויס, און לאכען איידער מ׳וויינט זיך גוט אויס. איז זי געווארען נייגעריג. געה איך אהיים און ברייגג א ליעבעס בריעף, וואס ער האט געשריבען צו מיין שוועסטער פסה און לייען איהם איהר פאר און זי קוקט אריין בשעת איך לייען, באוואונדערענדיג דעם כתב־יד. אפגעלייענט, באמערקען מיר ביידע אז „עיקר שכחתי“, צוגעשריבען אין א זייט: „שרייב מיר, ליבעטשקע, וואס מאכט לייבעלע רייכגאט, דער אלטער ממזר“. ווען א גרוב עפענט זיך דעמאלט פאר מיר וואלט איך אריינגעשפרונגען מיט׳ן גרעסטען פארגעניגען, און קיינמאל ניט מעהר ארויסגעשפרונגען. איך האב געציטערט, אז די טאכטער זאל ניט דערצעהלען דעם אלטען, וויסענדיג אז ס׳איז אין זיין מאכט מיך אוועקצושיקען מיט חרפה און צו מאכען מיין טאטען פאר אויס שוחט און די מאמע פאר אויס שוחט׳ין. כאטש זי האט מיר צוגעזאגט ניט צו דערצעהלען איהר פאטער, האט די זאך מיר פארשאפט געגוג עגמת נפש ביז גרוי און אלט צו ווערען איבער נאכט, ווי איינער לאנג אין א בעוועגונג. א זייגער צוויי פארטאג קריך איך ארויס פון בעט און שרייב מיר איין אין א העפט „איך משה עובד בן יחיאל שווער פון היינט אן און ווייטער ניט געבען קיינעם א בריעף צו לייענען ביז כ׳וועל איהם ניט האבען צוערשט אליין אדורכגעלייענט און ניט מעהר צו מישען זיך אין פרעמדע געשעפטען“.

נאך דעם בין איך איינגעשלאפען.

אין ניין חדשים ארום האב איך זיך נישקשה׳דיג אויסגעלערענט די מלאכה, וועלכע איך האב ליעב געהאט אליין פאר זיך און אלם מיטעל צו ד״ר פילאזאפיע. און ר׳ לייבעלע רייכגאט האט זיך פלוצלינג אוועקגעצויגען מיט זיין גאנצער פאמיליע קיין שווייץ.

אנטלויף ס'ערשטע מאל.

ווען לייבעלע רייכגאט איז אוועק, האב איך אויפגעהויבען די הענט צום הימעל, ווי איינער וואס גלויבט אין גאט, זעהענדיג די פארווירקליכונג פון אונזער חלום, אויב ניט אין בראנז, איז לכל הפחות אין גיפס, און מיט חיים'ן אנגעהויבען צו פלאנעווען וועגען פליטה.

צוואנציג רובעל אנגעזאמעלט פון געווינסען אין קארטען, שפילענדיג מיט מיינע חברים קאפקעסווייז. מיין הצלחה אין אקע איז געוועזען אין לשער. מיין פריינד דוד לאוויצקי האט מיר געבארגט פינף רובעל און זיין פארמעגליכע מוטער האט מיר על פי טעות געגעבען צעהן רובעל זילבער פאר א גאלדענעם פינף רובעל שטיק (נאך צוואנציג יאהר צייט האב איך ביידע—דעם חוב און די גניבה—צוריקגעגעבען). חיים האט געהאט אויף דער נסיעה, האט מען געקויפט א האלענדישען קעז, גרויס ווי די לבנה, איבערצוקויפען מיט איהם דעם דייטשען גרעניץ בעאמטען, און באשטימט א נאכט אין יולי 1903, צו אנטלויפען קיין לאנדאן, אהן דער ידיעה פון די עלטערען. צוויי אזייגער פארטאג האב איך זיך ארויסגע'גנב'עט, געקושט מיט מיינע אויגען די שלאפענדיגע משפחה, ארויסגעפייפט דעם סיגנאל, וואס זאל חיים'ן אויפוועקען. ער איז ארויס אין די זאקען, האלטענדיג אין האנד זיינעם א קורצען אנצוג פאר מיר און מיר האבען זיך ביידע געלאזט צו דער סטאנציע; זיך באהאלטען אונטער די געזעסען אין דער ערשטער קלאס פונ'ם צוג, וואס געהט אפ פון אלעקסאנדראווא קיין טוירען פיער אזייגער פארטאג.

חיים איז געלעגען אונטער איין באנק מיט'ן קעז צוקאפענס, און איך אונטער דער צווייטער באנק מיט א העפטעל העבראישע ליעדער—מיין איינציגער באגאזש. פון אונטער די בענק האבען מיר געזעהן די רוסישע טשינאווניקעס, אבער זיי האבען אונז ניט באמערקט.

ווען מיר זיינען אריבער די גרעניץ, זיינען מיר ארויסגעקראכען פון אונטער די בענק, געפאלען איינער אויפ'ן צווייטענס נאקען און זיך אין די העלזער אריינגעוויינט מיט זודיגע האפנונגס טרעהרען.

מיר האָבען אויסגעשטייגט אין טוירען און אונטער דער סטאַנציע פאַרטאָג האָט מיך חיים אויסגעפּוצט ווי אַ דייטש; אויסגעלערענט אָנטהון אַ קראַגען און מאַכען אַ שלייף אין אַ שניפּס. אַלע זיינע מלבושים זיינען געווען אויף מיר צו לויז; כ'האָב אויסגעזעהן אין זיי, ווי נאָך אַ געפעהרליכער קרענק, אויסער די ספּינקע, וואָס האָט מיר געפּאַסט צום טוך! כאָטש אויך זי האָט מיר געשטערט אַביסעל די אַכצעהן יעהריגע פרייע באַוועגונג פון טעג אין טרעהרען שלינגענדיגען גאַרגעל.

דעם זעלבען פאַרטאָג, ווען דער טהוי, ווי אונזערע טרעהרען, האָט זיך נאָך ניט אויסגעטריקענט, זיינען געשטאַנען צוויי אידישע בחורים'לאך אָנגעטהון ווי דייטשען פאַר'ן אַלמעכטיגען קאָנטראָלער איבער דעם גורל פון אַלע דורכוואַנדערער אָהן פּעסער, איהם געבעטען, אַז ער זאָל זיי געבען ערלויבניש צו פאָהרען קיין ענגלאַנד איבער דייטשלאַנד. ווען דער שטרייננגער קאָנטראָלער האָט דערזעהן זייער אָפּפערווילינקייט, וואָס זיי האַלטען אין די ציטערדיגע הענט און דערשמעקט דעם שלעכטען ריח פונ'ם אַלטען, מילביגען קעז, איז זיין האַרץ ווייך געוואָרען ווי פּוטער; זיין פּנים האָט זיך צעשמייכעלט ברייט ווי דער לבנה'ס; ער האָט זיך דערבאַרעמט איבער די צוויי שעפּסעלאך פון פאָלק ישראל, וואָס אַנטלויפען ווי פון אַ שחיטה, און זיי געגעבען ערלויבניש צו פאָהרען קיין ענגלאַנד איבער גאַנץ מלכות דייטשלאַנד אָהן שום שטערונג.

נאָך מיטאָג האָט זיך דער צוג פון טוירען אָפּגעשטעלט אין בערלין. דאָרט האָבען אַלע אויסגעשטיגען.

פון אַלע טהירען און פענסטער האָבען זיך אויסגעשאָטען עמיגראַנטען, על פּי רוב אידען.

רבונו של עולם, פון וואַנעט נעהמט זיך אַזוי פיעל בענק און קעז?

אויף דער בערלינער סטאַנציע זיינען ביי אַ טהיר געשטאַנען צוויי פּעטינקע דייטשע בעאַמטע, באַטראַכט און געצעהלט יעדעם שעפּעלע, וואָס איז אַדורך אונטער דער רוט פון זייער בליק, און מיך —ווייל איך האָב געהאַט עטליכע קראַסטעלאך אויפ'ן שטערען און ווייל מיין אָנצוג איז צו לויז געווען—האָבען זיי אָפּגעשטעלט. נאָר

חיים האָט זיך ניט געוואָלט שיידען מיט מיר, האָט מען אונזביידען אינטערנירט אינ'ם באַריהמטען עמיגראַציאָנס־לאַגער „רוהלעבען“, אונטער בערלין.

זיבען טעג האָט מען אונז דאָרט געהאַלטען, געוואַשען, גערייניגט; דיסאינפעקטירט אונזערע מלבושים, צוגענומען אונזער געלד — שרעקט זיך ניט! — אונז געגעבען בילעטען, אונז עקספּאָרטירט קיין האַמבורג, און פון דאָרט האָט א דייטשע שיף אונז געטראָגען צום ציעל פון אונזער יונגען חלום — לאָנדאָן!

דער ציבעלע נאַשער.

די דייטשע עמיגראַנטען־שיף איז זיך געגאַנגען פּאַמעליך און רוהיג ווי א שפּאַציר־שיף פון א קונסט פּאַראיין.

מיר זיינען באַגליקט געוואָרען מיט א רומענישען סטאָליאַר־יונג, וואָס האָט מיט זיין טאַנצען און זינגען, אונז אַלע געמאַכט פאַרגעסען אין די צרות פון דער אַלטער היים און אין די גליקען, וואָס מיר ערוואַרטען אין דער נייער.

איז זיך מיישב דעם יונג'ס יצר הרע און פאַרנאַרט איהם אין קיך, דאָרט וואו ס'איז געשטאַנען א קויש מיט ציבעלעס, גנב'עט ער אַוועק א ציבעלע און פאַרזוקט זי מיט גרויס אַפּעטיט.

בהרף עין האָט דער קעכער, א העלדישער יונג מיט א הינדענבורג פּרצוף, זיך דערוואוסט, אַז מ'האָט באַרויבט זיין פאַטערלאַנד. א קליינינגקייט א ציבעלע! ס'איז דאָך א שטיק דייטשע טעריטאָריע! איז ער אַרויף אויפ'ן דעק פון שיף ווי א ווילדער טיגער און געזוכט מיט אַרויפגעשאַרטע נאָזלעכער דעם ציבעלע־גנב און טאַקי איהם באַלד דערשמעקט. ער האָט איהם אַראָפּגעלאָזט א פּאַטש, אַז ס'איז אונז אַלעמען פינסטער און גליטשיג געוואָרען אין די אויגען. שרעק און אומעט האָט אונז אַלעמען אַרומגעכאַפּט. אונרוהיגע, פאַרשעהמטע זיינען מיר אין יענער נאַכט געלעגען אויף אונזערע געלעגערס. אין דער זעלבער נאַכט האָבען די ימים־עלעמענטען פאַרלוירען זייער עקוויליבריום. דער ים האָט געטרייסעלט און געוואָרפען ס'שיפעל,

ווי א בייזער דרדקי מלמד—א חדר אינגעל, ביז ס'איז געקומען די זון און מיט א ווארעמער האנד פון א מאמען דעם בייזען ים איינ־געשטילט, איהם געבעטען מיט א ליכטיגען רחמנות פנים ער זאָל מיטלייד האָבען און ניט צושטערען די יונגע חלומות פון איהרע עמיגראנטען־קינדער.

דער לאָנדאָנער גהעטאָ־ספינקס.

אין איסט־לאנדאן האָט אונז באגעגענט אן אטמאספערע מעהר גינסטיג פאר מעדיצינישע ווי פאר פילאָזאָפישע דאָקטאָריע.

איינגעשטאנען זיינען מיר עטליכע טעג אין ראָטשילד'ס אָרעמע בנינים, ביי חיים'ס גוטע מוהמע רחל.

די שטארקסטע אימפרעסיע האָבען אויף מיר געמאכט, דעם ערשטען טאָג, די גרויסע ענגלישע פערד. זיי האָבען געשלעפט שווארצע וועגענער, הויך געלאָדען מיט פעסער ביער; צוגעקלאפט מיט די פאָדקאָוועס: סלעק, סלעק, סלעק, און געזשומעט ווי די ביהנען האָט די גאנצע געגענד: ביזזי, ביזזי, ביזזי.

אין יענע טעג האָט זיך זאָגאר אין דער געאָגראפישער פאָרם אוועקגעשטעלט די גהעטאָ פאר מיינע אויגען, ווי א מורא'דיגער, איבערשרעקענדער ספינקס.

„גארדנערס קאָרנער" איז געווען דער קאָפּ, וואס האָט אויסגע־שטעלט זיין צונג אויף „אָלדגייט", זי פארדרעהט רעכטס, געלעקט דעם „סטאָק עקסטשיינדזש" און די „באנק אָוו ענגלאנד". זיין קערפער און חוט השדרה האָט דערגרייכט ביז „באָו" און „פאָפּלאר", און פון דאָרט האָט זיך אָנגעפאנגען זיין טריפה'נער עק. „ווייטשעפּעל" דער רעכטער און „קאָמערשעל רויד" דער לינקער פון זיינע אונטערשטע, אונטערגעלייגטע פעטע פיס. פון די פאָדערשטע לאפעס, האָט ער די לינקע געהאלטען אין „לעמאן סטריט" און די נעגעל אריינגעשטעלט ווי א זשאבע אין די געדיכטע בלאָטעס פון דער „טהעמז", און די רעכטע לאפּע אין „קאָמערשעל סטריט". די נעגעל פון דער לאפּע טיעף באגראָבען אין הארצען פון דער רויטער סיטי.

יעדער ראָג און געסעל האָבען אויסגעזעהן ווי אָדערען, מוסקולען, גלידער און נערוועז פון דעם אויסגעפוצטען, מיט גלאַנצענדע בייזע אויגען און דאָך שטומען גהעטאָ ספינקס. בין איך געשטאַנען פופ־צעהן יאָהר פאַר איהם און ניט פאַרשטאַנען זיין רעטעניש צו לייזען, און איך האָב זיך געבעטען:

גהעטאָ ספינקס, גהעטאָ ספינקס! פאַרוואָס זעהט מען ניט אין דער גאַנצער וועלט אזא שווערע, פאַרגרעבטע מאַסע ווי דו ביזט? פאַרוואָס וואַרפסטו זיך אזוי אין די אויגען מיט דיינע נאַרישע חכמות און פּאַסקודנע ציהרונג? וואָס זוכסטו? פון וואַנעט נעהמט זיך אַזוי פיעל תאוה־שמוץ אין דיינע געדערים? פאַרוואָס רעדסטו גאַרנישט און זינגסט גאַרנישט פאַר דער וועלט? ביזטו דען דורך און דורך אַ הוילער שטיין?

האָט מיר דער גהעטאָ ספינקס ענדליך געענטפערט:

—איך בין אַ באַשיצער פון די אור־אור־אייניקלאַך פון כאַאָס אין גלות; אַנ'אַפּוטרופּוס איבער צוויי, דריי און פיער פונטיגע קינדער פון ערב־רב בין איך. אין די אַכציגער פאַגראָמען יאָהרען זיינען דיינע ברידער אַנטלאָפען אין דער וועלט אריין. צוויי טויערען זיינען געווען אָפען פאַר זיי: ענגלאַנד נאָהענט, אַמעריקאַ ווייט.

די רייכע, קלוגע קעפּ, די צעהן־פונטיגע יחסנים; די וואָס קענען אויסקלעהרען געדאַנקען און זיי אויפשרייבען אויף לייזיג פאַפיר— זיי זיינען מיט זייער גאָלד און חכמה קיין אַמעריקאַ געפאָהרען. די אָרעמסטע, אומגליקליכסטע, באַרויבטע פון אַביסעל ערציהונג, פון אַ ברעקעל מענשליכקייט, האָבען צוזאַמענגעקליבען און צוזאַמענ־געשנאָרט זייערע פאַרמעגענס פון צוויי, דריי און פיער פונט און אין טאַלעראַנטען ענגלאַנד געקומען.

איך בין ניט קיין חיה רעה. איך בין אַן עיר מקלט פאַר פיעלע פון די אונשולדיגע פאַרברעכער פון עסטעטישען געשמאַק און מענש־ליכען כבוד. איך באַשיץ זיי און רייניג זיי יעדען טאָג. געלייטערטעס וועט נאָך פון זיי אַרויסרעדען און אַרויסזינגען.

אין מאַרך פון מיינע ביינער פיהל איך עס שוין יעדען פריה־מאָרגען.

געאַרבייט פאַר גניבה־הענדלער.

היינט, נאָך צוויי און צוואַנציג יאָהר דאָ זיין, ווייס איך, אַז ס'איז פופציג פּראָצענט בלבול, ווען מ'רופט ענגלאַנד „אַ פרייע מדינה". דעמאָלט אָבער האָב איך ווירקליך געפיהלט זיך פאָלקאָם פריי. מיין הארץ האָט אין מיר געשפּרונגען און געטאַנצט פאַר פרייד, וואָס די פרייהייט שיינט. כ'האָב נאָר ניט געהאַט דעם מוטה צו טאַנצען אין גאַס מיט אַ צייטונג פול מיט „פיש און טשיפּס", ווי די ענגלישע פאַבריקען־מיידלאך פלעגען צו יענער צייט אַזוי לעבהאַפ־טיג און פּראַכטפול טהון.

אַלץ איז מיר געווען ניחא. טרוקען ברויט אין נאַסע קעלט, אבי פריי זיין צו בלאָנדזשען מיינע בלאָנדזשענדע וועגען און זוכען דעם אינהאַלט פון לעבען, דעם תכלית הבריאה.

מיט די עטאַבלירטע תורות, רעליגיעס און אידעאַלען בין איך ניט צופרידען געווען, כאָטש ניצוצים פון אמת האָב איך געפונען איבעראַל.

איך האָב אָבער אויך געבלאָנדזשעט אין ווייטשעפּעל, זוכענדיג אַ „דזשאָב". נאָך עטליכע טעג פון ארומגעהן ליידיג, האָב איך אָנ־גענומען אַ פּלאַץ אין אַ שמאָל געסעל, וואָס פיהרט פון ווייטשעפּעל.

מיין בעל־הבית איז געווען אַ פרומער גניבה־הענדלער אָהן אַ באָרד. יעדען טאָג זיינען אריינגעקומען אינגלאָך מיט זייגערלאָך און קייטלאָך, נאָך ווארעמע, וואָס זיי האָבען אָט ערשט גע'גנב'עט פון קעשענעס.

זיינען זיי געווען כסף וזהב טהור, האָט ער דעם אינגעל גלייך באַלוינט מיט אַ שילינג אָדער צוויי, און באותו הרגע עס צעבראָכען און צעהאַקט און צעשמאָלצען. טאָמער אָבער איז דאָס גנבה'לע געווען פון געמיינעם מעטאַל, האָט ער דאָס גנב'ל ארויסגעיאָגט פון געוועלב מיט אַ קללה און אַ בוכצע.

ביז אָבער ער האָט דאָס מעטאַל פּרובירט און ארויסגעבראַכט זיין גזר־דין, איז דאָס אינגעל געשטאַנען מיט אַ בלאַס נעזעל, וואָס האָט קוים געאָטהעמט, און מיט שטייפע, ווייסע, ציטערדיגע ליפּעלאַך.

מיין געהאַלט האָט געזאָלט זיין אַכט שילינג די וואָך. אָפּגע־ארבייט צוויי וואָכען און ניט געקריגען באַצאָהלט, האָב איך גענומען מיין קאָרנצווענגעל, ד.ה. מיין גאַנץ ווערקצייג, עס איינגעוויקעלט אין ביבעלע פּאַפּיר און פאַרלאָזט דעם פּלאַץ.

ס'וועט זיכער אינטערעסירען קרימינאַלאָגען צו וויסען, אַז אין עטליכע חדשים שפּעטער, האָט מען דעם בחור מכבד געוועזן מיט דריי יאָהר תפיסה.

אָט ערשט ניט לאַנג, נאָך אַ הפסקה פון איבער צוואַנציג יאָהר, איז מיר אויסגעקומען פאַרביי צו געהן דאָס זעלבע געסעל, און איך האָב דערזעהן דעם זעלבען חברה־מאַן זיצען ביים פענסטער מיט אַ לופּע אין אויג, געבויגען איבער אַ חרוב'דיג זייגערעל, פּונקט ווי אַמאָל. דאָס זעלבע ווערקצייג; די צעבראָכנע זייגערלאַך אויפ'ן מע־שענעם שטראַכעטעל; די צעריבענע צייטונג פון וועלכע איך האָב די ערשטע ענגלישע ווערטער געלערענט—אַלץ ווי געוועזן. נאָר זיין שוואַרצער „גאַן־מעטאַלענער" קאָפּ האָר איז געוואָרען פאַרזילבערט.

און דער זילבערנער זונען־קאָפּ האָט פּראָזשעקטירט זיינע שטראַהלען אויף דעם „קאָזע־פויגעלס" קאָפּ, האָט ער געבלישטשעט, גלייך ווי ער וואָלט געווען דער איינציגער עהרליכער זייגער־מאַכער אין גאַנץ לאָנדאָן.

די ערשטע וואָכען.

זוכענדיג אין בריק־ליין, איסט לאָנדאָן, אַ דזשאָב, האָב איך דורך אַ פענסטער באַמערקט אַ זייגערמאַכער, וואָס ביי זיין יעדע מינע און גרימאַסע, האָב איך געקאָנט שווערען, אַז ער איז אַ ציוניסט. און טאַקי פּונקט געטראָפען. ער האָט מיך אָנגענומען. וועגען צאָהלען האָט מען ניט גערעדט. איך בין דאָך אויך געווען אַ ציוניסט!

ביי איהם, מיסטער אַפּעל, איז געווען אַ נחת־רוח צו אַרבייטען. אַ גאַנצען טאָג זיינען אַריינגעקומען אינטעליגענטען, מ'האָט גערעדט איבער הויכע פּאָליטיק, סאָציאַלע פראַגען און שעהנע ליטעראַטור. דאָרט האָט געפּלעגט אַריינקומען יעדען טאָג לואיס כהן, דער וואָס האָט שפּעטער אין אַמעריקאַ אַרויסגעגעבען זאַמעלביכער איבער

פאַלקלאָר, און מ׳האָט זיך מפלפל געווען איבער יעדען „איזם“ און אידעאַל. מיט איין וואָרט—דאָרט האָט געקלונגען מעהר מיט ידע־לאָגיע און אידעל־לאָגיע, ווי מיט האַרעלאָגיע.

סוף וואָך רופט זיך מיסטער אפעל אָן צו מיר:

—זעהסט דאָך אליין, וואָס פאר געשעפטען איך מאַך. איך האָב פשוט דיר ניט צו צאָהלען, נאָר איך וועל דיר העלפען צו געפינען א פלאַץ.

ועודנו מדבר—קומט אריין אַנ׳אַלטער איד מיט א שעהנער, לאַנגער, ווייס־געקרייזעלטער באָרד, נעהמט זיך פאַר׳ן באָרד און דער־טאַפּט גלייך דעם פאָדעם פון אונזער קאָנווערזאַציע און מיין טיפען באַגעהר און זאָגט:

—קום בחור׳ל מיט מיר. איך וויים פון א פלאַץ.

ער נעהמט מיך אין „העקני רויד“, א ריין, שעהן, פארמעגליך געשעפטעל, און איך נעהם אָן דעם פלאַץ פאר פופצעהן שילינג א וואָך.

ווער דער אַלטער איד איז געווען—וויים איך ניט ביז היינט צו טאָג, נאָר זיין אויסזעהען און זיין טהאַט זיינען זיכער געווען אליהו הנביא׳דיג.

מיט גרוים טריישאפט, איבערגעבענהייט און פינקטליכקייט, האָב איך דאָרט געאַרבייט זיבען וואָכען. ס׳איז מיר דאָרט געווען זעהר גוט אָן איך בין דאָרט באַהאַנדעלט געוואָרען ווי א „גאַנצער מענש“.

די טאַנטע ציפּע האָט מיר דאָרט געגעבען צו עסען בחצי חנם און דעם אָנקעל׳ס משפחה—צו שלאָפען אין גאַנצען בחנם. מיין געלעגער איז געווען אויף א ביסעל שטרוי אויף דער ערד, און מיין צודעק—מיינע קורצע, דייטשע מלבושים. ס׳איז געווען זומער און די „פרייהייט“ איז מיין ווייך בעט געווען, „אונאַבהענגיגקייט“—מיין ווארעמע קאָלדרע.

איינמאָל אין מיטען די זיבען וואָכען גיט מיר מיין בעל־הבית א שווערען רעפּערטואַר ארבייט. איך האָב געאַרבייט איבער איהם

א גאַנצען טאָג, אָבער האָב קיין פּראָגרעס ניט געמאַכט און ס'האָט געשמעקט מיט אַ „סעק". איז מיר אין דער זעלבער נאַכט געקומען צו חלום דער שווערער „דזשאָב" און ווי אַזוי איהם בייצוקומען. אין דער פריה האָב איך רעפּערירט דאָס זייגערעל גענוי ווי דער חלום האָט מיר דיקטירט.

א צווייטען מאָל האָט מיר דער בעל־הבית געגעבען אַ צילינדער שפּינדעל צו טאָטשען, אָבער אַזוי ווי איך האָב דרעקסלען אויף דער מאַשין ניט געקענט, האָב איך עס געפיילט און פּאָלירט מיט דער האַנד. דער בעל־הבית האָט געמאַכט אַנ'אָנשטעל אַז ער זעהט ניט. ווען ס'איז פאַרטיג געוואָרען, האָט ער מיר געמאַכט שבחים און צוגעגעבען: „גודאַק, דאָס זייגערעל גיב איך קיינמאָל ניט צוריק דעם קונדע און זאָל ער מיך אָנקלאָגען. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אַ צילינדער געמאַכט מיט די הענד אַזוי פּערפעקט!"

סוף זיבען וואָכען, קומט זיך צופאָהרען פון פּוילען דער בעל־הבית'טעס אַ לאַנדסמאַן, אַן ערשט קלאַסיגער זייגער־מאַכער, מיט גוט דייטש ווערקצייג, מיט ממזר'ישע, ווינקענדיגע וואָנסעלאָך. האָט די בעל־הבית'טע גע'פּועל'ט ביי איהר מאַן, אַז ער זאָל מיך אָפּזאָגען. אָבער ער האָט מיר קודם געפונען אַ פּלאַץ אין אָלד קענט רויד.

אין צעהן יאָהר אַרום האָב איך דעם בעל־הבית געטראָפען אין ליווערפּול סטריט, נעהמט ער אַרויס דאָס זייגערעל. „זעהסט—זאָגט ער—איך טראָג נאָך דאָס זייגערעל, וואָס דו האָסט דעם צילינדער געמאַכט מיט די הענד. ס'איז מיין רעגולאַטאָר".

זעקס וואָכען געאַרבייט אין אָלד קענט רויד, געקריגען אַ פונט אַ וואָך, איינגעקויפט וועש, ווערקצייג און אָנגעהויבען זאַמלען די ענגלישע מטבעות. נאָך די זעקס וואָכען זאָגט צו מיר דער בעל־הבית אין אַ ליטווישען ענגלישען אידיש: „היינט קומט אַ דזענטעלמאַן קויפען ס'געסעפט. איך וויל מיט איהם זיין אין די סטוב, פאַרהאַנדלען וועגען פּרייז. דו פּרעטענד, דאָס קונים קומען אַריין קויפען סחורה, קומען אַריין און געהען אַרויס. עפּען אַלע מאָל די טהיר (די טהיר האָט געהאַט אַ קלימפּער), עפּען די געלד סופלאָד (דער שופלעד האָט אויך געהאַט אַ קלימפּער), מאַך כלומערסט געבען רעסט און זאָג יעדעס מאָל הויך: „טענקיאָ וועריי מאַטש! גוד מאָרנין סער!" דער דזענטעלמאַן זאָל דאָס אַלץ הערען אין דער צווייטער סטוב, און אויב

ס'וועט מיר געלינגען צו פארקויפען ס'געשעפט, זאָג איך דיר צו א סטעלע ביי מיין סווער, א סך א בעסערע ווי ביי מיר".

דער ליטוואַק האָט געטהון ס'זייניגע און איך ס'מייניגע, און ס'געשעפט איז פאַרקויפט געוואָרען.

דעם זעלבען אָוועגד האָב איך שוין געאַרבייט פאַר'ן שווער, און זיך צוגעהערט ווי דער שווער געהט הין און צוריק, דער קאַרק רויט פאַר כעס און די הענט פאַרלייגט הינטען און בייזערט זיך אויפ'ן איידעם: „א סוחר ביזטו? א קעצען־פלייש שאַפ וואָלסטו געדאַרפט האָבען! אַנדערע ווערען רייך אין אַלד קענט רויד און ער געהט און פאַרקויפט די ביזנעס! ביזט א פוילער גרינהאָרן און ביזט ניט ווערטה, וואָס די ערד טראָגט דיך".

האָט זיך דער איידעם פאַרענטפערט: „ניין, סווער לעבען, איך בין ניט קיין פוילער, זאָל גודאַק זאָגען! האָב איך ניט געפוצט די מעסענע סילדען יעדען טאָג? בין איך ניט געשטאַנען א גאַנצען טאָג פאַר דער טהיר און מיט די אויגען געוואָלט אריינציהען די סיקסעס? א מאַגנעט בין איך ניט".

ביידע האָבען געזאָגט דעם אמת. איך האָב גאָרניט גערעדט. ניט געוואָלט זיך אריינמישען צווישען צוויי אמת'ן.

די ערשטע דריי פונט.

אַנהויב ווינטער האָב איך אָנגעהויבען צו ארבייטען פאַר'ן שווער אין „הייבורי". געשלאָפען אויף א בוידעם ווי א פּאָעט, און געצאָהלט פינקטליך ווי א זייגערמאַכער צוויי שילינג א וואָך שלאָף־געלט.

ס'בעט איז געווען הארט ווי א שטיין און די קאָלדרע—דין ווי א לייִלעך (ס'איז א ביסעל איבערטריבען, אָבער וואָס טהוט דען ניט א שרייבער כדי צו געווינען די סימפּאַטיע פון א לעזער?).

האָב איך מיך צוגעדעקט מיט אַלץ, וואָס איך האָב פון זיך אויסגעטהון, מיט די שטיוועל, מיט מאַקאָלי'ס געשיכטע פון ענגלאַנד און מיט'ן ווערטערבוך. קעלט און רעגען האָבען דורכגעדרונגען דעם

דאַך און זיך איינגעגעסען אין די ביינער, אָבער איך בין דאָך צופרידען געווען, ווי אַן׳אמת׳ער סטאָיק. בייטאָג האָט דער שווער זיך אָפט דערוואַרעמט מיט אַ טרונק. דאָס הויזגעזינד איז זיך געזעסען אין שטיב ביים פייער, געגעסען „טשאַסטקעס“ און פאַרטרונקען מיט לעמאָנאַד. די טהיר פונ׳ם געשעפט האָבען זיי אָבער געלאָזט אָפען אפילו אין די גרעסטע פרעסט. די הענט זיינען מיר געשוואָלען געוואָרען. נאָר וואָס אַרט עס מיך? איך בין זיך געזעסען, געפרוירען און געאַרבייט. צו יעדער מאָהלצייט געלייענט לייט־אַרטיקלען און ניט פאַרגעסען צוזאַמענלייגען אַ פעני צו אַ פעני, אָנגעזאַמעלט גאַנצע דריי פונט און ס׳איז מיר גוט און וואויל געווען.

מיט אַמאָל—טראַך! קראַך!! ס׳ברעכט אויס די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה און מיר, אַ פאַרשאָלטענע, מיליטאַריסטען משפחה, זיינען דערביי אָנגעגריפען געוואָרען אויפ׳ן ערגסטען אופן: דער טאַטע איז אַלט געווען ניין און דרייסיג יאָהר און האָט זיך נאָך גערעכענט אינ׳ם רוסישען רעזערוו, און דער פעטער־שוואָגער יעקב—אויך אין רעזערוו. ויברח יעקב—איז יעקב אַנטלאָפען קיין שוועדען און פון דאָרט געקומען קיין לאָנדאָן, און דער טאַטע איז אויך דערוויל אַנטלאָפען קיין טוירין אין דייטשלאַנד, אָפּוואַרטענדיג אויפ׳ן טאָג, ווען מ׳וועט איהם אויפרופען, וועט ער אַנטלויפען ווייטער. די לאַגע איז געוואָרען אונערטרעגליך, האָב איך אַהיים געשיקט די ערשטע דריי פונט און טרייסט פאַר דריי הונדערט. פון יענעם טאָג עד היום הזה, אין יעדער עת צרה (און צרות פעהלען ניט, ברוך השם!), הויבען זיי די אויגען צוערשט אַרויף, צו גאָט, און דערנאָך פאַלען זיי, ווי די פיילען פון אַ בויגען, איבער׳ן דרום ים, אַהער; צו מיר.

נאָך עטליכע וואָכען איז אַרויס אַן „אוקאַז“ פון יעווגאָ אימפּעראַטאָרסקאָיע וועליטשעסטוואָ ניקאָליי דער צווייטער, אַז מענשען אינ׳ם טאַטענ׳ס יאָהרען זאָל מען ניט טשעפען. האָט זיך דער טאַטע אומגעקעהרט צוריק צו זיין שחיטה אין אַלעקסאַנדראָוואַ, און דער פעטער יעקב איז דאָ געבליבען ביז נאָך דער מלחמה, זיך שווער און ביטער מפרנס געווען פון פרעסעריי. שבת און זונטאָג פלעגט ער לייענען און זינגען פּאָלקס לידער אויף ציוניסטישע קאָנצערטען, און אייביג געביינקט נאָך זיין קאָלאָניאַל געוועלבעל און נאָך זיין ליוי: ווייבעלע פסהניו.

אַוואַנטיורעס.

ווי שוואך, זעלבסט־באַוואוסט און שעמעוודיג איך בין שטענדיג געווען, פון קינדהייט ביז היינט, האָב איך דאָך, אין דער זעלבער צייט, שטענדיג געהאַט מוטה אונטערצונעהמען געפעהרליכע עסקים און שלעפּען אויף זיך ריזיקאַלע אויפגאַבען. טהיילמאָל בין איך אַרויס בשלום צו דער באַוואונדערונג פון קאַלטבלוטיגע העלדען און טהייל־מאָל—געבראָכען דעם קאָפּ.

אין עלטער פון אַכט יאָהר, האָבען מיר אינגלאַך צוגעקוקט מיט ערשטוינונג, ווי אַנ'אַקראָבאַט האָט זיך געוואָרפען און געמאַכט קאָזשעליקעס אין דער לופט, דריי אין איין מאָל.

—ס'איז ניט אַזאַ גרויסע תורה, ווי איהר מיינט—זאָג איך צו מיינע חברים—מ'דאַרף נאָר האָבען דעם פאָרטעל. דער עיקר איז ניט שרעקען זיך און זיך לאָזען געהן.

זאָגען די אינגלאַך:

—אויב ס'איז ניט קיין תורה, פאַרוואָס קענסטו עס ניט?

—איך וועל אייך ווייזען, אַז איך קען יאָ.

און מיר געהען אַוועק צו אונז אין הויף אַריין און איך בינד זיך ענג אַרום מיט אַ פּאַסעק, דריק פעסט צוזאַמען ביידע פויסטען און לאָז זיך אין גאַלאָפּ אין דער לופט אַריין און... גיב זיך אַ זעץ אין קאָפּ אַריין, אַז איין גאָט זאָל שומר ומציל זיין! ווען אַ טויטער קריגט אַזאַ קלאַפּ, ווערט ער לעבעדיג. שעה'ן געלעגען באַוואוסטלאָז, און מ'האָט אַזש געמוזט לויפען נאָכ'ן דאָקטאָר.

אַנ'עהנליכע מפּלה געהאַט, ווען כ'בין אַלט געווען איין און צוואַנציג יאָהר, נאָר מיט ערגערע רעזולטאַטען.

כ'בין שוין דעמאָלט געווען אַ בריה אויף אָפּקאָכען אַליין אַנ'איי, מאַכען טיי און אָנבייסען. פאַרגלוסט זיך מיר איינמאָל צו קויפען פלייש און אַליין קאָכען אַ זונטאָגדיגען מיטאָג. בין איך ניט פויל, געה מיר אין מוצאי שבת אין מאַרק אַריין, קויף אַ גאַנץ פונט פלייש —כ'האָב זיך געשעהמט צו בעטען אַ האַלב פונט,—האַנדעל איין

מערען, פעטרישקע און שאר ירקות, ניט פאַרגעסען צו קויפען אויך אַ טעפעל, און לאָז זיך אַהיים צו מיין „לאָדזשע" (קוואַרטיר) מיט די פעקלאַך, געפּאַקט אין צייטונגען, געלאָדען ביז דער גאָמבע.

די גאָמבע איז פּונקט געווען ראַזירט און גליטשיג ווי אַ בלאַטע. האָט מיין אַלטער שונא, דער ווינט, געגען וועלכען איך האָב אייביג ליעב געהאַט זיך אַנטקעגנען צו שטעלען, דערזעהן מיין אונגעהאָלפענקייט. האָט ער אויסגענוצט די געלעגענהייט און מיר געגעבען אַ רייב אין פּנים אַריין מיט זיין אָנגעבלאָזענער לופט הענטשקע, און איך בין געפאַלען און זיך אויסגעצויגען, מיט'ן רויען מאַטעריאַל פונ'ם זונטאָגדיגען מיטאָג צעוואָרפען אַרום און אַרום.

כ'האָב באַשלאָסען, אַז ס'לוינט זיך ניט צו ווערען אַ העלדישער דאָן־קיכאָט און שלאָגען זיך מיט'ן ווינט אין אַ פינסטערניש איינער אַליין. האָב איך זיך אויפגעהויבען, אָפּגעווישט ס'מויל און די מלבושים, פאַרדעקט די מאכלים מיט אַ ריין לייט אַרטיקעל, וואָס כ'האָב אייביג געטראָגען אין מיין טאַש, און זיך אַהיים געשלעפּט דורך אונטערגעסלאַך. „ס'ערגסטע שוין איבערגעקומען — זיך געטראַכט — מאָרגען קאָך איך מיר פליישׁ, אַז אַ רויך וועט געהן. איך וועל ליגען אין בעט איינגעקאָרטשעט, ווי גראַף פּאָטאָצקי אַליין, וועל מיר לייענען איבסען'ס דראַמאַס און ס'וועט מיר גוט זיין אַ גאַנצען טאָג. קאָכען אַ שטיקעל פליישׁ—אויך מיר אַ תורה!"

צומאָרגענס—אַריינגעלייגט ס'פליישׁ אין טעפעל, אַריינגעגאָסען וואַסער, אַריינגעבראָקט מערען און פעטרישקע, אַריינגעשאָטען פעפער און זאַלץ, אָוועקגעשטעלט עס אויף דער אָנגעצונדענער מאַשינקע און געשפּרונגען צוריק אין בעט אַריין.

לייען איך אָפּ צוויי־דריי אַקטען „ווילדע קאַטשקע" און כאַפּ אַ קוק צום טעפעל זעהן ווי ס'האַלט מיט'ן מיטאָג, מערק איך אַז ס'וואַסער האָט אויסגעקאָכט און ס'פליישׁ איז נאָך רויט און רוי. אַריינגעגאָסען פריש וואַסער, צוריק אין בעט אַריין און אָפּגעלייענט די גאַנצע דראַמאַ. ס'האָט אָבער גאָרניט געהאָלפען—ס'וואַסער האָט אויסגעזאָדען און ס'פליישׁ—ווי געווען. ווידער צוגעגאָסען וואַסער. עטליכע מאָל אַזוי. ווען איך האָב שוין געהאַט אָפּגעפּטר'ט מיט איבסענען זיינען די מערען געווען גאַנץ ווייכלאַך, אָבער ס'פליישׁ איז ווי פריהער געבליבען רוי.

פון יענעם טאָג אָן האָב איך געקריגען גרויס דרך ארץ פאַר דער הויז־פרוי, וואָס קען די קונסט איבער אַלע קונסטען פון פלייש קאָכען. נאָך צוויי יאָהר זוכעניש, האָב איך מיין אידעאַל געפונען און חתונה געהאַט.

כ׳פאָהר אַהיים.

נאָך פיער יאָהר איז מיר נמאס געוואָרען דאָס איינזאַם, בחור׳יש לעבען און איך האָב זיך פאַרביינקט אַהיים. ניט מאַכענדיג קיין לאַנגע שהיות, בין איך אַהיים געפאָהרען זיך שטעלען קודם צום פריזיוו. אין די פיער יאָהר האָב איך נישקשה׳דיג אויסגעלערענט ענגליש, פאַרזוכט פונ׳ם עץ־הדעת פון דער ענגלישער קולטור, זיך אָנגעזאָפּט מיט דזשאָהן סטוארט מיל, דזשאָהן ראַסקין און מיט׳ן אַמעריקאַנער עמערסאָן; אויסגעלערענט נישקשה׳דיג די מלאכה און די פופציג און עטליכע גאָלדענע פונדען וואָס כ׳האָב אָנגעזאַמעלט, האָט מיר די טאַנטע ציפּע אריינגענעהט אין העמד נאָהענט צום הארצען.

אין אַלגעמיין קען מען זאָגען ס׳איז אַהיים געקומען דער זעלבער אינהאַלטסלאָזער משה עובד, נאָר מיט מעהר ראַ־ציאָנאַליסטישע פּערספּעקטיווען און געשאָרכעט האָט טאַקי ס׳שטעדטעל, ווי בלעטער אין הערבסט: „מש׳עובד, מש׳עובד איז געקומען!" פוילען האָט זיך אין פאַרלויף פון די פיער יאָהר—צו מיין גרויסער ענטוישונג—מעהר געענדערט ווי איך. כמעט די גאַנצע יוגענד האָט געפיבערט אין רעוואָלוציאָנערער היץ און נאַציאָנאַלע אידען האָבען אויסגעגלייכט די ביינער קנאַקענדיג. די אויגען האָבען זיי אָנגעשטעלט ווי גרויסע שיסער, געצילעוועט צום באַפרייאונגס ציעל.

דער פריזיוו.

אָפּגעציילט אחת ואחת דרייסיג גאָלדענע פונטען דעם מיליטער־רישען דאָקטאָר אין ליפּנע, האָט ער מיך פאַרזיכערט צו באַפרייען. ערב פריזיוו האָט מען אָבער געוועקסעלט די דאָקטוירים און מ׳האָט מיך געפונען פאַר „גאָדיען".

וויסענדיג אַז מיין גוף איז צו דעליקאַט און מיין נשמה צו שטאַרק פאַר מיליטער דיענסט, און בפרט נאָך, ווען דער געדאַנק צו דיענען דעם דעספּאָטישען צאַריזם איז מיר געווען אָפּשטויסענד ביז עקעל, האָב איך באַשלאָסען, אַז דער איינציגער אויסוועג איז צו ריזיקירען ס'לעבען און אַנטלויפען צוריק קיין לאָנדאָן. נאָר קודם האָב איך געמוזט געהן אין שוהל אַריין און שווערען ביי דער תורה צו דיענען טריי ניקאָליי דעם צווייטען. מיינע אונטערפיהרער זיינען געווען צוויי סאָלדאַטען מיט בלאַנקענדע שווערדען אויף די אַקסלען.

איך בין געווען דער איינציגער נפש אין שוהל, וואָס האָט געאָטהעמט מיט הייליגער פּוסטקייט. די סאָלדאַטען מיט די שווערדען זיינען געבליבען שטעהן ביי די סלופּעס פון די טיהרען.

דער אַלטער רב איז באַלד אַריינגעקומען. פאַרטיעפט אין דביקות און אין צער פון גלות השכינה, גיט ער מיר „שלום עליכם" מיט אַ טיעפען זיפץ און פיהרט מיך גלייך אַרויף צום ארון קודש, צו שווערען די שבועה פון טרייהייט. ער קושט דעם פרוכת, עפענט דעם ארון קודש, קושט די תורה און זיינע לעפצען עפענען זיך. זאָג איך שטילערהייד: „רבי, איך קאָן ניט שווערען; מאָרגען אַנטלויף איך קיין ענגלאַנד". זאָגט דער רב: „זאָג נאָך מיין קינד די שבועה, וואָס קען מען טהון? מ'איז דאָך אין גלות. קום קיין ענגלאַנד בשלום און זאָל דיר גאָט געבען, אַז דו זאָלסט זיין, וואָס יוסף איז געווען צו זיינע ברידער אין מצרים".

אַנטלאָפען צום צווייטען מאָל.

באַקומען דריי טעג אורלויב—פּונקט גענוג צייט צו אַנטלויפען. דער דאָקטאָר האָט מיר צוריקגעגעבען די דרייסיג פונט. איך האָב זיך געזעגענט מיט דער פיינער משפחה רובינשטיין און זייער טאָכטער רויזע, פאַר וועלכע איך האָב דעמאָלט ספּעציעל אָנגעשריבען צוועלף עסייען איבער ענגלישע פּאָליטישע פראַגען, זיך געזעגענט מיט רויזען אויף די פינסטערע טרעפּען אוןביידע האָבען מיר שטיל געוויינט, ווייל אונזער האַרמאָנישער האַרץ־קלאַפּ איז געוואָרען צושטערט.

איך בין תיכף אָפּגעפאָהרען קיין אַלעקסאַנדראָווא.

מיין קוזין חיים ליב טורקעלטויב, וועמענס שכל הישר האָט גע־האַט אַ געוויסע השפּעה אויף מיר אין מיין יוגענד (ער איז איצט אין זיך אַמעריקאַ און זעצט איבער מיין בוך „ארוים פון כאַאָס“ אין אַ גלענצענדען העברעאיש), האָט געוואוסט פון אַ אידעל מיט אַ ווייב און קינדער און אַ פערד און וואָגען און אַ קאָלאָניאל געוועלבעל, הארט ביי דער דייטשער גרעניץ. האָב איך דעם אידעל געגעבען צעהן רובעל פאַר איבערפיהרען מיך.

דאָס אידעל האָט געוואוסט, אַז איך בין ר׳ יחיאל׳ס זוהן. האָט ער מיך מכבד געווען מיט אַ פיינער סעודה און מיר אויסגעבעט אַ פריש, שטייף איבערגעצויגען בעט. צוויי פאַרטאָג וועקט ער מיך: „די פוהר איז גרייט“. ביי דער טהיר איז געשטאַנען אַ פערד גע־שפּאַנט אין אַ וואָגען און האַלט דעם אָטהעם ווי אַ שמוגלער. הייסט מיר דאָס אידעל זיך אויסציהען אויף׳ן וואָגען פלאַך, מיט׳ן פּנים אַראָפּ. איך פאָלג. דערנאָך פיהל איך און דערשמעק ווי ער לייגט רויהע פעלען פון בהמות און שאָף אַרויף אויף מיר. אָטהעמען האָב איך געקענט, נאָר די משא און דער ריח האָבען מיך שיעור ניט דער־שטיקט. פלוצלינג האָט זיך די פוהר אָפּגעשטעלט. הער איך ווי אַ רוסישער סאָלדאַט פרעגט, קלאַפּענדיג מיט דער שווערד אין וואָגען: „שמוגעלסטו עפּעס, איד?“

—ניין, גאָרניט.

—פאָהר ווייטער!

אָפּגעפאָהרען עטליכע הונדערט איילען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ שענק, אַראָפּגעוואָרפען די פעל און מיך קוים אַ לעבעדיגען אוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און געמינטערט מיט קאַלט דייטש וואַסער.

צוריק אין לאָנדאָן.

צוריקקומענדיג קיין לאָנדאָן, האָט זיך מיר געמאַכט אַ קליין זייגערמאַכעריי־געשעפטעל צו פאַרוואַלטען אין פעטטער ליין. דאָס איז אַ געסעל, וואָס שניידט זיך דורך צווישען האָלבאָרן און פליט סטריט. אין פעטטער ליין האָב איך צום ערשטען מאָל מיינע געשעפטס־פעהיגקייטען לערנען געקענט און באַקומען די מעגליכקייט צו באַקאָנען זיך מיט דעם כאַראַקטער פונ׳ם ענגלישען ביזנעס־פאָלק,

ווי אויך מיט דעם ליטעראַרישען גייסט, מיט'ן קאָמערציאַליזם און מאַשינעריי פון דער פּרעסע.

כ'האָב גלייך אָנגעהויבען צו שליסען אַ גרויסע פריינדשאַפט מיט ענגלענדער פון אַלע שיכטען. ס'געשעפטעל האָט זיך פאַר־בעסערט, מיין פּאָזיציע איז געשטיגען און יעדער טאָג לעבען איז געווען אַ טאָג פרייד.

צו יענער צייט בין איך איינגעשטאַנען אין אַ „לאָדזשע" אין האַלבאָרן אונטער די פּרודענשעל אינשורענס אָפיסעס. גלייך ווי איך האָב נאָר איבערגעטראָטען די שוועל מיט מיין פּאָלש־לעדערנעם טשעמאָדאַן, האָב איך דערזעהן אַ שעהן מיידעל מיט אַ מילכווייסער הויט און גוטע, לענגליכע יאַפּאַנישע אויגען, ווי זיסע מאַנדלען. זי איז געזעסען און געשריבען אַ בריעף. דאָס ערשטע וואָרט, וואָס זי האָט צו מיר גערעדט: „זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי אַזוי ליינט מען אויס אויף ענגליש „אַפּעקשאָנייט". האָב איך איהר געזאָגט און ס'האַרץ האָט גלייך געקלאַפּט אין מיר זעהר „אַפּעקשאָנייט".

ס'האָט ניט געדויערט עטליכע טעג האָט מען שוין גערעדט פון תנאים. אָנגעפרעגט מיינע עלטערען און זייער ענטפער איז געווען אַ פּאָזיטיווער „ניין". זייער מיינונג איז געווען, אַז איך זאָל זיך ניט איילען. געגוג געליטען פון אָרעמקייט און איצט נעמען אַנ'אָרעם מיידעל און זיך ווייטער מאַטערען א.א.וו. ס'איז אָפּנים ניט געווען פון יענע אמת'ע ליעבעס, וואָס איגנאָרירען די עשרת הדברות, ברעכען אייזען און שמעלצען שטאָל,—האָב איך גלייך אָפּגעלאָזט דעם שידוך, זיך אָרויסגעצויגען מיט מיין פּאָלש־לעדערנעם טשעמאָדאַן און מיט אַ קליין ליעבע־וואַונדעלע טיעף אין האַרצען, וועלכע די צייט האָט שוין לאַנג אויסגעהיילט.

אַ בעל־הבית פאַר זיך.

אין אַ שעהנעם יוני אָוועגד 1908, האָב איך פאַרשלאָסען ס'קליינע געשעפטעל אין פּעטטער ליין און מיר געגאַנגען אין אַ חול־המועד'יגען הומאָר שפּאַצירען מיט מיין פריינד חיים אין צענטער פון מערב לאָנדאָן. פּלוצלינג דערזעהן מיר אין ווינקעל פון ניו אָקספאָרד סטריט אַ קליין געוועלבעל צו פאַרדונגען. ס'איז געווען

צו קליין פאַר אַ פריזירער, האָב איך עס טאַקי אויף מאָרגען געדונגען פאַר זייגערמאַכעריי. אין אַ וואָך אַרום בין איך מיר שוין געזעסען אין שוי פענסטער און געאַרבייט. מיין פיגור האָט זיכער אויסגעזעהן ווי אַ שלעכט בילד פון אַנ׳אונבאַקאַנטען מייסטער, אָרעם געראַהמט אין אַ שווערער ראַהם פון זילבערנע און פאַרגילדעטע זייגערלאַך, קייטלאַך און רינגלאַך פון באַנאַלען, זייגערמאַכערישען מין. איך האָב זיך געפיהלט אונבאַשרייבליך און אונדרוקבאַרליך גוט. אַ קליינינגקייט! ענדליך אַ בעל־הבית פאַר זיך נאָך אַ לעבען אין עבדות אונטער יענעם. האָב איך זיך געפיהלט גליקליך, ווי אַ שוחט, וואָס שעכט פאַר זיך אַליין אַ היהנדעל, נאָך זיין רעזיגנאַציע; אָדער גאָר ווי אַ געוועזענע דינסט אינ׳ם ערשטען טאָג, אין וועלכען זי ווערט בעל־הבית׳טע אַליין פאַר זיך. כ׳האָב גערייניגט און פּאָלירט די רעדלאַך און די פּלאַטען און געקושט זיי טרוקען, אַז זיי זאָלען ניט ווערען פאַרשימעלט; קאָפּערטען געמאַכט אויסזעהן ווי ניי געשליפענע שפּיגלען אין אַ טאַנץ זאַל פאַר די אונגלויב־ליכסטע קלענסטע פּרייזען, אַבי אַרבייטען פאַר זיך אַליין. אַזוי זיינען אַוועק עטליכע טעג פון גרוים שמחה. פון דער קוואָרט מילך, וואָס איך האָב אַליין פאַר זיך באַשטעלט, און אַליין באַצאָהלט, איז מיין מאָגערקייט שיער־שיער ניט פעט געוואָרען.

ווי אַזוי מיין נאָמען איז געענדערט געוואָרען.

ווען אַנ׳אָרעמער שילדען־שרייבער האָט דערזעהן מיין ניי גע־וועלבעל מיט דער רייצענד־נאַקעטער־נאָמענלאָזער שילד, האָט ער אויף דעם חשבון געמאַכט עטליכע כוסות, דערנאָך זיך געדרעהט און געוואַקעלט פאַר מיין געוועלב, און ענדליך אָנגעבעטען אויפצו־מאָלען מיין נאָמען און מיין פאַך אויף דער וואָרטלאָזער שילד. מ׳האָט זיך משווה געווען און איך האָב איהם געהייסען אויפשרייבען „עדוואַרד גודאַק“, אין מיטען, „זייגער מאַכער“ אויף איין זייט און „יובעליר“ אויף דער צווייטער זייט. פרעגט ער איבער: עדוואַרד קאָדאַק? זאָג איך: „ניין, עדוואַרד גודאַק“. חזר׳ט ער נאָך אַמאָל איבער גרייזיג און איך קאָרעגיר איהם ווידער.

געוועזען איז ער שיכור ווי לוט, און אויסגעזעהן אין זיינע צע־ריסענע, באַפאַרבטע מלבושים און צעהאַקטער צורה, פונקט ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעריסען מיט דער לייוועגט פון אַ שיכורים־בילד

פון אַנ'אַלטען האַלענדישען מייסטער. רופט ער זיך אָפּ צו מיר מיט גלעזערנע אויגען: „וואָס טויג דיר גודאק, פאַרוואָס ניט פשוט— גוד? עדוואַרד גוד! קיינער אין דער סיטי האַנדעלט ניט אונטער זיין ריכטיגען נאָמען. כ'שרייב מיין גאַנץ לעבען שילדען און איך וויים. קיינער ניט!"

כ'זעה, אַז דער יויקעל רעדט לאָגיש. קיין ענגלענדער, איבער־הויפּט אַ שיכור, וועט קיינמאָל ניט קענען אויסרעדען מיין נאָמען און פון ניכטערע קונים איז שווער צו מאַכען אַ לעבען. און דערצו שרעקענדיג זיך, אַז ער זאָל ניט אַראָפּפאַלען פונ'ם לייטער און גע'־הרג'עט ווערען, שרייבענדיג אַזאַ ביינערדיגען נאָמען ווי „גודאַק", ווייל ענגלאַנד וואָלט זיכער זיך אָנגענומען זיין קריוודע און וואָלט ערקלעהרט מלחמה געגען מיר,—האָב איך צו איהם געזאָגט: „אַל־רייט, שרייב ווי דו ווילסט, אַבי ווער ניט דער'הרג'עט".

מיט יאָהרען שפּעטער, ווען דאָס געשעפט איז פאַרגרעסערט געוואָרען און דער נאָמען עדוואַרד גוד איז געוואָרען אַ שם־דבר אין דער גאַנצער אימפּעריע, האָב איך געהאַט אַנ'אמת'ן עגמת נפש, ווען איך האָב נאָר צייט געהאַט עגמת נפש צו האָבען, פונ'ם נאָמען וועקסלונג: „פאַר וואָס בין איך אַזאַ נאַר געווען און געלאָזט זיך איבעררעדען פון אַזאַ מין שיכור? פאַרמאָגט אַזאַ אָריגינעלען נאָמען און פּלוצלינג גענומען און איהם פאַרביטען אויף אַזאַ באַנאַלען! וואָלט איך כאָטש איינמאָל באַנקראָטירט אָדער כאָטש גע'הרג'עט אַ נפש. גאָר ניט, אפילו קיין שריפה'לע ניט געהאַט, טאָ צו וואָס באַליידיגט בחינם מיינע עלטערענס ביינאָמען און מיין נאַציאָנאַלען שטאָלץ?"

ערשט אין 1917, ווען איך האָב אָנגעהויבען צו שרייבען אונ־טער מיין אמת'ן נאָמען משה עובד—אַ נאָמען, וועלכען איך פאַר־הייליג און ער פאַרהייליגט מיך,—פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרען גלייכגילטיג צו אַלע איבעריגע נעמען. גודאק און גוד זיינען ביידע מיינע און ביידע ניט מיינע. בכלל דאַרף יעדער מענש האָבען אַ סך נעמען און צונעמענישען—וואָס מעהר אַלץ בעסער; נעמען וואָס זאָלען צופּאַסען צו יעדער חכמה און פּראָפעסיע און טיפּשות פון זיין לעבען. ס'איז שוין באמת צייט באַפרייט צו ווערען פונ'ם דעס־פּאָטיזם, וואָס דורות־אַלטע פאַמיליען־נעמען באַלאַסטען און באַ־לעסטערען אַ וואַקסענדע, בליהענדע משפחה.

אַזוי זיך געטראַכט און געטרייסט נאָך יאָהרען פון חרטה האָבען.

דאָס גניבה־קאַפּיטעל.

אינ'ם אָווענד פון מיין צעהנטען טאָג פרייד, האָבען מיך איבערגעשראָקען פיער גנבה'שע אויגען, וואָס האָבען ארייגעקוקט דורכ'ן פענסטער און באַטראַכט מיין יעדע באַוועגונג.

האָב איך מיט גרויס פּאָרזיכטיגקייט ארייגעפּאַקט אַלע סחורות, אפילו ס'ווערקצייג און די ברילען־שאַכטלאַך, ווי הערינג אין אַ פאַס אין דער קליינער, אייזערנער קאַסע, וואָס האָט מיך געקאָסט אַלס געניצטע—זעקס פונט (שפּעטער בין איך געוואוירע געוואָרען, אַז אַ נייע קאָסט פינף פונט!); פארשלאָסען די קאַסע, אויסגעדרעהט די עלעקטריק, פאַרשלאָסען די טיר און אַוועק אין אַ שכנות־דיגער קאָנ־דיטעריי, געטרונקען אַ גלאָז קאַווע און פאַרביסען מיט זיסע מאַנדלען.

אין אַ האַלבער שעה אַרום, צוגעהענדיג צום געשעפט, כדי זעהען אויב אַלץ איז אין אָרדנונג, איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. אוי, ס'ווערט מיר ניט גוט, דער טיר־שלאָס אויפגעבראָכען און די אייזערנע קאַסע איז ניטאָ. וואָלט איך כאָטש געווען סעקורירט.....

אָ, ווייכהאַרציגער לעזער מיינער! וואָלסט געדאַרפט זעהען מיין קושען צומאַרגענס! נאָר איך גלויב, אַז אפילו איצט איז ניט צו שפּעט. ס'איז נאָך אוודאי ביז היינטיגען טאָג נאַס. אַ גאַנצע נאַכט געבליפּעט און געוויינט—אסור, אויב אַ קינד, וואָס שניידט די ערשטע ציינדעלאך וויינט אזוי פיעל. פופציג גאָלדענע פונט! דער אָנגעזאַמעלטער גאָלדענער שוים פון פיער יאָהר פּראַצע! חיים'ס פופצעהן געבאָרגטע פונט, וואָס ער האָט שווער פאַרדיענט פון אייגענעם און פרעמדען שוויים. מיין ליעב ווערקצייג, די וואָס איך האָב זיך איינגעקויפט פאַר געלט און די וואָס איך האָב אין מיין פרייער צייט אליין געמאַכט, און איבער אַלעמען—די האָפנונג פון מיין גאַנצען לעבען. אַלץ האָט מען פון מיר אוועקגענומען אויף אייביג אין דעם אייזערנעם ארון און צו דער לוויה מיך אפילו ניט פאַרבעטען!

דער הויך־פּונקט פון דער טראַגעדיע איז געווען דאָס, וואָס אין ארון זיינען געלעגען רעפּעראַטורען פון פרעמדע מענשען. ווי אזוי

װעל איך זײ קענען באַגעגענען פּנים אל פּנים? זײ װעלען מיר דאָך ניט גלױבען. איך האָב קײן מוט ניט געהאַט צו עפענען די אָפּגע־בראָכענע טיר און קײן שילינג מיט װאָס אָנצופאַנגען. בין איך אַװעק קײן „לואישהעם", װאו מײן חיים האָט געאַרבײט אַלס פּריזירער און איהם אַלץ דערצעהלט. זאָגט ער צו מיר: „געה שױן, געה, זײ ניט קײן נאַר. װאָס העלפט דען װײנען? הױב בעסער אָן אױפסנײ. נאַ דיר פינפאונצװאַנציג שילינג און קױף דיר בעסער אײן אַביסעל סחורה".

בין איך אַװעק קײן װײטשעפּעל צו „ליפּען"—ער האָט געהאַנ־דעלט מיט אַלטע זײגערלאַך—און פון איהם געקױפט פאַר אַ פונט אַ פולען קאַסטען מיט צעבראָכענע, מעטאַלענע זײגערלאַך און לײדיגע קאַפּערטלאַך. געקױפט אין „האַנסדיטש" פאַר דרײ שילינג צװעלף פאַרגילדעטע בראָנזלעטען אין פּלושענע שאַכטלאַך, געמאַכט אין דײטשלאַנד, און געקױפט פאַר אַ פּעני פּאָמאַדע. אַזײגער פיער דעם זעלבען טאָג איז די שױ פענסטער געװען פאַרטיג: אױפגעפּוצט די מעשענע און קופּערנע קאַפּערטען פון די צעבראָכענע און לײדיגע זײגערלאַך מיט פּאָמאַדע און זײ אַרױסגעהאַנגען מיט'ן הינטען מחילה צום געעהרטען פּובליקום. די גאַס האָט געגלאַנצט און געפינקעלט און פאַרבלענדעט געװאָרען פון מײן „גאָלדענער" און „זילבערנער" אױסשטעלונג װי נאָך קײנמאָל ניט פריהער אין איהר רײכער, צעהנ־טאָגיגער געשיכטע.

אַזײגער פינף איז אַרײנגעהינקען אַן'אַלטער, ענגלישער דזשענ־טעלמאַן און געקױפט אַ בראָנזלעטעל אַלס פּרעזענט פאַר אײנער פון זײנע זעקס דינסטמײדלאַך, פאַר צעהן שילינג און זעקס פּענס. געקאָסט האָט עס מיר גאַנצע דרײ פּענס.

דאָס איז געװען דאָס אײנציגע מאָל, װען איך האָב באַשװינדעלט אַ מענשען אױף אַזאַ קלײנער סומע. נאַטירליך איז אין דעם שולדיג געװען, װי געװײנליך, דײטשלאַנד, װײל ס'איז געשטאַנען אָפּגעדרוקט מיט גאָלדענע אותיות אױפ'ן פּלושענעם שאַכטעל: „בעסטע קװאַלי־טעט. גאַראַנטירט צו האַלטען קאָליר צעהן יאָהר. פּרײז 10/6 אַ שטיק". די איבעריגע עלף בראָנזלעטען האָב איך קײנמאָל ניט פאַר־קױפט. זײ זײנען שװאַרץ געװאָרען אײדער איך בין נאָך רײך געװאָרען און כ'האָב זײ אַרײנגעװאָרפען אין מיסט.

די איינגעטימער פון די רעפּעראַטורען זיינען צו מיר געווען אויסערגעוויינליך פיין, ווי נאָר ענגלענדער קענען זיין. איינער, וואָס זיין זייגערעל פון דריי פונט ווערט איז פארשוואונדען מיט'ן ארון, האָט צו מיר געזאָגט: „אָ, ס'מאַכט ניט אויס. געב מיר די פיער ספּינקעס און מיר וועלען זיין „קוויט““ (זייער ווערט איז געווען איין שילינג). לעצטענס טרעפען מיר זיך ביים שאַך־ברעט. ער איז דער זעלבער דזשענטעלמאַן וועו אפילו ער פאַרלירט ביי מיר אין שאַך. בלויז פון איין מיידעל האָב איך געהאַט א ביסעל צרות. איהר באָבעס חופה־וקדושין רינג האָט זי געפאָדערט. פון יעדען בייזען אויג איז איהר ארויסגעפאַלען א טרעהר און פונ'ם צוזאַמענגעשרויפּטען מויל—„דזשו!“ (זשיד!). האָב איך זיך, אויך שטאַרק צעוויינט. עין תחת עין—א טרעהר פאר א טרעהר.

דער פינגערהוט.

צו יענער צייט האָב איך נאָך גאָרניט פארשטאַנען דעם נשמה־לשון פון אמת'ע אנטיקוויטעטען.

ס'איז גוט פאר ליידיגגעהער צו קאָלעקטירען אלטע זילבער, אַלטע מעבעל, כדי ניט משוגע צו ווערען. ס'איז גוט פאר די, וואָס האנדלען דערמיט צוליעב פרנסה, אָדער שטודירען עס לשם קאַריערע. אָבער פאר בלאַנק נייע דעמאָקראַטישע מענשען איז אמבעסטען און אמשעהנסטען און אמגלאַנציגסטען א בלאַנק, גלאַנציג, ניי ארטיקעל „אָט ערשט פון דער נאָדעל ארויס“. אזוי האָב איך אין מיין אונער־פאַהרענקייט געטראַכט.

איז איינמאָל אריינגעקומען צו מיר א דאַמע שטאַרק צעטראָגען. וואָס איז? זי וויל אנ'אנטיק זילבערנעם פינגערהוט; אפשר געפינט זיך ביי מיר איינער? לייג איך אוועק מיין זייגערמאַכערישע לופּע, הויב אויף א סאַטיריש צינגעל און זאָג צו איהר בזה הלשון:

—צו וואָס דאַרפט איהר אנ'אלטען פינגערהוט מיט לעבעלאַך? כ'וועל אייך א נייעם פארקויפען פאר בילינגער. פאר א שילינג האָט איהר א נייעם.

זאָגט זי:

—נייע קריג איך אומעדום. כ'האָב אַנ'אַלטען גאַרניטור און ס'פעהלט נאָר דער פינגערהוט צום קאָמפּלעט.

זאָג איך:

כ'קען מאַכען אַז דער נייער זאָל אויסזעהן אַלט.

ענטפערט זי:

—די אַלטע האָבען פּיקאַנטע מאָטאָס גראַווירט.

רוף איך זיך אָן:

—גיט מיר, מאַדאַם, די געלעגענהייט, וועל איך אויסקלעהרען אַ מאָטאָ.

געזאָגט און געטהון. אינ'ם זעלבען טאָג האָב איך גע'ממית'ט דעם נייעם פינגערהוט, געבויערט אין איהם לעכעלאַך, אָפּגעפּיילט די שאַרפקייט, מחבר געווען די מאָטאָ "In stitching too late I have no faith" (אין נייהען צו שפּעט, בין איך ניט קיין מאמין ווי איהר זעהט); עס אויסגראַווירט אויפ'ן פינגערהוט אין אַלטען שריפט, געוויקט עס אין שיידוואַסער, ביז ס'האָט אויסגע־זעהן ווי אַ גרייז גרויער זקן איבער אַ מאה.

מיין זייגערמאַכערישע אונוויסענהייט איז צופרידען געבליבען און די דאַמע אויך דאָס זעלבע. מעהר ווי אַ שילינג האָב איך ניט געוואָלט נעהמען פון איהר, ווייל שוין דעמאָלט האָב איך ליטעראַ־טור און קונסט געליפערט דער וועלט גראַטיס.

דאָס איז געווען מיט זעכצעהן יאָהר צוריק. היינט אָבער פיהל איך, וואָס אַנ'אַלטער פינגערהוט דערצעהלט מיר; ווי ליעדער און טרעהרען האָבען איהם פאַרהייליגט; ווי ער האָט אַמאָל אויסגענעהט העמדעלאַך פאַר קינדערלאַך קיינמאָל ניט געבוירען, און תכריכים פאַר פריהצייטיג פאַרלאָרענע. און דערצעהלען דערצעהלט ער אַלץ דורך דעם מיסטעריעזען שלייער פון דורות, ביז מיינע טרעהרען פאַלען אַריין אינ'ם געלעבערטען פינגערהוט און ער ווערט קיינמאָל ניט זאַט.

אויערען־בוירען.

די גמרא פרעגט, דאכט זיך, ערגעץ: „נאָך וואָס האָט גאָט באַשאַפען אויערען לעפעלאַך?“ און ענטפערט: „כדי צו פאַרשטאָפען מיט זיי די אויערען, ווען דו הערסט לשון הרע“.

באמת אָבער זיינען זיי נוצליכער פון אַ סך אַנדערע דעקאָראַטיוו־אונפעהיגע אברים, ווייל זיי ווערען באַנוצט פון די פרימיטיוסטע צייטען עד היום הזה פאַר באַמבלען אוירינגלאַך.

מעהר ווי איין פאָר אויערענלעפעלאַך האָב איך אַליין געלעבערט און אדורכגעצויגען גאָלדענע דראָטלאַך, ווי אַ גזלן. היינט טראָגען זיי, די דאַמען — אַ געזונט אין זיי — אויערינגלאַך, וואָס קלאַפּען און קלינגען אויף די ביינער פון די אַקסלען.

אייגענטליך בין איך ווייכהארציג און קען ניט זעהן קיין בלוט, נאָך ביזנעס שטונדען. אָבער וואָס טהוט מען ניט לשם מצוות אויערינגען און פרנסה? האָט דען מיין טאַטע גע'שחט'ען און גע'מלה'ט צוליעב פאַרגעניגען? נאַטירליך האָב איך אָפּערירט צער־בעלי־חיים'דיג און וויסענשאַפטליך מיט אַ מאַשינקע, וואָס אַז מ'ציהט ביים „טריגער“, פליהט אַרויס אַ שאַרף שפּילקעלע און לעבערט ס'אויער כהרף עין. ס'טהוט דעם פּאַציענט ניט וועה, און דעם וואָס אָפּערירט נאָך וויינינגער ניט וועה. און ס'איז אַ כלל, אַז אַנ'אוירינגס־דאַמע פון אמת'ן סאָרט איז ניט קיין אַכטאָגיג געבונדען, הילפלאָז אינגעלע. זי באַלאַנגט צו אַ בראַוועער אוירינג־ראַסע, איבער וועלכער אימה האָט קיין שליטה ניט.

אַזוי בין איך זיך אָנגעגאַנגען מיט מיין זייטיגער פּראָפעסיע פאַר עטליכע יאָהר צייט, אָהן אַ שום מכשול אָדער ענטשולדיגונג.

ויהי היום — קומט אַריין אַ פּאָר פאָלק. ער — אַלט, אייפערזיכטיג. זי — יונג, אַ בראָנעטקע. נאָך דער אָפּעראַציע איז איהר אַביסעל ניט גוט געוואָרען. פּונקט איז געווען אין געשעפט מיין פריינד מאָרגאַן. פרעגט ער דעם מאַן: „זאָל איך אַריינבריינגען אַ ביסעל קאַלט וואַסער?“ האָט דער מאַן דערזעהן בלוט, האָט זיין רציחה אויפגעקאָכט און ער האָט אָנגעהויבען שרייען צו מיין פריינד:

„מיינד יור אָון ביזנעס (קוק נאָך דיינע אייגענע געשעפטען), איז זי מיין ווייב אָדער דיינע?“ ביז כ׳האָב זי אַביסעל געבראַכט צו זיך און איינגעשטילט די מחלקה, איז די ניט אָפּגעווישטע מאַשין דער־וויל פאַרראָסטעט געוואָרען, און פון יענעם סענזאַציאָנעלען און סקאַנדאַליעזען טאָג—שוין אַ וודאי צעהן יאָהר—ראָסטעט אויך מיין ספּעציאַליטעט פון אויערען־בוירען.

דער קעניג פון קעמיאָס.

נאָך דער גניבה איז מיר זעהר שווער אָנגעקומען צו מאַכען אַ לעבען און צאָהלען דירה־געלט פון אָרעמער זייגערמאַכעריי. נאָך עטליכע חדשים פון מאַטערניש איז צו מיר אַריינגעקומען אַ וואָ־יאַזשאַר און שלאָגט מיר פאָר פיער קעמיאָ בראָשקעס פאַר צוויי שילינג. מיר האָבעןביידע ניט געוואוסט, ווי די זאַך הייסט, ווי מ׳טראָגט עס און פון וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל ס׳איז געמאַכט.

נאָר איך האָב ריזיקירט! זיי געקויפט פאַר צוויי שילינג און געלייגט אין שוי־פענסטער מיט די פנימ׳ער דרייסט צו דער גאַס, צו די קונים.

דעם זעלבען טאָג, ערב בין השמשות, האָט זיך באַוויזען אַ מיידעל. לויט איהר אויסזעהן—אַ גאַסען־פרוי. געקויפט איין בראָשקע פון די פיער און מיר באַצאָהלט פינף שילינג. נאָכ׳ן קויפען האָט זי מיר פאַרטרויט, אַז זיי הייסען „קעמיאָס“ און אַז איהר באָבע האָט אויך אַמאָל געהאַט אַ קעמיאָ. מיר איז אין נאָז אַריין דער שנעלער, גוטער פּראָפּיט און אין די אויערען—אַלץ וואָס זי האָט מיר גע־זאָגט. בין איך אַוועק אין ביבליאָטעק, ווי־זאָ־ווי מיין געשעפט, נאָכ־זאָגט. בין איך אַוועק אין ביבליאָטעק, וויזאַווי מיין געשעפט, נאָכ־דאָס בוך “Cameos, by Cyril Davenport” האָט מיך אַסך געלערענט. ס׳האָט באַלויכטען די גרויסע קונסט און אינטע־רעסאַנטע געשיכטע פון דער זאַך. איך האָב זיך גלייך אַריינגעלאָזט אין קאָלעקטירען קעמיאָס מיט אַ פייערדיגען ענטהוזיאַזם און רעלי־גיעזען פּאַטאָס. כ׳האָב עס ליעב באַקומען ווי דאָס לעבען. זיי אָנ־געזאַמעלט ווי אַ יתומים־פילאַנטראָפּ פאַרלוירענע קינדערלאַך, און זיי אַדאָפּטירט פאַר אייגענע. כ׳בין געוואָרען אין משך פון עטליכע

יאָהר א טאַטע פון טויזענטער און א מאַמע פון איינצעלנע. יעדעס שטיקעל, וואָס איז דורכגעגאַנגען מיין האַנט, האָט געקריגען א באַזונדערען חן. אורזאַכע? אָהן אַנ׳אורזאַכע. איך האָב זיי ליעב געהאַט. קעמיאָס זיינען געוואָרען מיין עבודה זרה. „קעמיאָ קאָרנער״—מיין קעניגרייך און איך אַליין בין געקרוינט געוואָרען אַלס „קעניג פון קעמיאָס״.

איך האָב אַרויסגעלאָזט א שעהנעם, אילוסטרירטען קאַטאַלאָג Cameos and Inspiration Jewellery, וועלכען די פעהיגע און גרויסהאַרציגע פרוי און פריינדין, מאַדאַם טהאָמסאָן פּריים, האָט מיר געהאָלפען שרייבען. דער קאַטאַלאָג האָט מיר א סך געהאָלפען צו מיינע ביזנעס. ער איז זאָגאַר איבערגעזעצט געוואָרען אין כינעזיש פאַר׳ן נאַציאָנאַלען מוזעאום אין פּעקין, און קעמיאָס זיינען געוואָרען די מאָדע איבער דער גאַנצער וועלט. איצט זיינען זיי שוין אויס מאָדע, נאָר אין ארץ ישראל פאַבריצירט מען זיי ערשט. אוודאי צוליעב דעם, וואָס די באַלפור דעקלאַראַציע האָט אַביסעל פאַרשפּעטיגט.

ווילדע מענשען.

אין 1910 האָב איך אָנגעהויבען צו קאָלעקטירען אַנטיק זייגערלעך, הויפּטזעכליך די פערפעריטע קלובעס פון זיי. דאָס זיינען פיין אויסגעזעגטע, געלעכערטע און גראַווירטע פּלאַטשיקע שטיקלאַך מעש, וואָס באַדעקען דעם באַלאַנס (אומרוה). טייל זיינען פיין ווי שפּיצען, טייל האָבען פּאָרטרעטען פון גרויסע גענערעלער, זייגערמאַכער אָדער זייגער־אייגענטימער. אין די גוטע אַלטע צייטען זיינען די אַלע געוועזען גרויסע יחסנים פון איין קאַטעגאָריע!

געוואוסט האָב איך פון די ביכער דאָס די „קלובעס״ האָבען מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק—ווען אויף האַנד וועדק איז געוועזען א גרויסע שפּע—געקאָסט פון א פונט ביז פינף פונט א שטיק אַרבייטס־געלט. מיך אָבער האָבען זיי געקאָסט דורכשניטליך זעקס פענס א שטיק, און כ׳האָב אָנגעזאַמעלט אין עטליכע יאָהר 17,000 שטיק. ס׳קען זיין אז דאָס איז געוועזען די גרעסטע קאָלעקציע אין

דער וועלט. וואָס קלעהרט איהר ? אביסעל חשק און גבורה אריינ־געלייגט אין דעם ענין, אסור צו א קאָלאָניע שאפען אין ארץ ישראל קאָסט מעהר טרחה און ענטוזיאַזם.

נישט האָבענדיג גוט פארשטאַנען, זיינען זיי אַלע אין מיינע אויגען געוועזען קונסטוועהרק—און וואָס טהוט נישט אַן אפיקורס פאַר קונסט ?

נאָר איין קליינעם חסרון האָבען זיי געהאַט : זיי האָבען זיך נישט פארקויפט. אפילו איך האָב זיי נישט געקאָנט פארקויפען ! נישט געוועזען אויף זיי קיין בעלנים אויפ׳ן מארק—און טוט עפּעס. ב׳האָב שוין געהאַלטען ביי ווערען ענטוישט און געפאַלען ביי זיך אין די אויגען, קומט אריין אין געשעפט צו מיר א פראַנצוזישער איד מיט א סולטאַניש בערדעל, א געניאַלען מוח און דעספּאָטישע מאַניערען, דערצו איז ער געוועזען זעהר פּעדאַנטיש, און באַשטעלט נאָך א לאַנג ביטערן דינגען זיך הונדערטערטער צלמים, אנקערס, שליסלען, אויערינגלעך און נאָז־רינגלעך. אַלעס זאָל ווערען אויס־געארבייט פון די זייגער־קלובעס. באַשטעלט האָט ער דאָס פאַר ווילדע מענשען, וועלכע האָבען יאָהרען לאַנג צוגעשטעלט זיין פראַנ־צויזישער פירמע עלעפאַנט־ביין פאַר גאָלדען געלט. איז זיי מיאוס געוואָרען ס׳גאָלד, האָט די פירמע אהינגעשיקט מיסיאָנערען מיט א ביבעל פאַר יעדען ווילדען מאַן און פרוי ; געבויט פאַר זיי א קירך און פארהייליגט פאַר זיי דעם זונטאָג. זיינען זיי געוועזען צופרידען א לאַנגע צייט. איז זיי אָבער מיאוס געוואָרען די קירך, אויך דער זונטאָג, און האָבען אויפגעגעסען די מיסיאָנערען. איז די פראַנצויזישע פירמע געפאַלען ווידער אויף א המצאה און צו די ווילדע מענשען געשיקט עטליכע טויזענט צילינדער־הוט׳ן און די אויבען באַשריבענע ציהרונגען, און די מתנות האָבען די ווילדע מענשען שוין פאַסיפיצירט.

זיי האָבען מסתמא געטראַכט אז די ווייסע, שוואַכע מענשען געבען זיך גרוים מיה, כדי די פיינע פיליגרין־ציהרונגען צו שאפען ספּעציעל פאַר זייערטוועגען. האָבען זיי שוין נישט געקאָנט זיין קיין חזרים און האָבען זיך מיט גרוים אפּעטיט גענומען צו דער ארבייט : א גאַנצע וואָך גע׳הרג׳עט עלעפאַנטען. די ביינער האָבען אַזש געקנאַקט. זונטאָג האָבען זיי זיך אויסגעפּוצט אין מיין ציהרונג, אין די צילינדער הוטען און מיט דער ביבעל אונטערן נאַקעטען אָרעם געגאַנגען אין

קירכע, האָבענדיג זיך געפיהלט גוט באַלוינט און הויך באעהרט פאַר זייער אַרבייט.

איך וואָלט אַלע מיינע זייגער קלובעס געהאַט אויספּאַרקויפט ביז היינט, נאָר אין 1914 האָבען די ווייסע מענשען זיך אָנגעפאַנגען אויס׳הרג׳ענען, האָט זיך ליידער, דער האַנדעל מיט די ווילדע מענשען אָבגעשטעלט.

פון פאָרם צו פּאַרב.

פון צייט צו צייט פּלעגט אַריינקומען אַ קריסטליכע פרוי, מאַדאַם ראָבערטסאָן. שטענדיג פאַרשיעדענאַרטיג און רייכפאַרביג געקליידעט. איהר קליידונג — פריהלינגס בלומען אויפ׳ן בית־עולם׳־דיגען ווינטער מיינעם.

דער שניי ווייסער רעליעף און בלאַסע קאָליר הינטערגרונד פון מיינע קעמיאָס, האָט איהר זוניג געזיכט באַלויכטען און צעשמאָלצען, און מיט איהרע בלויע אויגען האָט זי מיך גע„קידנעפּט" (פאַרשלעפּט) אויף אַ זעהר גויטיגער ים־און־הימעל רייזע.

יעדעס מאָל וואָס זי איז אַריינגעקומען, האָב איך געפיהלט, ווי זי וואָלט מיט אַ בייטש מיך אַרויסגעטריבען פונ׳ם ענגען טעמפּעל פון העלעניסטישע פאָרמען, און מיך אַריינגעיאָגט אין אונענדליכען, פאַרברייכען היכל פון יהדות.

איהר פערזענליכקייט, אָהן דרשות, אָהן ווערטער, האָט מיך מגייר געווען צו דיענען ליכט און שאָטען.

ביים אויפגאַנג פונ׳ם מאָרגענשטערען פון מיין ליכט־וועלט, האָב איך „אָפּגעדאַנקט", אויסגעטהון די קעמיאָ־קרוין, און אַליין זיך פּראָקלאַמירט אַלס דער „אימפּעראַטאָר פון פאַרבען".

פונ׳ם טאָג אָן, וואָס דער קעמיאָ ענטהוזיאַזם האָט זיך אָפּגעקיהלט, און איך האָב פאַרלאָרען אינטערעס אין דער געוויינליכער אַלטער קעמיאָ (מיט נייע האָב איך קיינמאָל מיינע הענט ניט פאַרשמוצט און אין אַנטיקען בין איך נאָך עד היום פאַרליעבט), איז די מאָדע שוואַכער און שוואַכער געוואָרען, און די איטאַליענישע און

יאַפּאַנישע מאַנופאַקטורען, וואָס האָבען זיך אָנגעגרייט גאַנצע בערג מיט שמאַטעדיגען „סטאַק“, זיינען געבראָכען געוואָרען, ווי שויבען דורך סאַפּראַדזשיסטקעס.

איך האָב גוטע פריינד קונים און קרבנות, וואָס טראָגען נאָך היינט מיינע קעמיאָס, און איך קוק אויף די קעמיאָס, ווי אויף מאָנומענטען און מצבות פונ׳ם אמאָל געוועזענעם קעניגרייך, וואָס איז פון מיינע אייגענע הענט געשאַפען געוואָרען; פון מיינע אייגענע הענט חרוב געוואָרען.

געבורט פון מיין לעבענס אינהאַלט.

דריי און דרייסיג יאָהר זיך אַרומגעוואַלגערט איבער׳ן ערדקויגעל פון גייסט. אַ גלות אינערהאַלב אַ גלות. אָהן ווילענסמאַכט און אָהן קראַפט. ניט געגלויבט ניט אין גאָט און ניט אין זיך. ניט פאַרשטאַנען די נפילה פון מענש און די סיבה פון דער נפילה. ניט באַגריפען די גרויסקייט פון אונזער תורה און די ליכטיגע שעהנקייט פון אונזערע נביאים.

ס׳האָט זיך מיר געדאַכט—מיר זיינען אַ פאָלק אָהן אַ מיסיע און מיר ליידען גאַנץ אומזיסט. און אפשר האָבען מיר יאָ אַ מיסיע און ליידען פאַר זינד? איך וואָלט זיך מיט קיינעם ניט געאַמפּערט צוליעב די פראַגען, און ס׳וואָלט מיך ניט געאַרט צי מיין קאָפּ שאָקעלט זיך אויף „יאָ“ אָדער אויף „ניין“.

אַזוי עלאַסטיש און שלאַבאַדיג זיך אינגאַנצען געפיהלט.

מיט שעהנע זאַכען זיך פאַרשפּיעלט טעג און יאָהרען, צו פאַרגעסען אין רעטעניש פון וועלט און אין אייגענער שוואַכקייט.

טיילמאָל האָט זיך מיין האַרץ געעפענט, ווי אַ טהיר פון אַ שפּיטאָל, צום צער פון מענש און צו די וואונדען פון מיין פאָלק. און ווען יעדעס ווינקעלע איז איבערפילט געוואָרען מיט וועהטאָג, האָט זיך די טהיר צוריק פאַרמאַכט, אָבער זייענדיג אַליין אַ קראַנקער, אַ בעל־מום, האָב איך קיינעם ניט געקענט היילען.

אין אַסיען 1916 בין איך איינער אַליין געפאָהרען אויף אַן אָמ־ניבוס אויבען, פון מערב קיין מזרח־דרום לאָנדאָן. אַ טונקעלער בין־השמשות רעגענדעל האָט דעם אָמניבוס באַגלייט און מיך באַשירעמט.

מיינע שטענדיג צושווימענע מחשבות, וואָס האָבען זיך אָנגע־קלאַפּט אין יעדען ברעג פון יעדער טהעמא, ווי שטיקער פון אַ שיף־ברוך אין פעלזען, האָבען זיך אין יענעם בין־השמשות קאָנצענטרירט אין אַ וויזיע, וואָס האָט אָנגעהאַלטען די גאַנצע פערציג מינוט פון דער רייזע. די וויזיע איז געווען פאָלגענדע:

איך שרייב אַ בוך, וואָס אַפּעלירט צום געוויסען פון אַלע פעלקער צו פאַרגעבען איינער דעם צווייטען זייער גרעסטע זינד פון ניט מוחל זיין זיך, און די וועלט הערט זיך צו צו מיינע ווערטער און לעבט אין ליעבשאַפט און שלום.

ווען כ'בין אַראָפּ פון באַס, האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען דערפיהלט, ווי איך בין געווען פערציג מינוט אין אַנ'אמת'ער וועלט, געלעבט דאָרט מיין פול לעבען און געווען דאָרט עפּעס אויף בוצען. דאָרט אין דער פעלזען־וועלט האָב איך מיר אַנ'אייביגע היים געשאַפען.

פון יענעם בין־השמשות אָן האָב איך אָנגעהויבען שוואַנגערען מיט לעבען, מיט אינהאַלט פון לעבען.

וואָכען שפּעטער איז מיר אין שלאָף דער טאָג צו חלום געקומען, ווי איך שטעה אויף אַ הויכען באַרג און רעד צו אַ מיליאָנען קעפּיגע מאַסע; רעד צו זיי אין לשון קודש, אין ווערטער וואָס איך האָב שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסען און ווערטער, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געקענט, מיט אַ פּראָפעטישען ריטם און סטיל רעד איך אַלס נביא פון אַ צוויי טויזענט יעהריגען גלות, מיט אַ נייעם פירוש אויפ'ן מלחמה'־דיגען לעבען; רעד אין נאָמען פון אייביגען גאָט מיט איבערצייגונג און אויטאָריטעט.

מיין פאַרשאָלטענער, דריי און דרייסיג יעהריגער זעלבסט באַ־וואוסטזיין, האָט צו שטאַרק אַפּלאָדירט אין גרוים באַוואונדערונג די גרויסע רעדע און מיך אַזש אויפגעוועקט און צושטערט דעם הייליגס־טען חלום פון מיין לעבען. אָבער די געטליכע אַטמאָספערע פונ'ם חלום האָט אָנגעהויבען אויף מיר צו רוהען און האָט זיך ביז היינטיגען טאָג

נאָך ניט אין גאַנצען פון מיר אָפּגעטהון. אין מיין גאַנץ לעבען האָב איך אַ ליכט, דין ווי אַ שאָטען, אַרום מיר געזעהן, וואָס באַגלייט מיך אויף אַלע וועגען. ווי די ווייסע שוים־ליניע פון אַ שיף איז מיר אין דער גרעסטער פינסטערניש אַ ליכט־שפּור נאָכגעגאַנגען. אָבער זייט יענעם חלום איז די ליכט שטאַרקער געוואָרען און איך בין כמעט אין גאַנצען ליכט געוואָרען.

מיט דעם פייער פון דער ליכט האָב איך מיין „אַרוים פון כאַאָס" געשריבען.

צו דער הויכער מדרגה פון חלום האָט דאָס בוך ניט דערגרייכט, ווייל די גאַנצע צייט פון קאָנצענטרירען זיך צום שרייבען, האָב איך געמוזט מלחמה האַלטען מיט מיין אייביג אינערליכען הויפּט שונא „זעלבסט באַוואוסטקייט" און מיט די פלשתים: סקעפּטיציזם, דער גייסט פון מערקורי, ליטעראַרישע פאָרם, צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט און מיט'ן געפעהרליכען חוש פאַר הומאָר.

דער דיכטער.

אָנהויב 1916 בין איך באַפריינדעט געוואָרען מיט'ן דיכטער. פיעל צייט מיט איהם פאַרבראַכט און ביטער אָפּגעלאַכט פון גאַנצע שטיקער מלחמה און גלות. געהאַט אויך פיעל ערנסטע, קאָנסטרוק־טיווע שמועסען.

ס'איז ניט צו ערקלעהרען, נאָר יעדעס מאָל, וואָס מיר האָבען זיך געטראָפען אַרום דעם שותפות'דיגען פייערעל פון אונזער פריינד־שאַפט, האָט זיין שוואַרץ בערדעל געגעבען אַ גנב'יש צינד־אונטער מיין עקספּלאָסיווען הומאָר שפּייכלער און ס'האָט זיך שריפה'דיג צע־פלאַקערט, ווי מיינעביידע זיידענס פאַרמעגענס.

ווען איך בין געווען אין שטימונג, האָט ער אַביסעל אמת־דיכ־טעריש, אַביסעל קריינקלאַך־קאָקעטיש און אַביסעל מיר צוליעב — ווייל ער האָט מיך דאָך ליעב געהאַט—אויפגעעפענט די אויגען־דעק־לאָך מיט אַ ריס, ווי אַ פאָרהאַנג אויף אַ שטאַרקער ספּרונזשינע, זאָגענדיג דערמיט: „עס צעגעהט איבער דער נשמה, ברודערקע, רעד ווייטער, רעד!"

ער האָט געהאַט מעלות און חסרונות, ווי יעדער מענש און אביסעל עקסטרא. נאָר אזוי ווי איך בין אליין ניט קיין פערפעקטער מאָדעל פון א צדיק, האָב איך פארקוקט זעהר פיעל, צוליעב זיין פקחות און אונטערציינדונגס קראפט.

ווען מיר האָבען זיך פארשמועסט אין „גדולות" אריין, פלעגט ער אויסשרייען: „גוד, גוד, גוד! וואָלסט דאָך געקענט זיין א גדול, פארברענט זאָל ווערען דיין געשעפט! פארוואָס שרייבסטו ניט? אזא גראָב בוך וואָלט איך דאָך אָנגעשריבען, ווען איך בין דו!"

טראָצדעם, וואָס מ'האָט איהם געקענט חושד זיין, אז ער מאַכט מיר קאָמפלימענטען, ווייל ער האָט פון מיר באַקומען אביסעל פינאַנ־ציעלע שטיצע, דאָך זיינען זיינע רייד פאַר מיר געווען „דברים היוצאים מן הלב" און האָבען אויף מיר טיעף געווירקט. אזוי לאַנג און ברייט, ביז איך האָב אין אָנהויב 1917 זיך אוועקגעזעצט צו שרייבען מיין „ארוים פון כאָאָס".

ער פלעגט לייענען קאפיטלאַך, איידער דער טינט האָט אויס־געטריקענט. די ווערטער האָבען נאָך געצאַפּעלט. ער האָט מיר אָבער קיינמאָל גאָרניט קאָרעגירט, קיין אות ניט געענדערט, צי ס'איז איהם יאָ געפעלען אָדער ניט. „שרייב, נאָר שרייב, ביזט געבוירען דערצו"—איז שטענדיג געווען זיין באַמערקונג. שטאַרק צופרידען איז ער ניט געווען. „ביזט פעהיג אויף בעסערס"—פלעגט ער זאָגען. און אויך: „אוי, גוד, וועל איך דיך געבען א שטעל אוועק אין א ראָמאַן!" אונטער די אויגען, ווען ער האָט פון מיר אָפּגעלאַכט, האָט ער מיך גערופען „משיח".

ווען איך האָב איהם פּרעזענטירט דאָס בוך, ספּעציעל געבונדען אין לעדער, מיט'ן „עץ חיים" אין גאָלד, האָב איך עס אָטאָגראַפירט מיט די ווערטער:

„פאַר איינעם פון מיינע מלאכים—אין אָנדענקען ביז'ן טויט".

עטליכע מאָל האָט ער פון מיר עפּעס צוגע'לקח'נט, ווען איך האָב אוועקגעקוקט; און איינמאָל, געדענק איך, האָב איך בכונה אוועקגעקוקט, כדי ער זאָל עובר זיין אויפ'ן אַכטען געבאָט פון די עשרת הדברות. איך האָב געוואוסט, אז ער הונגערט און קיין מזומן געלד האָב איך קיין חשק ניט געהאַט איהם צו געבען.

אָנהויב 1918 האָט א פאַרשטעהער פון דער מאָראַלער רעגירונג פון יענעם טאָג איהם געכאַפּט אין מיטען ווייטשעפּעל קושען א

מיידעל. ער האָט זי געליעבט אונלעגאַל. ער האָט איהם אָפּגעריסען פון איהר אַזוי שטאַרק, אַז אַ שטיק קוש האָט זיך מיטגעריסען, און איהם גלייך אַרויסגעשליפּען פון לאַנד, ווי אַ שוואַרצען פלעק פון'ם בלוי־ווייסען ריינעם בריליאַנט—ענגלאַנד.

אַ קאָרטען לייגער.

ס'איז געווען אָנהויב זומער פון'ם גרויסען נסים'דיגען יאָהר 1917. איך האָב געשוועבט אין אַ לופטיגען אָוועגד צו מיין פריינד, דעם דיכטער, וועלכער איז דעמאָלט איינגעשטאַנען אין אַ שמוציג, אָרעם רעסטאָראַן אין איסט ענד פון לאָנדאָן.

אַריינקומענדיג, האָב איך באַמערקט שפּאַצירען אַ אידישען מאַטראָז פון וואַנט צו וואַנט, אונטערזינגענדיג זיך אָריענטאַל־אידישע און אַנדערע מאָטיווען אויף אַ ווילדען שטייגער. פאַרבינדענדיג אַ געשפּרעך מיט איהם, דערצעהלט ער מיר, אַז ער איז אַ ווייטער קרוב מיט סאָקאָלאָוו'ן. שטאַמען שטאַמט ער פון לאָדז. זיין שיף איז טאָר־פּעדירט געוואָרען ובכן וואַרט ער אויף אַנ'אַנדער שיף. ער קען לערמאָנטאָוו'ן אויסוועניג און דערצו האָט ער זיך אויסגעלערענט אין בינא קאָרטען לייגען. בקיצור — דער אוננאָרמאַלער מאַטראָז הויבט אָן צו פּערפאָרמירען מיט קאָרטען, און יעדען וואָס ער זאָגט וועגען זיין פאַרגאַנגענהייט ווערט פּשוט משוגע פון באַוואונדערונג. ער האָט דעם דיכטער, אין דער געגענוואַרט פון זיין פרוי, דערצעהלט זיינע אַלטע און נייע ליעבעס און געטראָפען ביז אַ האָהר. דערנאָך האָט ער מיר אויסגעלייגט קאָרטען. איך בין דעמאָלט געווען אַ סקעפּ־טיקער, נאָר דער מאַטראָז האָט מיך ווירקליך איבערראַשט. ער האָט אין עטליכע מינוט געמאַכט אַ סך־הכל פון מיין לעבען. אַכט מאָל האָט ער געמישט די קאָרטען און זיי ווידער אויסגעלייגט, און יעדעס מאָל האָט ער קלאָהרער געזעהן און גערעדט.

נאָכ'ן ערשטען מאָל האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט נאָך אַזאַ אויסערגעוועהנליכען פאַרשוין ניט געטראָפען. נאָכ'ן צווייטען מאָל האָט ער אָנגעהויבען זאָגען: „דאָ ווערט געזאָגט, אַז דו ביזט פאַרטיפט אין אַ אידעע; און וואָס באַשטעהט זי?" איך האָב איהם ניט געענט־פערט. בקיצור—נאָכ'ן אַכטען מאָל פון לייגען די קאָרטען, רופט ער זיך אָן: „דאָ איז געשריבען, אַז דו ווילסט פאַרבעסערען די וועלט. דו

זוכסט אויפצואוויייזען, אַז די וועלט גערהט אויף אַ שלעכטען וועג. אָבער ס'איז נאָך צו פריה. די צייט איז נאָך ניט געקומען. אַ האַלבע וועלט וועט זיין מיט דיר און אַ האַלבע—געגען דיר. אָבער די צייט איז נאָך ניט געקומען".

זיינע רייד זיינען פאַר מיר געווען אַ התגלות. זיי האָבען געהאָל־פען צו מאַכען מיך מעהר גלויביג און וויניגער „קלוג". אין יענעם אָווענד, ווען איך בין אַוועק פון רעסטאָראַן, האָב איך געפיהלט, ווי איינער, וואָס מ'האָט איהם אָפּגעשינדען די אַלטע, דיקע הויט און אַ נייע דינע, דורכזיכטיגע הויט האָט זיך איבערגעצויגען.

פינקעלשטיין—ליטווינאָוו.

לאַנדאָנער אידענטהום האָט באַזעסען אַ פיינעם אָרנאַמענט אין הערר פינקעלשטיין. ער איז געווען אַ גרויסער פילאָלאָג. מ'זאָגט, אַז ער האָט גוט באַהערשט צוועלף לשונות און דערצו—אַ גוטער תלמוד'יסט. אַזוי ווי ער איז כל ימיו געווען אַ בחור, האָט ער געקענט ווידמען זיינע אָווענדס פאַר באַזוכען רעפּעראַטען. אָפּטמאָל האָט ער אַליין געלעקטשורט איבער געגענוואַרטיגע און היסטאָרישע ענינים, ווייל צו אַלעם איז ער געווען אויך אַ היסטאָריקער.

אָנהויב מלחמה האָט איהם גאָט געהאָלפען צו קריגען אַ גוטען אַמט ביי דער רעגירונג אַלס קאָרעספּאָנדענץ צענזאָר. דעם אַמט האָט ער אָבער פאַרלוירען איבער אַ קליינינקייט: אַ נאָמען. צו זיין נאָמען פינקעלשטיין האָט ער אין זיין יוגענד מוסיף געווען—ליטווי־נאָוו, און אַזוי ווי ליטווינאָוו־פינקעלשטיין, דער באַריהמטער רוסישער באָלשעוויק איז געוואָרען אַ שם דבר און מ'האָט פון זיין נאָמען גע־מאַכט הוכא וטלולא אין אַלע „מוזיק האָלס", האָט פינקעלשטיין־ליטווינאָוו דירעקט געליטען דערפון און פאַרלוירען זיין אַמט.

אַ שעהן פאָלק זיינען מיר, ווי איך בין אַ איד! אויסערדעם וואָס מיר ליידען פון אונזער נאַציאָנאַלען נאָמען, ווי „דזשו" און „זשיד", ליידען מיר פון אונזערע פּריוואַטע נעמען און צונעמען. איז עס אַ אידישער נאָמען, איז שלעכט צום האַנדעל און וועה צו די קינדער. איז עס אַ צוגעקלעפּטער—טהוט וועה ס'געוויסען. האַלב און האַלב טויג גאָר אויף כפּרות, און פינקעלשטיין־ליטווינאָוו האָט איבער זיין דייטשען און באָלשעוויסטישען נאָמען פאַרלוירען זיין גוטע, וואַ־

רעמע פּאָזיציע אין מיטען בלוט־באָד, און האָט זיך אַרומגעדרעהט אין לאָנדאָן אָרעם, קראַנק און דערשלאָגען פון צוויי „אידישע“ נעמען.

סוף 1917, נאָכדעם ווי ישראל זאַנגוויל האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איבערצוזעצען מיין בוך אין ענגליש, שרייבענדיג זאַנגוויליסטיש, אַז ער האָט ניט קיין צייט צו שרייבען זיינע אייגענע ביכער... האָב איך געלייגט מיין אויג אויף איהם אַלס איבערזעצער. מערקענדיג איהם פאַרבייגעהן דאָס געשעפט מיט'ן קאָפּ אַראָפּגעבויגען ביז צום ערש־טען וועסטען קנעפּעל און די הענד פאַרלייגט, איין האַנד אין דער צווייטער האַנד'ס אַרבעל, האָב איך איהם אַריינגערופען און צו איהם אַזוי געזאָגט:

—הערר פינקעלשטיין, איהר האָט ליעב שלום?

—נאַטירליך. ווער ניט?

—אויב אַזוי, בעט איך אייך איבערצוזעצען מיין בוך אין ענגליש. אין ענגליש וועט עס ברייננגען שלום אויף דער וועלט.

—וואָס איז ס'טעמאַ, מר. גוד?

—ליעבע, הערר פינקעלשטיין. אָבער ניט חלילה שכן־ליעבע, אָדער נאַציאָנאַלע ליעבע, נאָר מענשליכע, שעפּפערישע, געשלעכטליכע ליעבע.

ווען ער איז געוואָרען פאַראינטערעסירט, האָב איך פאַרשלאָסען ס'געשעפט, אַהיים געשיקט מיינע געהילפען און אָהן קאָמענטאַרען דאָס גאַנצע ביכעל פאָרגעלייענט. צום סוף זאָגט ער צו מיר:

—דאָס איז אַ גלענצענדע פּאָעמאַ און איך בין אַ ספּעציאַליסט נאָר אין פּראָזאַ. ווייסט איהר אָבער ווער עס קען גוט איבערזעצען? מיסס העלענאַ פרענק.

איך האָב געהערט און געלעזען פון העלענאַ פרענק. זי האָט אי־בערזעצט הונדערטער זאַכען פון די מאָדערנע אידישע און העברע־אישע קלאַסיקער אין ענגליש. נאָר פּערזענליך האָב איך זי ניט געקענט. ווי אַזוי זשע קומט מען צו איהר?

זאָגט ער:

—נעהמט אַ פּען און שרייבט שוין אַ בריעף צו איהר. איך וועל אייך דיקטירען:

„מיסס ה. פרענק.

טייערע מאַדאַם.

מעג איך אייך בעטען ענטשולדיגונג, פאַר דעם וואָס איך בין אייך מטריח א.ז.וו., א.ז.וו.“

זעהר ריטעריש איידעל און טאַקטפול, ווי איינער וואָס האָט שוין טויזענטער פריוואַטע, דעליקאַטע בריעף פון קאַוואַלירען צו קאַוואַלירקעס צענזורירט. ליידער אָבער איז צומאָרגענס געקומען אַ תשובה פון העלענאַ פרענק, אַז זי איז באַשעפטיגט איבער׳ן קאָפּ און קאָן מעהר ניט אונטערנעהמען קיין איבערזעצונגען. וואָס טהוט מען?

האָב איך גלייך געשריבען אויף מיין חוצפּה׳דיגען אופן:

„טייערע מיסס העלענאַ פרענק.

כ׳דאַנק אייך פאַר אייער בריעף. ווען איהר וואָלט וויסען, אַז מיט אַ געטליכער איבערזעצונג פון מיין בוך, קענט איהר זיין צום גרעסטען נוץ פאַר דער מענשהייט, וואָלט איהר זיך אויך דאַן אָפּגעזאָגט? איך בין זיכער אַז ניט. איך וועל קומען צו אייך, אָדער איהר קומט צו מיר אויסצוהערען מיין שליחות“.

אויף מאָרגען איז זי געקומען אין געשעפט אריין. אַ שכן האָט מיר געבאָרגט אַ שטיל צימערל. כ׳האָב איהר דאָרט פאָרגעלייענט עטליכע קאַפּיטלאַך פון אידישען מאַנוסקריפּט, און זי האָט זיך אונטערגענומען עס איבערצוזעצען אויפ׳ן תנאי, אַז איך זאָל איהר צוהעלפען, און אַז זי זאָל צו יעדער צייט האָבען דאָס רעכט צו „סטרייקען“.

כ׳האָב מסכים געווען און זי האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבייט. אפשר דרייסיג מאָל געווען ביי איהר און צוזאַמען האָבען מיר יעדעס קאַפּיטעל, יעדע שורה, רעווידירט און פּאָלירט אַזוי ווייט, אַז אין פיעל הינזיכטען איז עס בעסער, ווי אין אָריגינאַל. אַ חוץ אין געוויסע לירישע שטעלען, ווען אידיש איז בלויז אַ שפּראַך פאַר זיך אַליין, פּשוט אונאיבערזעצבאַר.

ס׳איז פאַר מיר אַ גרויס גליק געווען לערנען צו קענען אַזאַ אידישע קריסטין, אַזאַ דעמאָקראַטישע אַריסטאָקראַטקע, אַזאַ טיכטיגע און שטילע אַרבייטאָרין און אַזאַ צדיקת, וואָס טהוט אַ סך גוטעס יעדען טאָג און איהר גאַנץ לעבען איז איין גרויסע מצוה.

ווען ס'בוך איז פאַרטיג געוואָרען, האָב איך איהר פּרעזענטירט אַן אַלטע קעמיאָ מיט דער טהעמאַ: „פּרעה'ס טאָכטער ראַטעוועט משה'ן פון וואַסער".

פינקעלשטיין־ליטווינאָוו, דעם גוטען אידען און תלמיד חכם, האָב איך אין די לעצטע יאָהרען אָפּט געטראָפען. דאָס לעבען האָט איהם געפּייניגט פון אַלע זייטען. זיין פאַרטיידיגונגס געוועהר איז געווען דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד פון גרויס נאָבילימעט, ביז ער איז געפאַלען עלענד צווישען בערג ביכער און לעבענס אַנשויאונגען און ער איז געבראַכט געוואָרען צו קבר ישראל.

זאָל זיין ערד כאָטש איצט רוהען. זאָלען די הימלען פאַרגעסען זיינע נעמען פינקעלשטיין־ליטווינאָוו. ביי זיין עהרען נאָמען ר'... בן... זאָל דער מלאך מיכאל אין גן־עדן איהם אַריינבעטען.

דער אַפּאַל רינג.

מאַדאַם סאַדלער איז געפאָהרען נאָך „קעמיאַ קאָרנער" מיט בטחון און התלהבות, ווי אַ חסיד צום רבין. יעדעס מאָל האָט זי פאַרציקט זילבערנע שטיקלאַך און ברעקלאַך פון „בריק אַ ברעק", פון אָבפאַלעכטס, פון שיריים. אַזוי האָט זי זיך אָנגעזאַמעלט אין דערהיים אַ פול קאַבינעטעל מיט זילבערנע וואַזעלאַך, קעסטעלאַך און צאַצקעלאַך אַלץ „מציאות", און ביי יעדען פּיצעל געשוואָרען ווי ביי אַ הייליגקייט. ווייל ס'איז געקומען פון „קעמיאָ קאָרנער".

יעדען פרייטאָג האָט זי אָפּגעריינינגט פון יעדען שטיקעל זילבער דעם שטויב און מוטנעקייט, די „פּאַטינע" און מיקראָבען פון וואָכענדיג־קייט, און אויף שבת און זונטאָג האָט אַלעס געבלישטשעט ווי דער פרייד־גלאַנץ אויף איהר פּנים. אַזאַ שענע קאָלעקציע, אָהן עין־הרע! און אַלץ גלאַט־כשר פון „קעמיאָ קאָרנער".

די יאָהרען זיינען געפלויגען, אָבער קיינמאָל ניט איבערגעשטיגען איהר נחת.

האָט זי איינמאָל דערזעהן אויף מיין פינגער אַ זעלטענעם אָפּאַל־רינג צו וועלכען איהר האַרץ האָט שטאַרק געגלוסט. אָבער מיין עגאָאיסטישע נשמה האָט זיך ניט געוואָלט שיידען מיט איהם.

איז זי אַריין אין פאַרשוועכטען קדשי־קדשים פון מיין זייט צייל־טיש און זיך געבעטען ווי ביי אַ גזלן. „ניין, ניין!"—האָב איך

זיך ברוטאַל איינגעיעקשן'ט—„קענסט דעם אָפּאַל ניט האָבען פאַר קיין געלט און פאַר קיינע טרעהרען אין דער וועלט."

—„אויב דו וועסט זיך דערמיט אמאָל שיידען, וועסטו מיר עס לאָזען האָבען?"

—„יאָ, דיר און קיין אַנדערען ניט. זיי זיכער, מאַדאַם סאַדלער."

און זי איז אַהיים געפאָהרען אַ ביסעל בארוהיגט.

אין עטליכע טעג ארום קומט אריין מיין גוטע פריינדין, די זיסע קינסטלער זינגערין מאַדאַם אננאַ טהערספיעלד, און דערזעהט דעם אָפּאַל אויף מיין פינגער.

—„אָ, גאָט, וואָס פאַר אַ שטיין! אין מיין לעבען אַזעלכעס ניט געזעהן. ווייז איהם נאָר.

כ'ווייז איהר דעם רינג און געב איהר אָן אַנצוהערעניש, אַז ער איז ניט פאַרקויפבאַר.

פיעשטשעט זי זיך ווי אַ קינד. דאָס מיילכעל ווערט ביי איהר קליין און ס'ווייזען זיך די צוויי פאָדערשטע ציינדלאַך און זי קוקט מיך אָן מיט מעדוזאַ אויגען און מיט אַ בייזלאַך, וויינענדיג געבעט.

—„מיר וועסטו עס יאָ פאַרקויפען, זעה נאָר, האָסט דאָך אַזוי פיעל שענע זאַכען, איך האָב גאָרנישט!"

ענטפער איך אַפּאָלאָגעטיש:

—„פאַרקויף איך דען ניט גענוג יעדען טאָג זאַכען, וועלכע איך האָב קיין שום מאָראַלע רעכט זיי צו קויפען אָדער פאַרקויפען? אָ, לאָז מיך כאָטש האָבען דעם רינג. איך דאַרף איהם האָבען ווי דאָס לעבען. נאָך וואָס זאָלסטו איהם קויפען? איך באָרג דיר איהם צו יעדער צייט."

—„ניין, ער באַלאַנגט צו מיר און צו מיינע ליידען. איך וועל קראַנק ווערען, אויב דו וועסט איהם מיר ניט פאַרקויפען. שטאַרק קראַנק ווערען. זאָג מיר וויפיעל ווילסטו פאַר איהם?"

—„פרעג ניט „וויפיעל". איך הער לוידער דאָס וואָרט צו פיעל מאָל אַ טאָג. דו זאָלסט אויך פרעגען „וויפיעל"? דו באַליידיגסט זיך, מיך און דעם רינג מיט'ן מיאוסען וואָרט אין דער מענשליכער שפּראַך „וויפיעל"."

—„אָלרייט!—זאָגט זי—פאַרקויף ניט, פאַרקויף ניט."

און פאַרלאָזט דאָס געשעפט בייזלאַך.

דערוויילּ איז יעדע וואָך אַריינגעקומען מאַדאַם סאַדלער צו זעהען, אויב מיין האַרץ איז ווייכער געוואָרען, און געטרייסט זיך דערמיט, וואָס איך פאַרקויף איהם ניט קיין אַנדערען.

אין עטליכע וואָכען אַרום טעלעפאָנירט מיר מיין פריינדין אננא טהערספיעלד אין אַ שוואַך, צעבראָכען קול, אַז זי איז קראַנק, און אויב איך וויל, אַז זי זאָל ניט שטאַרבען יונגערהייד, זאָל איך בעסער אַזוי גוט זיין און פאַרקויפען איהר דעם רינג. זי האָט עס זעהר ערענסט געזאָגט און געמיינט.

האָב איך איהר געענטפערט, אַז ס'טוט מיר לייד, אָבער איך קען זיך ניט שיידען מיט'ן אָפּאַל רינג.

האָט זי ווידערהאָלט די אויבענדערמאָנטע ווערטער, נאָר נאָך אַ סך קרענקליכער. איז מיין האַרץ ווייך געוואָרען און איך האָב איהר צוגעזאָגט, מיט'ן תנאי אַז זי זאָל מיר חלילה ניט געבען קיין פּראָפיט, נאָר צאָהלען וויפיעל עס קאָסט.

צומאָרגענס איז זי נאָך דעם געקומען. איך האָב זיך מיט'ן רינג געשיידט, ווי אַ רייך־געוועזענע מוטער, וואָס פאַרקויפט ביליג איהר ליעבלינגס־טאָכטער אין דיענסט צו אַ פריינד.

ווען מאַדאַם סאַדלער איז אַריינגעקומען, האָב איך זיך פאַר איהר מודה ומתודה געוועזן: „דיין אומגליק איז אויך מיין אומגליק.“ איהר געזאָגט און געבעטען ענטשולדיגונג.

זי האָט מיר מוחל געווען און זיך געקויפט אַנ'אַנדערען שעהנעם אָפּאַל רינג, וואָס זאָל דיענען אין דער זעלבער צייט אַלס זכר פאַר יענעם.

אין צוויי־דריי יאָהר שפּעטער איז מאַדאַם סאַדלער קראַנק געוואָרען און האָט געדאַרפט אַנ'אָפּעראַציע. האָט די פאַמיליע גע־ראַטען, אַז זי זאָל אויסטהון דעם אָפּאַל בשעת דער אָפּעראַציע, ווייל דער אַבערגלויבען, אַז אָפּאַלען זיינען ניט מזל'דיג, איז זעהר פּאָפּולער אפשר מעהר ווי די קרענק אַליין. זי האָט אָבער ניט איינגעוויליגט און איהם יאָ געטראָגען. אונטער דער צווייטער אָפּעראַציע האָט זי איהם אויך געטראָגען. אונטער דער דריטער איז זי נעבאַך געשטאָר־בען. אָבער ניט פריהער ווי ביז נאָכ'ן טויט האָט מען פון איהר דעם

אפאל רינג אראפגענומען פונ'ם טויטען פינגער, און איך האב איהם צוריק אפגעקויפט פאר געלט.

שרייבענדיג די געשיכטע ליגט ער ביי מיר אין וועסטען טאש; טרויערט נאך יענער, וואס האט איהם דאפעלט געליעבט, אליין פאר זיך און אויך אלס זכר.

און וואס א טאג ווערט ער אלץ בלאסער און בלאסער.

מיין גאמבעלע.

אונטער מיין רוקען, וואס איז אביסעל געבויגען פון געבורט, גלות, גמרא און זייגערמאכעריי, הייננט א מעשענער מנורה־שפיגעל. ער רעפלעקטירט די טעג און די נעכט; די מזל'דיגע קונים, וואס קומען אריין און געהען ארויס; די מזלות פון די חדשים און די לבנה, וואס וואקסט גלאנציג אין מיטען מיין שווארצען קאפ. אלץ — אפילו ליטע־ראטען—רעאליסטען—רעפלעקטירט ער מיסטעריעז. דריי אריגינעל געבויגענע רעהרען פארצווייגען זיך ארויף פון שפיגעל פאר האלטען ליכט. ביי מיר אבער ווערען די צווייגען גענוצט, שוין זייט א שאק מיט יאהרען, פאר אויפהייננען הונדערטער שנירלאך פאטשערקעס. אויף יעדען צווייג הייננט א בארג פון כל'ערליי מינים, אויסגעמישט אינאיינעם; שטיינער אלערליי, וואס האבען ניט געפונען קיין ארט אינ'ם כהן גדול'ס חושן ואפוד און קיין תיקון, הייננען זיי דארט שוין יאהרען, יאהרען לאנג.

פון אלע ווינקעלאך פון דער אונטער־הימעלשער ערד און פון ימים זיינען זיי צוזאמענגעקומען און זינגען פה אחד א הארמאניש וועלטלאר־שיר.

דער וויין־רויטער אינדישער קארניליען, דער הימעל־בלויער פערסישער טערקיז, דער פעך־שווארצער דייטשער אניקס און דער בלוט־רויטער איטאליענישער קאראל, זינגען מיט'ן מילכיגען אונגארי־שען אפאל, מיט'ן פייערדיגען אפאל פון מעקסיקא, מיט'ן גראז־גרינעם מאלאכיט פון סיביר און מיט נאטורס העראגליפישע אגאטען פון שאט־לאנד. דעם הארטען אויסגעבעטענעם, אויסגעטריקענטען בורשטין פון ארץ ישראל און אראביע מונטערען זיי מיט א זאנפטיגען זמר.

אַלע צוזאַמען רוהען זיי אויף מיינע צווייגען אין שלום, און זינגען פאַר יעדען באַזונדער אַ שירה חדשה.

איז איינמאָל אַריינגעקומען צום ערשטען מאָל אַן'ענגלישע פרוי און דערזעהן דעם מנורה־שפּיגעל מיט די דריי ניגוּאַראַ וואַסער־פאַלען פון פאַרגליווערטע, פּעטראָפירטע פאַרבען. פרעגט זי: „גוואַלד און געשריען! זאָגט מיר ווער וואַגט עס צו טראָגען אַזעלכע גרויסע פּאַטשערקעס? זיי זיינען מעהר פּאַסענד פאַר אַראַבישע פערד“.

זאָג איך איהר: „די אַראַבער דעקאָרירען שענער זייערע פערד, ווי די אייראָפּעער זייערע פרויען.“

„טראָגען עס טאַקי פרויען?“—פרעגט זי ווייטער ערשטוינט.

„יאָ. הונדערטער און טויזענטער פרויען טראָגען די פּאַטשערקעס צו איינס, צוויי און דריי שנירלאַך. דעם טאָג אָבער וואָס איך וועל באַגעגענען אַ פרוי מיט'ן קוראַזש צו טראָגען אַלע דריי בערג פּאַטשער־קעס אויף איהרע אַקסלען, וועל איך זיך אין אָט דער פרוי יענעם טאָג שטערבליך פאַרליעבען און, בלי נדר, שיסען דעמיעניגען, וואָס וועט מיר שטעהן אין וועג. ביי צופאַל אָדער דורך השגחה אָדערביידע צוזאַמען, איז אינ'ם זעלבען טאָג אַריינגעקומען אַ באַ'חנ'ט מיידעל מיט אַ גרויסער נשמה, מיט פאַרשטענדניש פאַר פאַרבען־שפּיעל און פּאַטשערקע-מוזיק. מעסט זי אָן בארג אויף באַרג און גאַפט פון זיי.

וואָס טהוט מען?—פאַרשפּראָכען ערשט היינט שטערבליך זיך צו פאַרליעבען און דאָ שטעהט זי דאָך פאַר מיינע פאַרוואונדערטע אויגען. וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען אין אַזאַ נסיון? רבונו של עולם, האַר פון דער גאַנצער וועלט! אַזאַ פאַרלעגענהייט!

זיך יאָ פאַרליעבען שטערבליך? סטייטש. איך האָב דאָך שוין אַ ווייב און בין אַ לעגאַלער טאַטע פון דריי קינדער. די צייטונגען און די אָפּישען וועלען דען קענען פאַרשוויינען אַזאַ סקאַנדאַל? זיך ניט פאַרליעבען שטערבליך? טאָ ווי קען איך, קנעכט צו מיין וואָרט, ברעכען מיין וואָרט?

אַזוי ווי איך באַזיץ ניט די ברוטאַלע גבורה פון אַ יפתח, האָב איך נאָך לאַנג וואַקלען זיך באַשלאָסען צו בלייבען אין אַ פאַרלעגענ־הייט.

די שולד פאַלט, נאַטירליך, אויף די אַקסלען פון מיין קליין, שוואַך, ניט דעצעדירענד גאַמבעלע.

היסטאָריע חזר'ט זיך איבער.

היסטאָריע ווידערהאָלט זיך און היסטאָריקער—נאָך מעהר.

איך האָב שוין דערצעהלט דעם נס, וואָס האָט געטראָפען מיין זיידען, ווי ער האָט געפונען אַ קניפּעל, וועלכען אַ בעטלער האָט פאַרלאָרען און דערמיט געמאַכט פּסח.

און דאָס וואָס טרעפט די זיידעס, טרעפט אויך די אייניקלאַך. ס'איז נאָר אַ נפקא מינה אין דאַטען און אין קניפּעל.

ביי מיר איז דער נס אַזוי פאָרגעקומען:

סוף זומער 1917, נאָכדעם ווי איך האָב אַסך חדשים פאַרנאַכלעסיגט ביזנעס, דערמיט וואָס אַלע מיינע מחשבות זיינען געווען פאַרנומען מיט מיין „אַרויס פון כאַאָס" און דערמיט, וואָס איך האָב זיך אַרומגעדרעהט שיכור פון מיין נייער שליחות אין אַ ניכטערער, אויסגעוועפּטער עפּאָכע, זיינען די געשעפטען גאַנץ שלעכט געווען. אין אַזאַ צייט קלינגט אַפּטער און רעש'יגער דער טעלעפאָן, ווי די פייערלעשערס גלאָקען. וואָס איז? דעם באַנק פאַרוואַלטער פעהלט אויס געלד צו דעקען מיינס אַ וועקסעל. הויבט אָן צו קלינגען דער טעלעפאָן—קלאַפּט דאָס האַרץ, ווערט פאַרשטומט דאָס געזאַנג און די פעדער פאַלט אַרויס פון האַנט.

זיצענדיג איינמאָל אין געשעפט ביים ציילטיש און פאַלירענדיג פאַרזיכטיג אַ קאַפּיטעל „אַרויס פון כאַאָס", קומט אַריין אַ מאַן און פרעגט:

—„האָט איהר עפּעס אַגאַטען צו פאַרקויפען?

משפּט'נדיג פון זיין אָרעם אויסזעהען, האָב איך גערעכענט: „ער וויל אוודאי אַ שטיינדעל פאַר אַ שילינג. לוינט זיך מיר אויפצושטעלען? און איך ענטפער איהם:

—„ניין."

—„אויב איהר האָט—ווייזט מיר!"—איז ער צוגעשטאַנען.

„אויב איהר האָט". יענער האָט עטליכע גרויסע שופלאָדען פול מיט אַלערליי אַגאַטען פון כל'ערליי מינים, ווי די שטיינדלאַך ביים ברעג ים, ווי די צו קלוגע קינדער פון ישראל. „אויב איהר האָט".

און איך שטעל מיך אויף און ווייז איהם אַ טיעפען שופלאַד פול.

ווערט ער פאַרגאַפט און קויפט צוואַנציג שטיינער פאַר אַ פונט. ס'דויערט ניט קיין שעה און ער קומט צוריק און קויפט פאַר הונדערט פונט, און צומאָרגענס ווידער געקויפט און איבערמאָרגענס ווידער געקויפט. שאַכטלאַך, קעמיאָס, געמאָס, זיגלען, שטיינער, קייטלען— אָהן אַ שיעור און אָהן אַ סוף. אַלץ, וואָס מיין האַרץ האָט געגלוסט צו פאַרקויפען, האָט ער געקויפט, און מעהר. זעלטען אַרויסגערעדט אַ וואָרט. בלויז איבערגערעכענט און באַצאָהלט. געהייסען האָט ער „קיצעל" און אַז „קיצעל" האָט אונטערגעשריבען אַ טשעק, איז עס געוועזן אַ טשעק כהלכתו.

אויפ'ן צעהנטען טאָג קומט ער אַריין, נעמט אַרויס פון וועסטען טאַש אַ זילבערנעם זעקס־פּענס, דרעהט איהם ווי אַ רעדעל צווישען די פינגער און זאָגט:

—„מעהר פאַרמאָג איך שוין ניט. קענט איהר מיר געבען אַן „אַגאַט" פאַר זעקס־פּענס?"

האָב איך איהם געגעבען אַ שטיינדעל.

איך געדענק ניט צי גענומען פון איהם דעם זעקס־פּענס צי ניט, נאָר איך געדענק און פיהל ביז היינטיגען טאָג, אַז דער זעקס־פּענס האָט געגלאַנצט ווי די „שטערען" פון אַ פאַטש אין פנים און געוועזן שאַרף אַרום און אַרום, ווי אַ מוהל'ס מעסערל און געשניטען דאָס געוויסען. אַלע פּאַר חדשים זעה איך איהם פאַרבייגעהן ס'געשעפט. שרעקליך אָפּגעלאָזען און אָפּגעריסען. עס נעהמט מיר דורך אַ קעלט איבער די ביינער, ווען ער קוקט אַריין אין פענסטער. עס דאַכט זיך מיר אַז די שויבען זיינען פון אייז געגאָסען. איז ער ניט אַמאָל אַן'אייניקעל פון מיין זיידענס בעטלער? איך האָב פאַרדיענט אין איהם אַ 150 פונט. געוואָרען פרייער אין געלט, שווערער אין טאַש און לייכטער אויפ'ן האַרצען, און דער טעלעפאָן קלימפּער האָט זיך אַביסעל אויסגערוהט ס'צינגעל און די טעלעפאָן דראָהטען די נערוועז. הויבט זיך אָבער אָן אַ נייע זאָרג: וואָס טהוט מען מיט'ן לויזען געלט? האָב איך געקויפט אַ מיאוס'ן דימאַנטען־בראַנזלעט פאַר איבער 300 פונט און געזוכט אַ קונה.

קומט אַריין דער „פראַנצויז". באמת—אַ פּוילישער איד, נאַטור־ראַליזירט איינמאָל אין אַמעריקאַ און איינמאָל אין שווייץ און לעבט שוין אַ שאָק מיט יאָהרען אין ענגלאַנד. דער חברה'מאַן האָט מיר אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהר געטהון טובה'לאַך: געבאָרגט אַלע

מאָל אביסעל געלט, איבערגעלאָזט סחורה אויף קאָמיסיע, און דערביי דערצעהלט מיר זיינע גניבה'שע שמד שטיקלאַך, וואָס ער שפּיעלט אָפּ אין פּאַריז און אין לאָנדאָן. איהם האָב איך געטרויט דעם בראָנד־לעט און ער האָט מיר „אָנגעקנאַקט" אויף 150 פונט און—אדיע!

איך בין זיך שוין מייאש, נאָר טאָמער ווערט ער אַנ'אָרענטליכער מענש און גיט מיר אָפּ די 150 פונט, וועל איך עס לאָזען וויסען אין דער צווייטער אויסגאַבע.

דאָס דערמאָנט מיך, אז א קונה איז מיר שולדיג געווען יאָהרען לאַנג 10 פונט—„א ניע רוזש!"—דערוויסענדיג זיך פון עמיצען, אז איך באַשרייב מיין לעבען, האָט ער געציטערט, אז איך זאָל חס ושלום ניט דערמאָנען זיין חוב און איהם דערמיט פאַראייביגען, האָט ער מיר די טעג באַצאָלט די 10 פונט. איך וועל שוין אייביג שרייבען אויטאָביאָגראַפיעס!

סאָקאָלאָוו.

אין א חול המועד האָבען זיך צוזאַמענגענומען עטליכע אינגלאַך פון אַלעקסאַנדראָווא, צווישען די יאָהרען צעהן־צוועלף, און געפאָהרען קיין וואַרשאָ. א נסיעה פון זעקס שעה מיט דער באַהן. די הויפּט כוונה איז געווען צו זעהען פּרץ'ן און סאָקאָלאָוו'ן. איינער פון די אינגלאַך בין איך געווען.

מיר האָבען וויניג וואָס געלייענט, און נאָך וויניגער פאַרשטאַנען וואָס די צוויי שרייבער האָבען געשריבען. ס'האָט זיך אָבער אונז שטאַרק געגלוסט צו זעהען די געשטאַלטען פון די צוויי פאַרגעטערטע מענשען, וואָס אין אַלע חדרים און אין אַלע בתי־מדרשים און אונטער יעדען אויוון, האָט מען פון זיי אַזוי פיעל גערעדט און גע'חלום'ט מיט אַזוי פיעל התלהבות און גוזמא. און ווער האָט דערצעהלט וועגען זיי אונגלויבליכע לעגענדעס?—אפּיקורסים. די וואָס האָבען אין טראַ־דיציאָנעלע לעגענדעס ניט געגלויבט.

האָבען מיר זיך געלאָזט קיין וואַרשאָ, גלייך צו סאָקאָלאָוו'ס אַדרעס, זיך אָוועקגעשטעלט ביים טויער, אַריינגעקוקט אין הויף, וואו די רעדאַקציע און דרוקעריי פון „הצפירה" איז געווען און זיין פּריוואַט וואוינונג.

געוואַרט א שעה און צוויי טאָמער וועט ער זיך באַווייזען אין א

טיר, טויער אָדער פענסטער. מיר וואָלטען דעמאָלט גליקליכע איבער גליקליכע אהיים געפאָהרען און דערצעהלט און געשוואוירען מיט אלע שבועות, אויב מ'וואָלט אונז אויף איין שבועה ניט געגלויבט, אז מיר האָבען געזעהען סאָקאָלאָוו'ן אליין!

מיר האָבען אָבער בחנם געוואַרט. ער האָט זיך ניט באַוויזען. האָט איין אינגעל געזאָגט צום צווייטען און דאָס צווייטע צום דריטען: „זאָל מען געהן צו פרץ'ן און צוריקקומען שפּעטער.“

אַוועק צו פּרץ'ן האָט זיך אונז געדאַכט, אז א ווייסער פאָרהאַנג, אויף וועלכען מיר האָבען געקוקט א שעה צייט, רוקט זיך אַוועק, און א שטיקעל פון זיין פנים באַווייזט זיך מיט א רחמנות'דיגען שמייכעל, פונקט ווי אויף די פאָטאָגראַפיעס.

און צופרידענגעשטעלטע זיינען מיר געלאָפען צוריק צו זעהען סאָקאָלאָוו'ן.

געוואַרט א שטיקעל צייט, דערזעהען מיר בפירוש, ווי ער אליין געהט אַרויס פון זיין אייגען הויז און טרעט אריבער דעם הויף צו דער דרוקעריי מיט פּאַפּירען אין האַנט, א פּאַפּיראָס אין מויל און אַן ענגלישע „קעפּ“ (א קאַפּעל מיט א דאַשעק) באַדעקט זיין געקרייזעלטען קאָפּ האָהר.

האָבען מיר זיך שטאַרק געפרעהט, און פרעהענדיגערהייד זיינען מיר געלאָפען צוריק צו דער סטאַנציע, צו פאָהרען אהיים, איבער־יאָגענדיג איינער דעם צווייטען.

* * *

עטליכע יאָהר שפּעטער איז אין לאָנדאָן פאָרגעקומען א ציוניסטי־שער קאָנגרעס. אין „הצפירה“ איז דעמאָלט ערשינען א נאָטיץ: „סאָקאָלאָוו פאָהרט היינט אויפ'ן ציוניסטישען קאָנגרעס אין לאָנדאָן דורך אלעקסאַנדראָווער גרענעץ.“

האָב איך באותו הרגע אויפגעהערט צו עסען און צו שלאָפען; געלאָפען צו יעדען צוג איהם אָפּוואַרטען, אָנקוקען, און—אויב קוראַזש וועט ניט אויספעהלען—איהם אָפּגעבען „שלום עליכם“.

קומענדיג אין אַן'אָוונט אויף דער אלעקסאַנדראָווער סטאַנציע, האָט זיך דערפיהלט אין דער לופט קאָנגרעס שטימונג. טאַקי דערזעהען פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם, יאַשינאָווסקי, קאָהן, און אַנדערע דעלעגאַ־טען מיט פּאַטריאַכאַלישע, קעניגליכע בערד (אַנ'אַנדער אונטערדריקט

פאָלק, וואָלט שוין לאַנג באַפרייט געוואָרען און אונטערדריקט אַנדערע בלויז מיט איינער פון אַזעלכע בערד!). האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָ אין צוג מוז זיין מיין פאַרגעטערטער העלד סאָקאָלאָוו. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבען קלאַפּען, ווי אַ זייגערמאַכער׳ס האַמערל. לויף איך פון לאָקאָמאָטיוו ביז׳ן לעצטען באַגאַזש־וואַגאָן און צוריק. ענדליך דערזעה איך איהם אין ערשטען קלאַס.

ער איז געווען געקליידט אין אַן ענגלישען שוואַרץ־ווייס געקעסטעלטען ספּאָרט־אַנצוג, אַן ענגלישע „קעפּ“ אויפ׳ן קאָפּ און אַ גרויסער לעדערנער טייסטער מיט אַ לעדערנעם פּאַסיק אויפ׳ן אַקסעל. געווען פאַרנומען אין אַ געשפּרעך מיט׳ן משכיל׳שען אסימילאַטאָרישען עקספּעדיטאָר קאָוואַלסקי פון אַלעקסאַנדראָווא.

ווען כ׳האָב שוין גענומען מיין ביסעל קוראַזש איןביידע הענט אַריין און געוואָלט איהם אָפּגעבען „שלום־עליכם“, דערמאָן איך זיך, אַז מיינע הויזען זיינען צעריסען גראָד אויף אַ ניט אַנשטענדיג אָרט, און מורא׳דיגע בושה האָט מיך אַרומגעכאַפּט.

„אמת—האָב איך זיך געטראַכט,—אמת, איך דרעה זיך און קערעווע זיך און קען פאַרמיידען געוויינליכע מענשען פון באַמערקען די אויסגעריסענקייט פון מיינע הויזען. איך געה נעבען וואַנט, נעבען פּלויט. האָלט עס שוין גאָר שלעכט און אָט־אָט לאָזט יענער אַראָפּ די אויגען און דערזעהט, געב איך יענעם אַ קוק גלייך אין די אויגען אַריין, און מיט׳ן קוק שרויף איך יענעמס אויגען צו מיינע, צום הימעל, צו גאַנצע שטיקער פון מיר, אַבי ניט צו מיין צעריסענקייט. אָבער מיט סאָקאָלאָוו׳ן קען מען אַזאַ שפּיצעל ניט מאַכען. ער איז דאָך אַ חכם מכל אדם; ער איז דאָך אַזאַ פּסיכאָלאָגישער גאון. מיט איין קוק דערזעהט ער דאָך אַלץ, יעדען ריס אין דיר“.

און איך האָב זיך געשעהמט צוצוגעהן. געשטאַנען האַרט ביי דער וואַנט פון סטאַנציע, מיין העלד באַטראַכט און באַוואונדערט.

דער דריטער קלונג האָט מיך אָבער באַרוישט און פאַר׳שיכור׳ט. איך בין אַריינגעלאָפען אין וואַגאָן, דערלאַנגט איהם די האַנט און געוואונשען איהם גליק.

אויף דער קורצער העברעאישער שפּראַך, האָט ער צייט געהאַט צו ענטפערען און דאַנקען, איידער דער צוג איז אָפּגעגאַנגען.

* * *

אין 1912 אָדער אין 1913 קומט אַריין אין געשעפט אַ פרעמדער,

אַלטער און לעבענס־לוסטיגער כ׳אַן, געקליידעט מעשה טהעאָלאָג, אין א ברייטער, לאַנגער פּעלערינע, באוואקסען ווי א פרומער איד, נאָר דער קול—צו געזונד און צו שטארק פאר א בן־ישראל.

ער גיט מיר א גאָלדען זייגערל, אריינצושטעלען א ניי גלעזעל.

נעהם איך דאָס זייגערל אין האנט אריין, באטראכט עס און זאָג צו איהם:

—דאָס איז א אידיש זייגערל.

זאָגט ער:

—נאָך וואָס פאר א אידעש זייגערל! ס׳באלאנגט צו נחום סאָקאָלאָוו׳ן. ער שטעהט איין אין מאַנטאַגיו סטריט, נומער איינס. דאָס נעקסטע הויז צום בריטישען מוזעאום. אָבער, זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, ווי אזוי האָט איהר געטראָפען, אז דאָס איז א אידיש זייגערל?

איך האָב מיך שטארק צעלאכט.

—ווי אזוי איך האָב געטראָפען? א אידיש זייגערל וואָלט איך דערקענט מיילען ווייט ביים קרעכץ פון דער ספרינגזשינע, ווען מ׳ציהט עס אָן; ביים האסטיגען עקספּרעס־גאנג און ביים פּלוצלינגען קליאטשע קריכען; ביי די אונטערגעלייגטע האָהר פון די אונטערגע־האקטע קלובעס; ביי די אָפּגעפּיילטע שפּיצען פון שפּינדעל; ביי די שטראָבעטלאך פון גאָלדענעם באלאנס צוזאמענגעלייטעט מיט צין; ביי די דינע, גאָלדענע, געבויגענע דעקלאך, וואָס קנאקען, קנאקענדיג ווי א נעה־מאשין אוילער און ביי די צוויי ווייזער־מזוזה׳לאך, וואָס איינער שלעפּט קיין מזרח און דער אנדערער קיין מערב און ביידע פּארטשעפּען זיך אינ׳ם קליינעם סעקונדע־ווייזערל, וואָס ווארפט זיך אויף אַלע זייטען און רייבט זיך אין שמוץ פונ׳ם ציפער־בלאט און קען ניט ארויסקריכען פאר קיין געלט אין דער וועלט.

ווי אזוי איך האָב געטראָפען! א אידיש זייגערל איז דאָך אונזער נאציאָנאַלער אייגענטהום.

און ביי דער קייט אַליין וואָלט איך דען ניט געטראָפען?

* * *

דער אַלטער מאַן, וואָס האָט געבראכט דאָס זייגערל איז געווען דער באריהמטער גלח און ציון־פריינד פּראָפעסאָר העבלער פון וויען: ד״ר הערצל׳ס רעכטע האנט אין פּאָליטישע אונטערהאנדלונגען מיט

מלכים און שרים. און דאָס זייגערל? דאָס זייגערל האָב איך אַליין צענומען אויף פּיץ־פּיצלאַך, געמאַכט אַ פּאַרזיכטיגען דיאַגנאָז און איינגעזעהן, אז ס'איז ניט דאָס גלעזעל, נאָר דאָס גאַנצע לייב און לעבען שטעהט אין סכנה. האָב איך אוועקגעוואָרפען די איבערגע־דרעהטע שרויפלאַך פון משכיל'שען זייגערמאַכעריי; אַריינגעשרויפט נייע, ענגליש־שטאָלענע, אויסגעריייניגט דעם ציין, און די אוננוצליכע שטיפטען אוועקגעפיילט. דערנאָך האָב איך דעם ציפערבלאַט אויף צוויי גלייכע, געזונטע פיסלאַך אוועקגעשטעלט; געריייניגט און פּאָלירט יעדעס שטיקעל מיט גרוים ליעבע. אָבער ביז היינטיגען טאָג געהט עס ניט גוט. אָדער, ס'געהט צו גוט, אָדער ס'געהט איינגאַנצען ניט. גוט געהט עס ניט.

* * *

פון יענעם טאָג אָן האָט זיך אָנגעהויבען אַ לאַנגע פריינדשאַפט צווישען מיר, סאָקאָלאָוו'ן און זיין משפּחה. אַ יאָהר פאַר דער מלחמה האָט סאָקאָלאָוו'ס פרוי, עליה השלום, געקויפט פון מיר אַסך שעהנע קעמיאָס. קומענדיג דערמיט קיין פּוילען האָט די אַריסטאָקראַטיע דאָרט געמאַכט דערפון אַ מאָדע.

סאָקאָלאָוו פלעגט אין משך פון מלחמה אַרבייטען אין בריטישען מוזעאום איבער זיין קאָלאָסאַל ווערק „די געשיכטע פון'ם ציוניזם", און אַזוי ווי ס'געשעפט איז דערנעבען, פלעגט ער אַריינקומען, זיצען און שמועסען אַ פינף, צעהן מינוט. מיר האָבען געפּיהלט, אָבער ניט גערעדט אינטימעס. וואָס ס'האָט איהם געצויגען צו מיר, האָב איך אין די ערשטע יאָהרען ניט פאַרשטאַנען.

* * *

איינמאָל, אין מיטען מלחמה, איז ער געזעסען נעבען מיין צייל־טיש אין אַנ'אַלטען אויסגעריבענעם אָנצוג; איינגעבויגען, פאַרזאָרגט און פאַרטראַכט אונטער אַ וואָלקען פון ציגאַר־רויך. דערצעהל איך איהם: „צו מיר קומט אַריין ל. גאַרווין (דער באַריהמטער ענגלישער זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר פון „אָבזערווער") און זיין משפּחה, און מיר זיינען גאַנץ באַפריינדעט. איך האָב גערעדט מיט גאַרווינ'ען וועגען ציוניזם און איהם דערצעהלט, אז אין לאָנדאָן געפינט זיך סאָקאָ־לאָוו, דער גרעסטער העברעאישער זשורנאַליסט און ציוניסטישער

פיהרער, האָט גאַרווין מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט גערן געוואָלט מיט אייך זיך טרעפען און באַקאָנען".

סאָקאָלאָוו האָט דערויף מסכים געווען און אַ „אינטערוויו" איז אַראַנזשירט געוואָרען.

אין עטליכע טעג אַרום איז סאָקאָלאָוו געגאַנגען צו גאַרווינ'ען און זיך אַריינגעכאַפּט צו מיר.

אָבער גאַרניט דער זעלבער סאָקאָלאָוו, וואָס מיט אַ פּאָר טעג צוריק. די פּלייצעס זיינען געווען גלייך, ווי אַ מויערערס שטריקעל, די אויגען קלאָהר און די הויט פריש, ווי אַ ספּאָרטסמאַנ'ס. דערצו איז ער געווען עלעגאַנט געקליידעט, מיט אַ פיינעם צילינדער, וואָס האָט איהם געמאַכט אויסזעהן מיט אַן אַרשין העכער, און—ניט צו פאַרגעסען—דאָס ענגליש דיפּלאָמאַטיש „מאָנאָקל".

איך האָב נאָכגעקוקט ווי דער באַפרייאונגס שליח האָט די גאַס באַלויכטען. די געטער פון היי־האָלבאָרן האָבען זיך באַלעקט פון זיין חן און שיין.

זעהר פיעל גוטעס, ווייס איך, האָט דער אינטערוויו געבראַכט פאַר אונזער פאָלק.

* * *

אין מיטען זומער 1917, ווען סאָקאָלאָוו איז צוריקגעקומען פון זיין מיסיע אין רוים, האָב איך איהם געשריבען, אַז איך האָב געזונגען אַ ביכעל („אַרוים פון כאָאָס"), און ווינש, אַז ער זאָל אַזוי גוט זיין און עס לייענען איידער עס געהט צום דרוק. גלייך צומאָרגענס איז ער אַריינגעקומען מיט זיין טאָכטער דר' צעלינאַ און געזאָגט: „איך וועל עס לייענען מיט פאַרגעניגען און פרייד". גענומען דעם מאַנוסקריפּט אונטערן אָרעם מיט ליעבשאַפט.

און דאָס איז דער בריעף, וואָס ער האָט מיר דערנאָך געשריבען:

לאָנדאָן, ריזשענט פּעלעס האָטעל,

כ' תמוז, תרע"ז.

ליעבער הערר גוד!

איך האָב געלעזען אייער ווערק מיט גרויס אינטערעס און בין זעהר גערירט פון מאַנכע זעהר געלונגענע געדאַנקען און אויסדריקע. אייער טענדענץ איז סימפּאַטיש, אייערע אַבזיכטען

איידעל און אייער שפּראַך איז אין טייל שטעלען בילדערייך. יעדאָך אויב איהר פרעגט מיין מיינונג וועגען פּובליצירען (און איהר ווילט דאָך וויסען מיין מיינונג אָהנע קאָמפּלימענטען), וואָלט איך אייך נישט געראַטעהן דאָס הערויסצוגעבען אין דער יעצטיגער פאָרם. די גוטסקייט און די אונצווייפעלהאַפטע איידעלקייט פון דער אבזיכט בעשיינען דעם אַלגעמיינעם טייל, אָבער ווי עס קומט צו פּרטים, ד.ה. די פּראַקטישע זאַכען, וועלכע ווערען פּראָפּאָנירט, איז דאָס ווערק צו שוואַך און וויניג איבער־צייגענד. אויך זיינען אַלע אַנשפּראַכען פון דעם סאָרט „אַזוי זאָגט גאָט“ און כדומה צו געוואַגט. אַזאַ פּראָפעטיש מעסיאַנישע פאָרם פאָדערט צו פיעל שוואונג און איז ניט צו עמפּפעהלען אפילו אין די גרעסטע פּאָעטישע מייסטערווערקע.

איך בין זיכער, אַז איהר פערלאַנגט פון מיר נישט אַ פריינדשאַפטליכע נאָר אַ ליטעראַרישע מיינונג, און איך גיב זי אייך אַזוי ווי איך וואָלט געאורטיילט ווען איך וואָלט געהאַט צו בעאורטיילען אַ מאַנוסקריפּט אַלס רעדאַקטאָר, נישט וויסענדיג ווער דער פערפאַסער איז.

אַזוי אָבער ווי איך קען דעם פערפאַסער, קען איך אייך נאָר בעגליקווינשען אַלס אַמאַטעהר און פּריוואַטמאַן צו אייער ווערק וועלכעס זאָגט סימנים פון פיינע געפיהלען און הויכע שטרעבונגען.

מיט פריינדליכען גרוס, אייער,

נ. סאָקאָלאָוו.

איך האָב זיך צוגעהערט צו סאָקאָלאָוו'ס עצות, האָב עס פאַר־בעסערט און פערגרעסערט און עטוואָס קלאָהרער געמאַכט די אַרויס־געזאָגטע געדאַנקען. כ'האָב אויך אין עטליכע שטעלען אויסגעשטריכען „אַזוי זאָגט גאָט“. דערפון האָב איך אָבער עגמת נפש, ווייל נאָר אין נאָמען פון גאָט בין איך געוועזן בכח עפּישעס צו שאַפען. ווען איך שרייב אין מיין נאָמען, בין איך העכסטענס אַ קליינער ליטעראַרי־שער טאַלאַנט.

פאַרוואָס האָב איך גאָטס נאָמען אויסגעמעקט ?

* * *

יעדער ציוניסט האָט ליעב סאָקאָלאָוו'ן, אַכטעט ווייצמאַן'ען און האָט מורא פאַר'ן ווייב.

איך בין ווי יעדער ציוניסט.

ביז היינטיגען טאָג לויף איך הערען סאָקאָלאָוו'ן רעדען. אמ־ליעבסטען איז ער מיר, ווען ער רעדט אידיש איבער א אידיש טהעמא. דאָ דערהויבט ער זיך צו דער העכסטער מדרגה פון ליריזם. ער שעפטשעט אויס א הארציג געזאנג, וואָס מ'קען נאָר הערען, ווען מ'לייגט צו אנ'אויער צו דער מאַמע רחל'ס קבר; צו דער אידישער גהעטאָ.

* * *

די ציוניסטישע פּראָפּאגאנדא טהעטיגקייט האָט זיין אידישע שפּראַך פארבעסערט. ניט שטענדיג האָט ער פארמאָגט אזא „מיענטאָווען" אידישען אידיש.

איך געדענק, ווי מיט צוואנציג יאָהר צוריק איז ער געקומען קיין לאָנדאָן אויף א באזוך, און גערעדט איבער הערצלען אין אידיש. ער איז דעמאָלט אָפּט אריינגעפאלען אין דייטש, רחמנא ליצלן. אָבער אין די לעצטע יאָהרען באדיעלט איהם די אידישע „שפחה" בעסער און געטרייער, ווי אלע אנדערע אידישע שרייבער און רעדנער, וועלכע איך קען. זי באדיענט איהם בעסער ווי אן אייגען ווייבעל.

* * *

און אין איינוועגס גלוסט זיך מיר צו דערצעהלען, אז גלייך נאָך דער מלחמה זאָגט מיר מיין פריינד ל. פּיליכאָווסקי (מאָהלענדיג מיין פּאָרטרעט), אז זיין אלטער ידיד סאָקאָלאָוו זוכט א הויז אין לאָנדאָן. האָב איך זיך ערקונדיגט וועגען א הויז און געגאנגען עס באקוקען. דערזעהענדיג ביים אריינגאנג א גרויסען מגן דוד, א מאָזאאיק, אויס־געפלאסטערט אין שטיינער, בין איך געוואָרען היפּנאָזירט און מ'האָט דאָס הויז געדונגען.

סאָקאָלאָוו איז אריינגעקומען מיט'ן זוהן מיר דאנקען און האָט געזאָגט:

—איהר האָט כאָטש פאר איין אידען א נאציאָנאלע היים געפונען.

די נאציאָנאלע היים האָט זיך אָבער ניט גוט איינגעגעבען, און זיי האָבען זיך פון דאָרט ארויסגעצויגען, ווייל ס'איז דאָרט געווען צו פיעל טרעפּ, און דער איינגענטימער פון הויז איז געווען א צו הויכ'דירה'געלטיגער קאָרעליגיאָניסט.

* * *

צושיקענדיג איהם מיין בוך „לעבענס ליעדער“, האָב איך פון איהם באַקומען דעם פאָלגענדען כאַראַקטעריסטישען בריף, וועלכער איז ווערט צו לייענען:

London, 14, III, 1924.

מיין ליעבער הערר גוד!

אַנ'אמת'ן יישר כח פאַר אייער ספר. איך האָב גרויס הנאה געהאַט פון אַ סך הערצליכע ווערטער. די הויפּט זאַך איז נישט דער לשון, נאָר דער אינהאַלט. איהר שרייבט אַ רייך אידיש, אָבער איהר פיהלט נאָך אידישער. ווען מען האָט געפיהלען און די פאַנטאַזיע שפּיעלט, קומט עס אַרויס אין איטליכע שפּראַך. פאַגאַניני האָט געשפּיעלט אויף איין סטרונע, און גוזיקאָוו—אַ אידישער עלוי אין מוזיק—האָט קאָנצערטירט אויף עפּעס אַ פּרימיטיווען אינסטרומענט פון שטרוי! אונזערע חכמים זאָגען: גאָט וואָס האָט געזאָגט אויל זאָל ברענען, קען אויך זאָגען עסיג זאָל ברענען.

אָבער די כלי פון אייערע געפיהלען איז אויך אַ טייערע, אידיש! איך בין נישט קיין אידישיסט, אָבער אמת אידיש, „גאָט פון אברהם“ אידיש, וועקט אין מיר געפיהלען פון אַ פּער'חלום'טע בענקשאַפט. ס'איז נישט דאָס מלכות פון לשון קודש, אָבער ס'איז די וואַרעמקייט, די צניעות, די אידישע שטוב, די קלוגשאַפט, די קאַטאָוועס פון אידישען מוח.

אייער פּאָעזיע איז געמישט מיט פּראָזע, און דאָס איז אַ מעלה. פּאָעזיע איז ווי אַ הדס—אַ וואונדערליכער מחיה'דיגער ריח אָבער אָהן פּירות. פּראָזע איז ווי אַ לולב. טייטעלען וואַקסען אויף דער פּאַלמע אָבער קיין שום ריח. פּאָעזיע מיט פּראָזע צוזאַמען איז ווי אַן אתרוג—בורא מיני בשמים און בורא פּרי העץ.

אַ דאַנק פאַר אייער אתרוג!

מיט כבוד און ליבשאַפט,

נ. סאקאלאוו.

שלום אַש.

אין 1914 האָט די מלחמה, אין איהר גוואַלדיגען וועלט טרייסעל, אַהערגעשליידערט פון פראַנקרייך אַ געוויסען ב. בערסאָן, ניט קיין שלעכטער דעקאָראַטיווער קינסטלער. יעדענפאַלס איז ער געווען אַ גוטער אַגיטאַטאָר און אינספּיראַטאָר. ער האָט דעמאָלט געגרינדעט דעם אידישען קונסט פאַראיין „בן אורי", וועלכער באַזיצט היינט צו טאָג אַ קליינע אָבער אַ שעהנע קאָלעקציע פון אידישע קונסטווערק. במעט די אַלע יאָהרען האָב איך טריי געאַרבייט פאַר דעם פאַראיין, איהם אַביסעל פינאַנסירט און אידעאַליזירט, ווי ווייט די כחות און שוואַכקייטען האָבען נאָר ערלויבט.

אזוי ווי דער „בן אורי" האָט אָרגאַניזירט רעפּעראַטען, קבלת־פנים'ער און באַנקעטען פאַר דורכרייזענדע אידישע שרייבער און קינסטלער, און אזוי ווי מיין געשעפט איז געאָגראַפיש אין סאַמע צענטראַל נאָפּעל פון לאָנדאָן, פלעגען די שרייבער און אַרטיסטען צו מיר אַריינקומען און אזוי האָבען זיך פיעלע פריינדשאַפטען און אויך עטליכע פיינדשאַפטען צווישען מיר און זיי פאַרפלאַנצט.

יעדעס ווייב ווייסט נעבאַך צו גוט, וואָס ס'הייסט צו האָבען אַ שרייבער אָדער אַ קינסטלער פאַר אַ מאַן. די קינדערשע קאַפּריזען, די פּינקטליכע ניט פּינקטליכקייט, דאָס פּיעשטשען זיך און איינגע־רעדטקייט, קענען פאַרטרייבען דאָס אינגסטע ווייבעל אין דער ערד אַריין אָהן אַ ברעקעל גט. היינט אַז איך האָב געהאַט צו פאַרהאַנדלען מיט זיי „ביזנעס" און געוויסע פּראַקטישע אַראַנזשירונגען צו מאַכען, איז כאָטש איך האָב דערפון הנאה געהאַט און ס'האָט מיר געגעבען אַ פּרסום אַ כבוד—און איך האָב ביידע ליעב, ווי צוויי שטיקלאַך צוקער אין אַ גלאָז טיי,—איז מיין לעבען דאָך ניט געווען אין גאַנצען האָניג. כ'האָב פון די שרייבער געליטען און זיך אָנגענומען פון זייערע חן'דלאַך און חסרונות.

* * *

ס'איז געווען אין אַ מאָנטאָג פריה אין מערץ 1922. עפענט זיך איינע פון די צוויי טירען פון „קעמיאַ קאָרנער" גרויס ווי זי איז, און ס'שטעהט פאַר מיינע אַרויפקוקענדע אויגען אַ הויכער, לאַנג־ברייט־ביינערדיגער מענש מיט גרויסע, וואַרעמע אויגען, אונטערגע־הייצט ביים פייערדיגען אויג פון אַ ציגאַר, וואָס ער האָט געהאַלטען

צווישען די ליפּען. די אויבערשטע ליפּ האָט געהאַט האָהר מיט אַ שרינטעל, דאָרט וואו דער מלאך האָט אַ שנעל געגעבען. די אונטער־שטע ליפּ און גאָמבע—גאָלע ליידיג.

כ'קוק איהם אָן און ס'בלייבט ביי מיר, אַז ער איז אַ רייכער פּויליש־אידיש־דייטשער תבואה סוחר, און וויל עפּעס קויפען ביי מיר אַ פּרעזענט.

ער האָט אוודאי פאַרשטאַנען מיינע געדאַנקען. האָט ער זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט:

—איך בין לאַש.

„לאַש? לאַש?—טראַכט איך מיר—ווער קען דאָס זיין? נאָר אַזוי ווי איך האָב דאָ אַ האַרציגען פריינד מיט'ן נאָמען לאַש, האָב איך אין זכות פון מיין פריינד צו דעם פרעמדען געשמייכעלט.

אָבער באַלד האָב איך איינגעזעהן, אַז כ'האָב על פּי טעות אַן איבעריגען „למד" געהערט; אַז דאָס איז ניט קיין אַנדערער, ווי אַש, דער גרויסער געניאַלער ליריקער אונזערער—שלום אַש.

נאָך פינף מינוט האָבען מיר שוין געהאַלטען ווייט ווייט אין געשפּרעך, באַקאַנטשאַפט און נשמה פאַרוואַנדשאַפט (מיר קומען פון איין געגענד—די קויאַווקעס), און מיר האָבען זיך אָנגעהויבען צו טהון טובות און געבען מתנות איינער דעם צווייטען, און פשוט זיך ליעב געקריגען. ער האָט אָנגעהויבען אויסצוזעהן ווי אַנ'אָריענ־טאַלער פּרינץ אין מיינע אויגען. איך אין זיינע אויגען—אוודאי ווי אַ שוואָגער זיינער פון קוטנאָ, נאָך וועלכען ער בּיינקט גראַד אַביסעל. בקיצור—מיר האָבען זיך אָנגעהויבען באַוואַרפען מיט פּרעזענטען. איך האָב איהם געגעבען אַנ'אַנטיק העברעאישע קמיע וואָס מיין הויכ־געלערנטער פריינד דער חכם ד"ר גאַסטער האָט גע'חלש'ט ממש אַז איך זאָל זי איהם געבען אָדער פאַרקויפען, און איך האָב איהם פאַרזיכערט: „ניין, מיט דער קמיע שייד איך זיך קיינמאָל, קיינמאָל ניט". ער האָט מיר געגעבען אַנ'אַלטען, זילבערנעם וויקלער פון אַ ספר תורה און איך איהם ווידער—בערנשטיינענע פּאַטשערקעס. ער מיר ווידער—אַ לוקסוס אויסגאַבע פון זיינע צוועלף בענדער, וועלכע ער האָט געפיהרט אַזש פון אַמעריקאַ פאַר בעל־מחשבות'ן, און איך ווייטער—דאָס זיסע אידישע וואָרט „פּאַמיאַנטקעס", וואָס ער האָט ניט געהערט אין אַמעריקאַ גאַנצע אַכט יאָהר.

און אַזוי דריי וואָכען איז ער יעדען טאָג ביי מיר געזעסען לאַנגע שעה'ן אין געשעפט און מיר האָבען זיך געגעבען און געריבט די נשמות איינער פון צווייטען.

* * *

ער פלעגט זאָגען אויפ'ן געשעפט: „ווי שטעלט אַ איד אַוועק אַ תהילים'ל אין מיט'ן גאַס?" איבערהויפּט פלעגט ער אָנקוקען מיט גרויס קנאה—מ'האָט געקענט הערען ווי ער שלינגט די קנאה סלינע—ווי ס'קומען אַריין יעדע מינוט אַזעלכע שעהנע ברונעטקעס און בלאָנדינקעס און ברייגען מיט די אָפענהערציגקייט פון זייערע דעקאָלטירטע בלוזעס און די בלויע סאַפיר־אויגען, פאַר וועלכע ער פלעגט חלש'ען און זיך ניט לאָזען דערמונטערען. „אַ איד האָט הצלחה"—האָט ער נעבאַך אָפּגעזיפצט, אַז ס'האָט אַזש געשניטען ביים קראַגען.

אָבער גאָט פון אברהם! ער האָט אָפט אַ טבע געהאַט זיך אַזוי צו פיעשטשען, אַז מ'קען עס אין צעהן אויטאָביאָגראַפיעס ניט דערצעהלען. אסור אַ קימפּעטאָרין! ס'איז חושד צו זיין, אַז אוודאי האָט ער געהערט, ווי מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם זיינען געשטאָרבען און ער איז איבערגעבליבען אַ בן־יחיד ביי אַ צעפּעש־טשעט בן־יחיד פאָלק. אַזוי זיך נאָכצוגעבען די שמד! הערט אויס אַ געשיכטע: דעם זעלבען מאָנטאָג זאָגט ער צו מיר, אַז איהם געפעלט ניט דער „אימפּיריאַל" האָטעל. געהט מיט איהם מיין ברודער לעאָן און זיי דינגען אַ שעהנעם חדר אין אַ פּאַנסיאָן. לייגט ער זיך אויפ'ן בעט מיט די קאָמאַשען און מיט די „אטשעס־קעס", גרויס ווי אַ טאַטענס, מעסט זיך אויס, ווי אין סדום, און שרייט אויס: „איך קען דאָ ניט שלאָפען! איך וועל דערשטיקט ווערען!" באַצאָהלט פאַר אַ ניט געשלאָפענע נאַכט און פאַרלאָזט. אויף אַ צווייטען פּאַנסיאָן—די זעלבע געשיכטע. ענדליך געהט ער צוריק צום „אימפּיריאַל". צומאָרגענס בייט ער דעם חדר אויף אַ גרעסערען. אויף איבערמאָרגען ציהט ער זיך אַריין אין „ראַססעל האָטעל"—איינער פון די רייכסטע אין לאָנדאָן. דאָרט גופא האָט ער זיך צוויי מאָל איבערגעצויגען און יעדעס מאָל מיט'ן גאַנצען באַגאַזש און דערביי „געפונדיעט" רעכטס און לינקס די אַלע, וואָס האָבען איהם באַדיענט אָדער געקאָנט באַדיענען, ווי להבדיל אַ מיליאָנער פון אַמעריקאַנער „דזשאַינט", צו וועלכען ער האָט אומ־גליקליכווייזע באַלאַנגט. אויפ'ן זעקסטען טאָג זאָגט ער צו מיר, אַז

ער קען ניט איינשטעהן אין „ראססעל“. ס'איז איהם דאָרט ענג. ער וויל האָטעל „סעסיל“. שריי איך: „וואָס רעדט איהר האָטעל סעסיל? בלויז רייכע מיליאָנערען, עקס־מלכים און פּרעזידענטען שטעהען דאָרט איין!“ זאָגט ער: „איך מוז עס טהון צוליב מיין ארבייט“. אהין מיט איהם און דאָרט געדונגען אַ חדר. אויך דאָרט האָט ער זיך איבערגעצויגען אין אַ נאָך גרעסערען חדר, וואָס וועך ווייסט וויפיעל קעניגע מיט פּרינצעסלאך צופיסענס זיינען שוין דאָרט געשלאָפען! אויב, שטעלט איך פאַר, דאָרט אין שטוב וואָלט שטויב געווען, וואָלט עס ווערט געווען טויזענטער אין גאָלד און אין פּלאַטינום שמעלץ! די ביליגסטע פּוטערלאַך, וואָס די מייז טראָגען דאָרט, קאָסטען פינף הונדערט פונט אַ שטיק, און ווער רעדט נאָך פון די קעז...... אַ קלייניגקייט האָטעל סעסיל!

* * *

איך מוז זיך מודה זיין, אַז אַזוי ווי איך האָב זיך מיט איהם אסך ארומגעשלעפּט, האָט מיך זיין „הולטייסטווא“ באאיינפלוסט. האָב איך אָנגעהויבען צו וואַרפען מיט געלט רעכטס און לינקס, און צו דרעהען ס'קעפּעל מולטי־מיליאָנעריש.

אַז אַנ'אָרעמער אידישער שרייבער מעג, מעג איך דאָך אוודאי!

ביז ס'האָט געפיהרט דערצו, אַז ווען מ'האָט מיר צו יענער צייט אריינגעבראַכט אַ גוואַלדיג גרויסען ברילִיאַנט פון 66 קאַראַט, האָט זיך מיר ניט געפּאַסט אונטערצוגעבען דעם דלות און איהם ניט קויפען, נאָר איך האָב איהם יאָ געקויפט. ס'געלט איז צוזאַמענגעשלעפּט געוואָרען פון די אויסגעטרוקענסטע קוואַלען; צעשמאָלצען הונדערטער גאָלדענע מיאוסע און האַלב מיאוסע אַרטיקלען און געקויפט דעם ברילִיאַנט.

איך האָב דעם ברילִיאַנט דערנאָך שרעקלאָך ליעב באַקומען. ער האָט מיך געוואַרעמט און געקושט און געגלעט אין דער איינזאַמער צייט, ווען גאָטס גייסט האָט אויף מיר ניט גערוהט.

איך האָב אויסגעפונען אין בריטישען מוזעאום, דורך דער הילף פון גרויסען מינעראַלאָגיסט, מיין גוטער פריינד ד"ר ספּענסער, אַז ס'איז אַ היסטאָרישער ברילִיאַנט. ער האָט אַמאָל באַלאַנגט צו אַ טערקישען סולטאַן, צו אַ פּערסישען שאַך א.אַ. טאַקי דער היסטאָרישער „טענאַנט“ ברילִיאַנט בכבודו ובעצמו.

נאָר באַלאַנגט האָט ער צו מיר. מיר האָבען זיך באמת ליעב געהאַט. פאַר מיר איז ער געווען די בריליאַנטענע אויג פונ׳ם עגל הזהב, ווען גאָט האָט זיך ניט באַוויזען.

נאָך קנאַפּע צוויי יאָהר—איהם היילּיג פאַרקויפט אין אַ ווייטער מדינה אַריין, פאַרדיענט איבער הונדערט פונט אין איהם. אַלץ איבער׳ן הולטײ!

איך מוז אָבער צוגעבען, אַז ניט די גאַנצע צייט איז צווישען אַש׳ן און מיר צוגעגאַנגען אַלץ אַזוי בריליאַנטיש שאַרף און גלאַטיג.

איינמאָל האָט אַזאַ געשיכטע פּאַסירט: שפּאַצירענדיג בײנאַכט מיט איהם זעהר אויפגעלייגט און פרעהלאך נעבען דער „טהעמז, דער־צעהלט ער מיר, אַז אַ שניידער מאַכט איהם אַ פיינעם אַנצוג ביליג, וויל דער שניידער לייענט פונקט זיין „מערי“.

פרעג איך איהם:

—איהר האָט געשריבען אַ בוך, וואָס הייסט „מערי“?

זאָגט ער:

—ניט געלעזען „מערי“?

און ווערט פּלוצלינג ברוגז מיט מיר, און מיר געהען ביידע אַ לאַנגע שטרעקע אַנגעבלאָזען מיט ברוגז׳קייט, ווי מאַן און ווייב, און מיר רעדען ניט אויס קיין לעבעדיג וואָרט. ער איז ברוגז, בין איך אויך ברוגז.

געה מאַך מיט איהם!

איך האָב איהם פאַרלאָזט מיט אַ פאַרוועהטאַגטען, שטילען „גוד נייט“ און אַ קוים אָנריהרענדען האַנד־שטרעק. ביז הייַנטיגען טאָג טהוט מיר די האַנד וועה פונ׳ם לייכטען אָנריהר.

צומאָרגענס האָט מען זיך איבערגעבעטען און זיך פאָטאָגראַפירט צוזאַמען. ער איז געפאָהרען קיין פוילען און איך האָב איהם מיט־געגעבען אַביסעל געלד און אַסך גרוסען פאַר מיינע עלטערען. דאָס געלט האָט ער אָפּגעגעבען עהרליך; די גרוסען אויך עהרליך, אָבער אַביסעל טאַקטלאָז. ד.ה. צו עהרליך. זיי האָבען פאַרשאַפט צער מיין טיעף־פיהלענדען פאָטער.

יאָ. עיקר שכחתי. צו יענער צייט איז מיר געווען גוט און אָריגינעל אויפ׳ן האַרצען. ס׳האָט מיר נאָר געפעהלט מיט וואָס צו

קאָקעטירען. האָב איך זיך געקויפט אַ גרויסען, שווארצען קאַפּעליוש מיט אַ ברייטען באַנד און אַ קופּאָל ווי אַ רוסישע צערקווא. כ׳האָב אויסגעזעהן אין דעם ווי אַ געבוירענער דאָקטאָר פילאָזאָף, און איהם אַ נאָמען געגעבען „דער שלום אש קאַפּעליוש". פון מיין יוגענד חלום צו ווערען אַ דאָקטאָר פילאָזאָף האָט זיך אויסגעלאָזט אַ קאַפּעליוש מיט אַ בוידעם.

גלות מן.

פון זיין פול־בלוטיגער, פריש־אויסגעשניטענער ריפּ, האָט אדם הראשון ערוואַרטעט—כ׳וויים אַליין ניט וואָס! אויסגעלאָזט האָט זיך דער אַלטער מין אין אַ ניי געשלעכטליך געשטאַלט.

פון ברענענדען, טעמפּעראַמענטפולען מעטעאָר, ערוואַרטעט דער פּלאַנעט ערשיטערענדעס, איבעראַשענדעס. זיין סוף איז נעבאַך—אַ אַ קאַלטער, פאַרשלאָפענער שטיין.

פון דער אָריגינעלער, גראַנדיעזער קאָנצעפּציע פון יהדות, האָט ס׳פאָלק ערוואַרטעט, אַז אַ משיח וועט אַרויסוואַקסען, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ לעבערל מיט שמאַלץ, איינגעהאַקט אין ציבעלעס.

זיצענדיג אין מערץ 1922 מיט שלום אש׳ן אין אַ אידישען רעס־טאָראַן אין וועסט ענד, אין שאָטען פון „מאַרטירער־פּארע, וואָס שלאָגט אַרויס פון אַ טעלער אידישע לאָקשען יויך" (ווי מיין ברודער יעקב מאיר האָט זיך אויסגעדריקט, נאָכ׳ן לייענען מיין פּאָעמאַ „גלות־מן"), און רעדענדיג איבער דער מיסיע פון אידענטום, רוף איך זיך אָפּ:

—איהר זעהט? אָט דאָס שטיקעל געשחט׳ען און געפּליקט שטיקעל הוהן האַלט אויף דעם יהדות. ניט שבת, ניט שפּראַך, ניט עטיקס—אַלץ האָט אונז, מאָדערנע, געלונגען איינציגווייז אויסצוראָטען, אָבער ניט דעם ריח ניחוח פון אונזערע מאכלים. וואָס מאַכט עס אויס, וואָס אונזערע ספרים־אַלמערס שימלען, די נאַציאָנאַלע קאַסעס וויסטען, אַזוי לאַנג, ווי די אידישע מאכלים לעבען בקדם?

זיך אַרומגעקוקט אַ ווייַלע, געזעהן ווי באַרימטע רוסישע זינגער און טענצער, אַמעריקאַנער דזשעז אַרטיסטען, איטאַליענער אַקראָבאַ־טען, אַלטע דייטשע סוחרים און סתם ענגלישע „סטאַרס" זיצען און זיינען עוסקים באכילה, כאָטש די וועלט אַנערקענט זיי שוין לאַנג

פאר גויים. אָבער זייער אידיש היהנעריש בלוט ציהט זיי מיט טויזענט מאַגנעטען צום אידישען ריח און טעם, און אָט זיצען זיי און זיינען באַוואוסטזיניג נהנה פון כשר'ען טעלער פון יהדות, פאַרציקען מיט גרויס התלהבות די שיריים פון אידענטום.

פאַרטיפענדיג זיך אין דעם אַלעם, האָט מיך געוועקט צו שאַפען אויפ'ן אָרט א לעגענדע, און זי דערצעהלט שאַפענדיג שלום אַש'ן.

בשעת מיר זיינען פאַרטריבען געוואָרען אינ'ם דריטען גלות, פון גאָט פאַרשאָלטען, צו שפּאַס און שפּאָט ביי אַלע נאָהענטע און ווייטע שכנים פעלקער; ווען די הימלען האָבען צו זיך ניט צוגעלאָזט און די ערד האָט פון זיך אָפּגעשטויסען; ווען אויסגעשטרעקטע הענד זיינען פאַרוועלקט געוואָרען פריהצייטיג און תפילות זיינען געשטאָרבען אין געבורט—

אין דעם קריטישען מאָמענט פון אונזער קריטישער געשיכטע, האָבען זיך אונטער די ארץ ישראל טויערען באַוויזען פאַר די פאַר־טריבענע, גאַנצע מחנות כשר'ע טייבעלאַך און עופה'לאַך; מיטגע־בראַכט די טרעהרען פון זייער רחמנות, דעם מיטגעפיהל פון זייער חן; מיטגעבראַכט זייער בלוט פון די העלזעלאַך און מארך פון די ביינדעלאַך. אפילו מיטגעבראַכט א נאָדעל און פּופּיק—א געפילט העלזעל צו פאַרנייען און אביסעל שמאַלץ אויף פסח; און פעדערען ניט נאָר פאַר א גלות־כלה, נאָר אויך גענוג צו דעקאָרירען א שוואַרץ־בלוטיגען פּאָגראָם האָבען זיי מיטגעבראַכט פון ארץ ישראל. און א שבועה האָבען זיי געשוואוירען צו באַגלייטען, שפּייזען און וואַרעמען דאָס אומגליקליכע פאָלק ישראל ביז'ן לעצטען טאָג גלות, און אָט זיינען זיי מקיים זייער שבועה עד היום".

די לעגענדע איז אַש'ן שטאַרק געפעהלען און ער זאָגט:

—דאָס שרייב אויף. א טייערע לעגענדע. וואָס טויג דיר דאָרט צום נאָר זיך מאַכען וועגען שליחות פון גאָט. דו בעסער שרייב אַזעלכע לעגענדעס!

דעם זעלבען אָוונד און טעג נאָכדעם, האָב איך שווער געאַרבייט און געשוויצט אַזש. געוואָלט מאַכען דערפון א הומאָריסטישען פעל־ליעטאָן ווי א שרייבער. אָבער ס'האָט בשום אופן ניט געלונגען.

אין א צוויי וואָכען שפּעטער, בין איך אין א אינדערפריה געלעגען אין בעט און נעבען מיר איז געלעגען אין זיין בעטעל מיין עלטסטער, דעמאָלט ניין־יעהריגער זוהן יוסף־אשר. „טאַטע, דערצעהל מיר

עפּעס אַ מעשה'לע"—האָט ער זיך געבעטען, ווי זיין שטייגער, און איך האָב איהם דערצעהלט די דערמאָנטע לעגענדע. פאַר איהם איז עס געווען פיעל־פיעל מעהר ווי אַ לעגענדע. ער איז דורכדעם צום ערשטען מאָל געוואויר געוואָרען, אַז מיר זיינען ניט ווי אַנדערע, נאָר מיר זיינען פאַרהאַסטע, גלות ליידענע מענשען,—אַ סוד וואָס איך האָב ניט געקענט און ניט געוואָלט איהם מגלה זיין. ביז דעמאָלט האָב איך איהם גאָרניט געהאַט דערצעהלט פון דער אידישער געשיכטע כדי ניט צוצוברעכען זיין יונג הערצעל.

אמת, הונדערטער מעשיות פון גזלנים און מערדער איהם דער־צעהלט אָבער נישט ספּעציפיש אידישע געשיכטע.

דאָס קינד איז געווען ניט צו דערקענען. ער איז געוואָרען בלאַס ווי דאָס בעטגעוואַנד. זיינע שוואַרץ־ווייסע אָניקס אויגען זיינען איבערגעלאָפען מיט טרעהרען, און שטיקענדיג זיך זאָגט ער צו מיר:

—טאַטע, דאָס וואָס דו האָסט מיר איצט דערצעהלט וועל איך אויפצייכענען.

וויסענדיג זיינע גוטע, איינגעבוירענע פעהיגקייטען צו מאָהלען, האָב איך איהם געענטפערט:

—יאָ, מיין קינד, מאַך דערפון אַ צייכנונג; פאַרגעס אָבער ניט צו מאַכען די וואָלקענס אכזריות'דיג שוואַרץ.

ווען איך בין אינ'ם זעלבען אָוועגד אהיים געקומען פון ביזנעס, האָבען מיינע אויגען דערזעהען אַ גרויס גלות־בילד. דאָס בילד, ווי דער גלות אליין, איז געוואָרען געפיהרט און געשליידערט מיט גאָטס האַנד. דערזעהען צום ערשטען מאָל אמת אידישע שוואַרצע וואָלקענס, גרויזאַם ווי קולאַקעס פון מיסטעריעזע שוואַרצע הענט. פאַראויס געהען נשיאים, קאָלאָסאַלע פיגורען געצייכענט אין אייביגע ליניעס. זיי טראָגען די תורה און אַ מנורה—ביידע אויסגעלאָשען. אַ חושך! אַ קינד, וואָס רייסט זיך פון אַ מוטער; אַ מוטער וואָס שרייט צום טויטען הימעל, און אַנדערע נאַקעטע פיגורען, איינגעהילט און איינגע־קאָטשערט אין אונענדליכען אידישען צער. און אין אַ ווינקעלע שווימט נאָך אין אַ טרעהרען־טייך אַ מחנה עופות און הערינגלאַך—די רעטונגס אַרמיי! דער נאַציאָנאַלער רעזערוו!

אין דער זעלבער נאַכט האָב איך געשריבען מיין פּאָעמאַ „גלות־מן", וועלכע איז געדרוקט געוואָרען אין מיין בוך „לעבענס ליעדער" צוזאַמען מיט דער דערמאָנטער צייכנונג פון יוסף־אשר מיין קינד.

אידיש.

פורים־צייט אין 1919, ווען מיין לירישער לויב־געזאַנג „צו אידיש" איז געדרוקט געוואָרען צום ערשטען מאָל אינ'ם חודש־זשורנאַל „רענעסאַנס", איז ספּעציעל אַריינגעקומען אין געשעפט ד"ר שמריהו לעווין און זיך אָנגערופען:

—איך האָב נאָר וואָס געלייענט אייער „אידיש" און בין שרעקליך אויפגעקאָכט אויף אייך. טאַקע ווייל ס'איז אַ גוטע זאַך קען עס אַסך שלעכטס טהון דער העברעאישער שפּראַך. איך מוז קומען היינט אָוועגט צום באַל פון אייער חברה „בן־אורי", רעדען פאַר די פאַרזאַמעלטע און זיי איבערצייגען, ווי פאַרפיהרט איהר זענט מיט אייער ליעבע צו אידיש.

האָב איך איהם געענטפערט:

—מיט'ן שעהנסטען פאַרגעניגען. אדרבא, קומט. בן־אורי וועט פאַר דעם צוועק אויפשטעלען אַ ספּעציעלע פּלאַטפאָרם.

ער איז געקומען. די פּלאַטפאָרם איז געווען גרייט. אָבער זיין שאַרף אויג האָט תיכף געמערקט, אַז דאָס רוב פאַרזאַמעלטע זיינען ניט פאַראינטערעסירט אין דער פּאָלעמיק ווענען אידיש און העברע־איש, ווייל זייער שפּראַך איז גאָר ענגליש, האָט ער זיך גאָר צעלאָזט אין אַ שטילשווייגען—דערמאָנט זאָל עס ווערען צו זיין שבח!

דער לויב־געזאַנג צו אידיש האָט מיר אָבער צווישען די העברע־איסטען אַסך שונאים פאַרשאַפט, איבערהויפּט אין ארץ ישראל.

ביידע צדדים האָבען מיך מיספאַרשטאַנען.

איך האָב באמת געוואָלט מעהר ווי איינמאָל באַזינגען העב־רעאיש, נאָר אָליץ ניט געקענט זיך אויפהויבען צו דער הויכער מדרגה, וואָס אַזאַ טעמא פאָדערט.

איך שטעה אָפט פאַר אַ ברוטאַלען אַרכאַאישען קונסט־ווערק און געפין ניט קיין וואָרט אויסצוריידען פון גרויס ערשטוינונג. ווען איך זעה די גראַציע פון אַנ'אַלטער העלעניסטישע פיגור אין בראָנז אָדער טעראַקאָטאַ, בלייב איך אָהן לשון פון באַוואונדערונג. און מכל שכן שטום איך פון חרדת קודש, ווען איך שטעה איינגעהילט אין אַ צעפליקטער גלות־שפּראַך פאַר דער מלכות פון לשון־קודש; פאַר ווערטער געשמידען אין אור־אַלטע צייטען פון נביאים; ווערטער וואָס

זיינען געוועזן די פרייהייטס שווערדען אין מצרים און אין מדבר.

ווי קען איך, ווי וואָג איך באַזינגען די באַצויבערטע און באַצוי־בערענדע אייביגע קלאַנגען אונטער די פליגלען פון א לשון, וואָס יעדע פעדער זיינע טריקענט ביים וואָרצעל און בלוטיגט ביים שפּיץ?

אידיש איז אָבער פאָרט דער לשון פון גלות, גסיסה און פּיין; פון אייביגען צער און פון לעבען. זי איז ניט די שפּראַך פון לעבע־דיגען וואָרט, נאָר פון אונזער לעבען זעלבסט.

און אין דער שפּראַך האָט מיך גאָט באַגייסטערט צו זינגען דאָס ליעד פון ליעבע, פון לעבען.

וועסטען טאַשלאַך.

דער אונטערשלאַק פון מיינע וועסטען־טאַשלאַך ווערט תמיד צעפּליקט, ווי מיין נשמה, פון צאַצקעלאַך, געצקעלאַך און פון אַלערליי שעהנע פּיצלאַך. א גריכישער אינטאַגליאָ־רינג מיט'ן פּרצוף פון מערקורי—פאַר דרייסיג זילבערנע שקלים געקויפט—רייבט זיך אין א חופּה־וקדושין רינגעל מיט דער פּיקאַנטער אַלט ענגלישער מאָטאָ: „איך און מיין הארץ ביז כ'וועל אויסגעהן אין שמארץ"; א ברעקעלע שווארצער אָפּאַל; א פארלאָרען און צוריקגעפונען פערעלע; א רע־נעסאַנס קעמיאָ רינגעל, ווי אַמור ליגט אין קייטען געבונדען אין א קריסטאַלענער שטייג; א רוימיש רינגעל, וואָס שטעלט פאָר ווי א רוימישער סאָלדאט טרעט אויף א געפאַנגענעם אידען; א שטיקעל גלאָז, ווי א שווארצער שקלאַף בעט זיך קניהענדיג: „בין איך דען ניט קיין מענש און ברודער?" צווישען די אַלע זאכען וואַלגערען זיך א פאר'יתום'ט שליסעלע און א שטיקעל אָרעם, פארשוויצט בליי־שטיפט. אונטער'ן אָפּגעריבענעם אונטערשלאַק שפּילט תמיד א שמאראגעל בלינדע־קוה מיט א לבנה שטיינדעל.

ווען איך קויף אַנ'אַלטע, אמת שעהנע זאך, באָרג איך עס מיין נאָבעלען געטרייען פריינד און פרומען קאַטאָליק דזשאָסי דע גרעיסי, צו ווייזען עס זיין געליבטער שוועסטער, און אויף מאָרגען זאָגט ער ארויס זיין מיינונג וועגען דעם און טרעפט וויפיעל איך האָב דערפאר באַ־צאָהלט. ערשט דערנאָך לייג איך עס אריין אין א וועסטען־טאַשעל, וואו עס ווערט אויסגעוואָרעמט און גע'טובל'ט. און ווען ס'מאַכט

זיך אַ בעלן דערויף, וועט עס אָוועקגעגעבען במתנה, פאַרקויפט בחצי חנם אָדער עס ברייינגט גאָר אַ גוטען ריוח.

דער ריוח איז תמיד אַ פראַגע פון שטימונג אָדער מזל.

ס'איז אַ כלל גדול ביי מיינע „פאַציענטען", אַז ווען אַלע פינף שווי־פענסטער, שווי־קאַסטענס, צייל־טישען און אייזערנע קאַסע קענען ניט פּראָדוצירען דאָס פאַרלאַנגט שטיינדעלע אָדער גוויינשט פינ־גערל, און ס'איז שוין כלו כל הקיצין, און ס'האַלט ביי „באו מים עד נפש", דעמאָלט שטעק איך אַריין די צוויי שמעק־טאַבאַק פינגער אין אַ וועסטען־טאַשעל און—ס'איז דאָ!

נסים—וואָס? יאָ, אמת נסים ונפלאות! ווי זאָגט אַ איד: „וואָס דאַרפט איהר מעהר—איך וועל אייך דערצעהלען עפּעס שעהנערעס!"

ויהי היום, געה איך מיר אַזוי אין דער סיטי, אַ מייל פון מיין געשעפט, צווישען אַ ים פון מענשען און בלאָטע. פּלוצלינג דערזעה איך בלישטשען אַ קליין פּיצעלע גאָלד, הויב איך עס אויף און לייג עס—וואו?—אין מיין קליינעם „סקאָטלאַנד יאַרד"—מיין וועסטען־טאַשעל און מאַך מיר אַ שוויג.

אַ וואָך שפּעטער קומט אַריין מיינער אַנ'אַלטער קונה, אַ גוט־באַזיצערין. זי ברייינגט מיר אַנ'אָפּפערוויליגקייט פון אַ קאַשעק פרישע אייער און אַ בראָש צו פאַרריכטען, באשר בכן איינס פון די מלאכים'לאַך האָט נעבאַך פאַרלוירען אַ פליגעלע. מאַך איך מיך כלא ידע, שטעק אַריין די צוויי אויבענדערמאָנטע פינגער אין וועסטען־טאַשעל און ציה אַרויס ווי על־פּי־גורל דאָס פאַרלאָרען־געפונענע גאָלדען פליגעלע און לייט עס צו צום מלאך'ל. מיר קוקען זיך ביידע אָן שטום. עס פעהלען אונז אויס ווערטער. אַזאַ מופת!

אַ שטיקעל צייט שפּעטער, שפּאַצירענדיג אין פּיקאַדילי צירקוס אין אַ העלען טאָג, שיינט מיר אַרויס פון טרעטואַר אַ פינטעלע גרינס, בין איך זיך מטריח און הויב עס אויף. זעה איך ס'איז אַנ'עכטער כינעזישער דזשייד אוירינגעל. כ'האָב עס גלייך מכניס אורח געוועזן אינ'ם וועסטען־טאַשעל, טראַכטענדיג דערביי: „ס'וואָלט געוועזן פּע־נאָמענאַל, ווען די דאַמע, וואָס האָט פאַרלאָרען דאָס אוירינגעל קומט אַזוי אַריין צו מיר און—אָט איז עס!

צוריקקומענדיג אין געשעפט אין אַ האַלבע שעה אַרום, זעה איך ווי מיין געטרייע, פריינדליכע אויפזעהערין פאַר די לעצטע צעהן יאָהר, מיסס קוק, באַדינט דער באַריהמטער קאָלעקטאָרין מאַדאַם

נעוויל דזשעקסאָן און זוכט אַ נייעם חבר פאַר אַנ'עלענדען דזשייד אוירינגעל אויפ'ן אָרט פון אַ פאַרלאָרענעם. כאַפּ איך זיך מאָמענטאַל צום וועסטען־טאַשעל, נעהם אַרויס מיט גרויס שמחה דאָס געפונענע אוירינגעל. צו מיין גרויס ערשטוינונג איז עס אָבער לײדער ניט געווען דאָס אוירינגעל, וואָס מאַדאַם דזשעקסאָן האָט פאַרלאָרען.

אַ יאָהר שפּעטער האָט די גוט־באַזיצערין פון דער בראָש פאַר־לאָרען דעם טייערסטען אבן־טוב פון איהר לעבען—איהר איינציגע טאָכטער איז איהר געשטאָרבען. זי איז אַריינגעקומען צו מיר און טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט פון איהר פּנים און געפאַלען אויף איהרע קאַמאַשען, און איך בין געשטאַנען מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, ניט געפינענדיג פאַר איהר קיין איין טרייסט וואָרט.

וויינאַכטען האָב איך געשיקט אַ טרייסט־מתנה צו דער וואונ־דער־שעהנער יתומה'לע פון דער פאַרשטאָרבענער טאָכטער — אַ קריסטאַלענעם בריאַלעט אין דער פאָרם פון אַ טרעהר, מיט אַ שוואַרצען באַנד צו טראָגען אויף איהר פאַר'יתום'ט העלזעלע.

אויפ'ן שוועל פון מאַרטירטום.

ווען, ווי רייפע פרוכט, מלחמה פרוכט, זיינען די דייטשע באָמבעס געפאַלען אויף מוטער לאָנדאָן און די קינדער־שטעדטעלאַך אויפ'ן וועג צו לאָנדאָן, גע'הרג'עט הונדערטער און געשעדיגט די נערוועו פון צעהנדליגער טויזענטער, האָב איך אַוועקגעשיקט מיין ווייב און קינדער קיין ברייטאָן.

אין אַ לופט־אַנפאַל איז מיין ווייב געווען די העלדין און באַ־וויזען אויסערגעוועהנליכע מוטה. בשעת אין מיר האָט די נשמה געציטערט און די ציינער האָבען געקלאַפּט פאַר פּחד, פלעגט מיר מיין ווייב געבען אַביסעל בראַנפען צו שטאַרקען זיך און איהר זעלבסט־קאָנטראָל האָט מיר געהאָלפען צו באַרוהיגען זיך.

אַזוי ווי איך האָב דעמאָלט ניט געהאַלטען פון אַפּילען צום רבונו של עולם דורך תהלים, פלעג איך אין אַזאַ מאָמענט מורמלען אַ תּפילה פון אַנ'אייגענעם מאַנוסקריפּט, און ס'האָט געדיענט אַלס אַנטי־לופט־אַנפאַל מיטעל.

די מענער האָבען זיך גוט פאַרוויילט, ווען די באָמבען־סכנה האָט געלויערט. געשפּיעלט אין קאָרטען, אין פערד־רייסעס און

„ליעבע“. האָט איינער גאָרניט געהאַט וואָס צו טהון, האָט ער גע־ארבייט „אָווערטיים“.

ווען מיין משפחה איז אַוועק קיין בריטאַן האָב איך פאַרבראַכט די אָווענדען אין די גאַסען און די גערטנער פון לאָנדאָן, צוגעקוקט זיך צום לעבען, ווי גאָט׳ס אַ שפּיאָן, וועלכער שפּיאָנירט אויך זיך אַליין זעהר פיעל. איך האָב דעמאָלט גע׳חלום׳ט פון אַנ׳אַנדער לעבען, און עטוואָס פון דעם חלום האָב איך באַשריבען אין מיין בוך „ארוים פון כאַאָס“. פאַר ענגלענדער און נאַטוראַליזירטע איז געווען אָפען דאָס שלאַכטפעלד אין פראַנקרייך און פרייע באַוועגונג אין דערהיים. פרעמדע אָבער זיינען „אין דערהיים“ געווען באַשרענקט אין באַוועגונג. ווען אַ פרעמדער האָט געענדערט זיין אַדרעס, האָט ער גלייך געמוזט מעלדען וועגען דער געשעהעניש צו דער פּאָליציי און אַ פּעטער פּאָליציאַנט האָט עס גלייך פאַרשריבען אין אַ פעט בוך. נאָך ביז היינט איז דער געזעץ ניט אינגאַנצען בטל געוואָרען.

נאַטירליך איז עס אין מלחמה צייט געווען אַ נויטווענדיגקייט ווי מלחמה אַליין. ס׳איז געווען דעמאָלט אין די אינטערעסען פון יעדען לאַנד צו פייניגען דעם פרעמדען.

איינמאָל, אין סוף 1919, האָב איך קומענדיג פון בריטאַן פאַר־געסען צו געהן זיך רעגיסטרירען (דעמאָלט נאָך געווען אַ פרעמדער. ערשט אין 1924 האָב איך זיך נאַטוראַליזירט). ווען איך האָב זיך דערמאָנט האָט מיר פונקט דער רעכטער פוס וועה געטהון.

די מעשה מיט׳ן פוס איז אַזוי געווען:

אין מיין פערצעהנטען יאָהר האָב איך זיך געבאָדען אין אַ טייך מיט חברה קונדסים אין שטעדטעל ראַטשווינז. נעבען ברעג טייך איז געשטאַנען אַ פאַבריק פון סאָדע־וואַסער און האַרט דערביי — אַ שעכט־הויז; דער טייך איז עקספּלאָאַטירט געוואָרען פאַר סאָדע־וואַסער און איז גענוצט געוואָרען פאַר אַריינוואַרפען אַהין די צע־בראָכענע סיפאָנען און פלעשער און פאַר וואַשען אין איהם די גאַנצע. דאָס שעכט־הויז האָט פון זיין אָפענער וואונד אין טייך אַריינגעבלו־טיגט און גליקליכע קונדסים׳לאַך, וואָס האָבען געהאַט אַ גאַט און אַ שבת, האָבען זיך אין דעם וואַסער געלאָזט וואויל געהן.

איינמאָל באָדענדיג זיך דאָרט האָב איך געהאַט אַ מין געפיהל ווי אַ קאַלטער אייזען וואָלט באַריהרען מיין ווארעמען פוס. מיר איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען, דערזעהענדיג אַ טיפען שניט. איך

האָב זיך שנעל אָנגעטהון און מיט דער אָפענער וואונד בין איך געלאָפען אין בית־המדרש אריין. כ׳האָב מורא געהאַט צו דערצעהלען, וואָס ס׳האָט פּאַסירט דעם זיידען אָדער דער באָבען, ווייל זיי האָבען מיר אָנגעזאָגט ניט צו באָדען זיך אין יענער געפעהרליכער וואַסער.

ווען דאָס בלוט און וועהטאָג האָט שוין דערגרייכט ביז איבער די כאַליעוועס, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוטה און האָב דערצעהלט דעם זיידען. ער האָט מיך גלייך גענומען צו אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט געוואוסט, אַז מיין זיידע שמואל קאַם־מאַכער איז אַן אָרעמער שמש און ס׳האָט זיך דעריבער איהם ניט געלוינט גוט אויסצורייניגען זיין אייניקעל׳ס וואונד. ער האָט עס בלויז פאַר־וויקעלט און ס׳האָט זיך פאַרהיילט. אָבער זייט דעמאָלט, ווען דער וועטער איז פייכט, טהוט מיר דער פוס אביסעל וועה.

אייגענטליך איז דער הויפּט ציעל פון מיין דאָזיגען בוך צו באַ־שרייבען די גייסטיגע נשמה־וואונדען און הארץ וועהטאָגען פון אַ אידישען קרעמער און ניט סתם קערפּערליכע פוס־שניט, נאָר אַזוי ווי ס׳איז שוין אָנגעשריבען געוואָרען, טאָ זאָל עס געהן צום דרוק.

האָט מיר די פוס אביסעל וועה געטהון. זאָג איך צו זיך: „ניט סכנות׳דיג. כ׳וועל מאָרגען געהן זיך רעגיסטרירען. די מלחמה ענדיגט זיך נאָך ניט״.

אויף מאָרגען האָב איך זיך ווידער דערמאָנט, אַז איך דאַרף געהן, אָבער כ׳האָב געהאַלטען פּונקט אין מאָדעלירען אַ שנירעל קאָר־ניליען. איך האָב אויסגעזוכט פון טויזענטער קאָרעלען די שעהנסטע, און מיט זילבערנעם דראָט זיי געפלאָכטען, ביז ס׳האָט אויסגעזעהן, ווי אַ גרויס ביינטעל טרויבען און אַזוי לאַנג זיך געשפּיעלט מיט׳ן „אשכול הכופר״ ביז דער רעגיסטראַציע־אַמט האָט זיך געשלאָסען. דערנאָך האָב איך לחלוטין פאַרגעסען וועגען עסק.

אַזוי זיינען אריבער אַכט טעג.

אויפ׳ן ניינטען טאָג קומט אַ טעלעגראַם פון דער פּאָליציי. זיי דאַרפען מיך. איך בין גלייך אַהין אוועק. פרעגט מיך אַ פּאָליציאַנט:

—פאַר וואָס האָט איהר זיך ניט רעגיסטרירט?

איך בין גראָד געווען אין אַ שלעכטער שטימונג. ענטפער איך ביי׳זלאָך:

—פאַרגעסען.

—פאַרגעסען—זאָגט ער—איז ניט קיין תירוץ פאַר'ן ענגלישען געזעץ.

—פאַרגעסען אז ס'איז ניט קיין תירוץ—ענטפער איך.

—פאַר ניט רעגיסטרירען זיך—מאַכט ער שמייכלענדיג—וועסטו מוזען געבראַכט ווערען פאַר אַ מאַגיסטראַט.

—אָלרייט,—ענטפער איך בייז און נאַריש; ווייל ווי באַוואוסט קען מען מיט אַ גוט וואָרט אָדער מיט אַ זיסען שמייכעלע פאַרדעקען אַזאַ פאַרברעכען—אָלרייט, נעהמט מיך צום מאַגיסטראַט.

כך הוה. אָבער קודם כל האָט מיך אַ פּאָליציאַנט געפיהרט צום צענטראַל פּאָליס-סטיישאָן, וואו מ'האָט אראָפּגענומען מיינע פינגער-צייכענס אויף שוואַרצען וואַקס. דערנאָך האָט מען מיך געפיהרט צום מאַגיסטראַט, וואו מ'האָט מיך אָפּגעהאַלטען עטליכע שעה אין אַ ריינער, שעהנער קאַזע. געמוזט וואַרטען אין דער רייהע. „פערסט קאַם, פערסט סערווד"—זאָגט דער ענגלענדער. דאָס הייסט: כל הקודם זכה.

איך האָב אייביג שפּאַס געמאַכט פונ'ם ווילדען מנהג, וואָס מאַרטירער האָבען צו זאָגען עטליכע גרויסע שלום-ווערטער איידער זיי ווערען געקרייציגט. אז אָך און וועה איז צו דעם חוזק. איך אַליין האָב צוגעגרייט אַ פלאַם-פייערדיגע רעדע. איך האָב געברענט ווי אַ קין און ווער ווייסט, מיט וואָס פאַר אַ מין אָראַטאָרישע פאַרטיידיגונג פאַר פרעמדענטום איך וואָלט איבערראַשט די וועלט. ליידער אָבער, ווען מ'האָט מיך אויפגערופען צו דער „עליה", האָט דער מאַגיסטראַט רוהיג אַ פרעג געטהון דעם פּאָליציאַנט:

—עפּעס פאַראַן געגען איהם אין דער פאַרגאַנגענהייט?

—ניין, סער!

—צוואַנציג שילינג.

באַצאָהלט אין מזומן אויפ'ן אָרט מיט אַ שמוציגען מלחמה פונט. אַלץ צוזאַמען האָט געדויערט איין מינוט. שנעלער האָט נאָך קיינמאָל די מלוכה קיין געלד ניט פאַרדינט.

די פלאַם-פייערדיגע רעדע האָט געגליהט עטליכע טעג אין מיין אויסגעהייצטען קאָלך-אויווען פון פאַרדרוס, נאָר גלייך ווי דער אויווען

האָט זיך אויסגעקיהלט, איז פון דער רערע געבליבען אַש מיט גאָרניט.

זייט יענע טעג האָט דער קאַלטער שכל איבערגענומען די קאָנ־טראָל לייצעס און מיך געפיהרט ביז היינטיגען טאָג אויף דעם גוט באוואַכטען און באַלויכטענעם שאָסיי פון געזעצליכקייט, געדענקעניש ביז—נאַטוראַליזאַציע!

איך קען אָבער ניט שליסען דאָס קאַפּיטעל אָהן צו מאַכען די געוועהנליכע און אוניווערסאַלע באַמערקונג פון אַלע קרימינעלע און פּאָליטישע תפיסה־פויגעל, נאָכדעם ווי זיי ווערען באַפרייט: „די שומרים און די פּאָליציי זיינען געווען זעהר גוט צו מיר“.

ערנעסט רהים.

מיין געשעפט איז ווי די גרויסע אייביגע־לעבליכע וואַנט, וואָס דיענט אַלס מחיצה צווישען גיהנום און גן־עדן.

ווערט דעם רשע צו הייס, געהט ער צו צו דער לעבליכער וואַנט און קיהלט אויס זיינע צעבריהטע ביינער. און דאַגעגען, ווען דעם צדיק ווערט צו קאַלט, קומט ער צו צו דער וואַנט און וואַרעמט אָן זיינע פאַרפרוירענע אברים.

נאָך אַ גאַנצען טאָג זיצען על התורה ועל העבודה אין בריטישען מוזעאום, ווערט דעם צדיק קאַלט אויף דער נשמה, קומט ער אריין צו מיר, רייבט זיך אין בארנשטיין, וואַרעמט זיך אין פלאַם פון אָפּאַל פונ׳ם זינדיגען, לעבעדיגען האַנדעל־וואַנדעל מיינעם.

געהט פאַרביי אַ הויטשינדערישער הויזבאַזיצער, אַ פאַרשוויצ־טער פּראָפיטען־מאַכער פון טעגליך נאַכט־געבאַקענעם ברויט, קיהלט ער זיך ביי מיר אונטער די קריסטאַלענע שאָטענס, וואָס עס וואַרפען קונסט־ווערק תמיד פון זיך.

איינער פון די צדיקים איז געווען ערנעסט רהים, רעדאַקטאָר פון “Everyman’s Library” ער, וועלכער האָט שוין רעדאַק־טירט איבער אַ טויזענט ביכער, מייסטענס פון קלאַסיקער אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אָפּט, נאָך אַ טאָג פאַרשונגען אין בריטישען מוזעאום, וואו ער שטודירט דאָס אַמאָל לעבעדיגע, פלעג ער אַריינקומען אינ'ם לעבע־דיגען וויברירענדען „קעמיאָ קאָרנער".

און מיר האָבען זיך ניט געקענט. ניט איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז דער, וואָס גראָבט אוים די פאַרבאָרגענע אוצרות פון דער וועלט־ליטעראַטור און איז מחיה מתים אין דער ענגלישער, און ניט ער האָט געוואוסט, אַז אונטער מיין מאַסקע פון יובעלען און שמייכעל טראָג איך אַ בשורה פון אַ גאַנץ ניי לעבען.

סוף 1917 איז עפּעס אויסגעקומען, אַז ער זאָל מיר געבען זיין נאָמען און אַדרעס. דאָס איז געווען שוין נאָך פינף אָדער זעקס יאָהר באַקאַנטשאַפט.

—זייט איהר דער רעדאַקטאָר ערנעסט רהיס ?—האָב איך איהם מיט ערשטוינונג געפרעגט.

—יאָ, איך בין עס.

—אויב אַזוי, וועל איך זיך פאַר אייך מתגלה זיין, אַז איך בין משה עובד. ערשט געשריבען אַ בוך פאַר דער מענשליכער רעטונג.

—קען איך עס זעהן ? מעג איך עס זעהן ?

מיר האָבען אָפּגעמאַכט צו טרעפען זיך אויף מאָרגען, לייענען און משפּט'ן.

* * *

אויף מאָרגען איז ער אַריינגעקומען מיט זיין פרוי גרייס רהיס, אַ דיכטערין פון שפּיץ נשמה ביז שפּיץ פינגער. זיי עפענען דעם ענגלישען מאַנוסקריפּט פון „אַרוים פון כאָאָס", לייענען דורך אַ קליין קאַפּיטעל, קוקען זיך ביידע אָן פול אין די פנים'ער, פול מיט באַ־וואונדערונג.

—באָרגט עס מיר אַהיים,—זאָגט ער צו מיר—איידער איהר גיט עס איבער צום דרוק. איך וועל קאָרעגירען דעם ענגליש.

ער האָט עס קאָרעגירט און האָט עס גערופען : „מיין גרעסטער יובעל".

* * *

אין זומער 1922 האָט ערנעסט רהיס מיך פאַרגעשלאָגען אַלס אַן׳עהרען־גאַסט צום חודש׳דיגען מאַלצייט פון׳ם „פען קלוב“

איך בין אהין געקומען אין לאַקירקעס, אין אַ האַרט געקראַכ־מאַלעטער אויבער־העמד און דאָרט געטראָפען אַ הונדערט און צוואַנ־ציג ענגלישע שרייבער און אַרטיסטען און זעקס אויסלענדישע עהרען־געסט. אַלע אין האַרטע אויבער־העמדער.

דזשאָהן גאַלסוואָרטהי, דער באַרימטער נאָוועליסט און דראַמאַ־טורג, איז געווען פאַרזיצער. לויט דעם מנהג האָט ער אויסגערופען דעם נאָמען, צווייג פון קונסט און די נאַציאָנאַליטעט פון יעדען עהרען־גאַסט.

ווען ס׳איז געקומען צו מיר, האָט ער אַנאָנסירט: „משה עובד, אַ פּוילישער דיכטער“.

ס׳איז געווען אַ פּאַטש אין פּנים, פון וועלכען די פינגער־סימנים וועלען נאָך אַ לאַנגע צייט בלייבען.

די סיבה דערפון איז, וואָס גאַלסוואָרטהי איז אַן׳עסטעטיקער און אַ דזשענטעלמאַן, אַ צער בעל׳חיים׳ניק און אַ אידען פריינד, ובכן האָט ער אַ׳פּנים מיך ניט געוואָלט מבייש זיין פאַר אַזאַ גרויסען עולם, אויסצורופען אַז משה עובד איז אַ איד.

נאָכ׳ן מאַלצייט האָב איך זיך אָנגעשטויסען אין אַן׳אַנטיסעמיט־קע, טשעסטערטאָן׳ס אַ שוויגערין. איהרע אַנטי־אידישע אַרויס־טרעטונגען זיינען געווען גאַנץ אויבערפלעכליך און באַנאַל. איך האָב מעהר אויסצוזעצען געגען אידען ווי זי. אָבער פאַר׳ן כבוד פון מיין פאָלק האָב איך איהר קיין שלעכטס ניט געטהון און באַשלאָסען זי לאָזען לעבען...

לעצטען ווייגאַכטען האָט מיר ערנעסט רהיס געגעבען אַלס מתנה עטליכע ביכער, צווישען וועלכע ס׳האָט זיך געפונען די „אויטאָביאָגראַפיע פון בענוועגוטא צעליני“, דער באַריהמטער פלאָרענ־טינער גאָלדשמיד און סקולפּטור פון 16־טען יאָהרהונדערט. לייענענדיג דעם וואונדערבאַרען ספר, האָט ער מיך דערמאָנט, אַז איך פאַרמאָג אויך אַ שטיקעל לעבען, וועלכעס ס׳איז כדאי צו באַשרייבען.

און דאָס איז דער רעזולטאַט.

מאַקס נאָרדוי.

דער אבקלאנג פון מיין בוך „ארוים פון כאָאָס“, אויף דער אידישער גאַס אין ענגלאַנד און אין אויסלאַנד, האָט שטילער ניט געקענט זיין.

די מאָדערנע אידישע פרעסע און ליטעראַטור—די „ריין מענש־ליכע, רעליגיעזע, סאָציאַליסטישע און זאָגאר די נאַציאָנאַלע“, ליידעט ראשית פון מאַלפען־קראַנקהייט. זי וועט נאָכמאַכען דעם מזרח, דעם מערב, דאָס פאַרגאַנגענע; זי וועט נאָכמאַכען די מאַלפע אליין, אבי ניט טהון דאָס, וואָס איהר אינערליכע נאַטור דיקטירט איהר, פאַר וועלכער גאָט האָט זי מזכה געווען מיט ספעציעלע חושים נאָך פון קדמונים. והשנית—ליידעט זי געפעהרליך דערפון, וואָס זי האָט זעהר ווייניג שעהנע מיידלאך צווישען איהרע צייטונגס־לעזער און בוך־פאַרצעהרער, און דאָס שעדיגט איהר צירקולאַציע.

אין וואָס אַזעלכעס באַשטעהט אייגנאַרטיגעס אידישעס?

כאַראַקטעריסטיש אידישעס הייסט באַהעפטונג מיט נצחיות, מיט אין־סופיות. זאָל עס זיין דער הויכער שוואונג, דער ברייטער זשעסט; זאָל עס זיין טיעפער צער, הארציגער רחמנות אָדער ברומענדיגער צאָרן, און זאָל עס זיין אייביגע מלחמה מיט גאָט אָדער דער גרויסער מורא'דיגער „ניין!“ „ניטאָ!“ אַזוי לאַנג ווי דאָס וואָרט אָדער די ליניע איז אונבאַגרענעצט, אונענדליך, אונבאַגרונדבאַר און אונבאַ־גרייפבאַר, איז עס כשר אידיש און געפינט חן אין די אויגען פון גאָט, דער גאָט פון נביאים.

אַז פריהלינג שמעקט, רויזען זיינען רויט און ליטעראַטען זיינען בלוי, איז עס ניט כשר אידיש. טריפה לא תאכלו!

מיין צעבלוטיגט בוך, וואָס האָט זיך אָפּגעריסען און אָפּגעשיילט פון מעכאַנישען בוים פון היינטיגען שאַפען, און איז אין גייסט פון גרויסען גאָט פון אונזערע אבות, הערליך, הילכיג און מוטהיג אויס־געשאַלט געוואָרען, איז פון די מאָדערנע פעדער־קינסטלער איגנאָרירט געוואָרען, ווי ניט צו זיי איז דער אולטימאַטום געשטעלט געוואָרען, ווי גאָר ניט זיי מיינט מען עס.

איך האָב ניט געדאַרפט זייער ערמוטהיגונג, געהאַט שעהן

פרנסה, שעהנע זאַכען און גאָט אין הארצען. געוואָלט האָב איך, אז זיי זאָלען האָבען געגוג לעבען אין זיך מלחמה צו ערקלעהרען. זיי האָבען עס אָבער ניט באַוויזען. האָט עס פאַרדראָסען און וועה געטהון.

ביז ס'איז אהער געקומען מאַקס נאָרדוי—אונזער נאַציאָנאַלע טריבונא!—און האָט זיין מיינונג בקולות וברקים אַרויסגעזאָגט. ס'האָט מיך געוואונדערט, געטרייסט און אַזש אויפגעטרייסעלט.

אַזוי איז די געשיכטע:

אין אָנהויב 1920, צוויי יאָהר נאָך דער ערשיינונג פונ'ם בוך, געהענדיג אין אַן אינדערפריה פון פּאָסט צום געשעפט, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ווי אַ בליץ איז מיר פאַרביי פאַר די אויגען.

פון וואָס פאַר אַ קוואַל האָט די ליכט געשלאָגען און געמאַכט מיינע אויגען פינטלען פון בלאַנק?

האָט גאָט דעם הימעל פריש איבערגעזילבערט אויף זיין זייט און אונז אויפגעריכט מיט אַ שפּאָגעל נייעם הימעל? אָדער אפשר איז עס די זיו השכינה אונזערע, וואָס בלאַנדזשעט אַ צעבראָכענע און קען קיין תיקון פון שלימות ניט געפינען?

נאָר איידער איך האָב געענדיגט צו שטעלען זיך די דאָזיגע פראַגען, האָב איך איהם—דעם זילבערנעם לייבען־טויבען קאָפּ דערזעהן, איהם— מאַקס נאָרדוי.

הונדערטער מאָל זיין פאָטאָגראַפיע געזעהן און גלייך איהם דערקענט. און קיין צווייטער אָריגינעלער נאָרדוי איז דאָך אויף דער וועלט ניטאָ!

צו פיעל דרך ארץ געהאַט איהם אָפּצושטעלען אין גאַס און רעדען צו איהם. געוואוסט, אַז זיין אדרעס איז די ציוניסטישע וועלט אָר־גאַניזאַציע—אַ מינוט גאַנג פון מיר, האָב איך איהם צוגעשיקט מיין בוך „אַרויס פון כאַאָס" אין אידיש און ענגליש מיט אַ בריעף, אַז ער זאָל אַזוי גוט זיין און עס לייענען:

„הערצל איז צו דיר געקומען מיט זיין בוך צוריקצוקריגען דעם אידישען באָדען (Soil), איך קום צו דיר צוריקצוגעווינען די אידישע נשמה (Soul).

און דאָס איז זײן תשובה:

77 גרײט ראַסעל סטריט.

2־טער פעברואַר, 1920.

„טײערער הערר,

ענדליך האָב איך געפונען די נױטיגע צװײ שעה איבער־צולײענען און הנאה האָבען פון אײער בוך „אַרױס פון כאַאָס“. איך האָב עס געלײענט אין ענגליש װײל איך בין נישט גענוג באַקאַנט מיט אידיש צו פיהלען אין דער שפּראַך ריכטיג. די איבערזעצונג אָבער מוז זײן אַ מײסטערהאַפטע, משפּט'ענדיג פון דעם װאונדערבאַרען ליעד „אַ געזאַנג צו דער טאָכטער פון ציון“ (קאַפּיטעל 20). דאָס ליעד אַנטפּלעקט אַ גרױסען פּאָעט.

איהר האָט געמאַכט אױף מיר אַ טיעפען אײנדרוק. איך קען ניט אױסדריקען מיט װערטער מײן איבעראַשונג. איך זעה דאָס אױפלעבען אין אײך יענעם אױסערגעװעהנליכען גײסט, אַן'אומפאַרגלײכליכע צוזאַמענמישונג פון עקסטעטישער ליריזם, אומגעהײער טיעפען מיסטיציזם, און פּראָפעטישע אױסברוכע װאָס כאַראַקטעריזירען אונזער תהלים, אונזערע נביאים און אפשר מעהר פון אַלע יעזוס.

שרעקט זיך נישט פאַר דעם װאָרט, אײער געדאַנקען־אַרט און געפיהל איז מערקװירדיג עהנליך צום נוצרי. אײערע תפילות צו גאָט, די װערטער װאָס איהר מאַכט גאָט רײדען, אײערע לײדענשאַפטליכע אױסגעשרײען, אײער ערהאַבענקײט, אײערע דרשות, אײער שטראָפען און טרײסטען דערמאָנען אין „די רעדע אױפ'ן באַרג“, אין די ליעבע װערטער פון דעם גליל'שען רעפאָרמער צו זײנע נאָכפאָלגער.

דאָס װאונדערבאַרע איז װאָס עס װײזט זיך אַרױס גאַנץ קלאָר אַז איהר האָט נישט געשעפּט אײער אינספּיראַציע פון דער קריסטליכער לעהרע. איהר האָט עס געפונען אין אײער אײגענעם איבער־בעװאוסטזײן, אין אײער יודישען שטאַם, פון אײער מויל רעדט דער נישט ענדערנדיגער אײביגער גײסט פון ישראל, װאָס האָט אױך באַלעבט יעזוס'ען, ישעיה, אבן גבירול און יהודה הלוי, פון װעלכען עס איז אױך פאַרהאַנען אַ פונק אין די בעסטע שאַפונגען פון הײנע.

אַט, דער גייסט האָט אונז דערהאַלטען ביים לעבען אין די שרעקליכסטע יאָהרהונדערטער, עס גיט נייע האָפנונג און כח צו זעהן ווי דער גייסט לעבט אין אַ היינטיגען איד, אין אייך. איך וואָלט געווען אָרימער ווען איך וואָלט ווייטער איגנאָרירט אייער בוך. איך דאַנק אייך וואָס איהר האָט עס פאַר מיר אַנטפּלעקט.

אייער מיט באַוואונדערונג,

ד ר. מ. נ אָ ר ד ו י ".

יעקב מאיר.

די מלחמה האָט איבערגעשניטען די פעדעם פון רעגעלמעסיגען בריעף-וועקסעל צווישען מיר און מיין משפחה אין פוילען, אויסער מיט מיין ברודער אברהם ליב. ער האָט וואָלונטירט און געדיענט אַלס פּריוויליגער אין דער ענגלישער אַרמיי אין פראַנקרייך—מיט איהם האָב איך זיך עפּטערס דורכגעשריבען.

גלייך אָבער ווי דער בלוט און פייער מבול האָט זיך אָפּגעשטעלט, —די ערד איז נאָך געווען רויט און דער הימעל האָט נאָך געבריהט,— האָבען אָנגעהויבען פליהען די בריעף אַהין און צוריק, און אַזוי ביז היינטיגען טאָג.

ס'איז ניט פאַרצושטעלען די שמחה פון מיין משפחה, ווען זיי האָבען באַקומען אונזערע ערשטע בריעף, אַז מיר זיינען אַדורך דעם גיהנום און געבליבען ביי די רמ"ח אברים און שס"ה גידים און דערצו נאָך מיט אַ הוספה פון צוויי מלחמה קינדערלאַך, וואָס מיין פרוי האָט דורך דער צייט געבוירען—אַ נשמה מיידעלע שרה-רבקה און אַ פייערדיג יונגעלע יצחק-יעקב. אויך האָט זיי ניט ווייניג איבער-ראַשט, וואָס איך מיטען דער טראַגעדיע געשריבען און פּובליצירט מיין „ארוים פון כאָאָס". נאָר איבער אַלעם איז געווען זייער שמחה גרויס, וואָס אברהם-ליב איז אַרויס געזונד און גאַנץ פון דער פאַר-ציקענדער לייבען-גרוב.

מיר פון אונזער זייט האָבען זיך דערפרייט מיט די נסים, וואָס גאָט האָט צו זיי באַוויזען אין אַזאַ אונ'ברחמנות'דיגער צייט. הויפּט-זעכליך דערמיט, וואָס אַן ערשטלינג איז געבוירען געוואָרען אין דער

מלחמה ביי מיין עלטסטער שוועסטער פסח, דרייצעהן יאָהר נאָך דער חתונה.

איצט מוז איך זיך אָפּשטעלען צו רעדען וועגען דעם אויפּסנייד־געבוירענעם ברודער, וואָס סוף מלחמה האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט.

פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ בחור׳ל פון פופצעהן יאָהר, ניט איבעריג זיך אויסגעצייכענט—אַ חוץ מיט אַ גוטען זכרון און זיסען חן. נאָר אין פאַרלויף פון דער מלחמה האָבען זיך זיינע אויגען געעפענט. זיין הארץ איז געוואָרען ברייט, זיין מוח שאַרף און זיין נשמה געלייטערט. זיינע ערשטע בריעף האָבען גלייך אַנטפּלעקט אין איהם אויסערגעוועהנליכעס. ניט נאָר האָט ער עהרליך געקוקט און קלאָהר געזעהן, נאָר ער האָט אויך געהאַט בילדונג און קולטור. ער האָט פיין באַהערשט די רוסישע, פּוילישע און דייטשע שפּראַכען און געקענט זייערע ליטעראַטורען, ווי אויך די אַלטע און נייע העברעאישע ליטעראַטור. זיינע ידיעות האָבען אָבער ניט געמאַכט פון איהם אַ מאָנאָטאָנעם בוך־וואָרם. ער איז געבענשט געווען מיט אַ געזונטען חוש פאַר הומאָר, וואָס האָט אויפגעהאַלטען זיין קינדעריש־קייט פריש און פולזאַפטיג. יעדער געדאַנק, טעאָריע אָדער שאַבלאָן האָט ער געשטעמפּעלט מיט אַן אייגענעם סטיל, אַ פּועל־יוצא פון אַ פערזענליכקייט וואָס באַזיצט קולטור און שעפּפערישען הומאָר.

איך, וואָס האָב ווייניג געלייענט, מיט אַן אָפּגעשוואַכטען זכרון און וואָס באַהערש ניט פּליסענד קיין איינציגע שפּראַך און טײלמאָל איז פאַר מיר עבודת־פּרך אויפצושרייבען אַ זאַץ קלאָהר,—האָב זיך געטראַכט, אַז ענדליך האָב איך געפונען מיין אהרן הכהן, וואָס וועט פאַר מיר דורכברעכען אַ פענסטער פאַר׳ן פּלאַם פון מיין שליחות, וואָס ברענט אין מיינע ביינער און קען ניט געפינען קיין אויסוועג. ער וועט מיט זיין שטאָהלענער, געשליפענער פען לעבערען די פאַרשטאָפּטע אויערען פון שקלאַפען צו זינלאָזע דאָגמאַס און אידעען, און צוזאַמען וועלען מיר ברייננגען אַ נייעם אינהאַלט פון קדושה אין אונזער מאָראַללאָזען, דיסהאַרמאָנירטען לעבען.

אַ גרויסע אהבה לשמה, וואָס שטייגט טויזענט מאָל איבער די סתם בשר־ודם׳יגע פאַרוואַנדשאַפט, איז געוואַקסען צווישען אונז.

אין משך פון די צוויי און אַ האַלב יאָהר, וואָס ער האָט אין בערלין שטודירט אין אוניווערזיטעט אַלס פרייער־צוהערער און דערנאָך, ווען ער האָט צוויי יאָהר געדיענט אין דער פּוילישער אַרמיי,

איז קיין וואָך ניט אַריבער אין וועלכער מיר זאָלען זיך ניט איבער־שרייבען, אַזוי אַז אין פאַרלויף פון קנאַפּע פינף יאָהר (1919-1923), איז מיין גאַנצע שרייבערישע ענערגיע אויסגענוצט געוואָרען אין די בריעף צו יעקב־מאיר׳ן. אויב ס׳איז נאָך געבליבען אַביסעל צייט און ענערגיע, איז עס אויסגענוצט געוואָרען אין ליידענשאַפטליכען שאַך־שפּיעל מיט מיין ברודער אברהם־ליב. אַזוי זיינען אַוועק חדשים און יאָהרען ביז מיטען זומער 1923, ווען ס׳האָט מיך אַרומגענומען אַ בייגקעניש אַהיים צו פאָהרען אויף עטליכע וואָכען און זעהן אַלע מיינע געליעבטע, איבערהויפּט יעקב׳כען.

* * *

אין אַ שעהנעם יולי אָווענט 1923 האָט זיך דער לאַנגוויילינגער עקספּרעס־צוג דערנעהנטערט צו דער סטאַנציע פון טוירען. טוירען איז אַ שטאָדט פאַר אַלעקסאַנדראָווע און יעקב׳כע האָט דאָרט גערדיענט.

אַריינגעהענדיג אין וואַרטזאַל, קומט מיר אַנטקעגען, אין עט־ליכע מינוט אַרום, מיין אַלטער פריינד חיים מיט אַ יונגען מאַן, דער מאַן פון מיין יונגסטער שוועסטער עטעכע, וועלכען איך האָב ביז דעמאָלט ניט געקענט. „משה עובד!״ „חיים!״ האָבען מיר אויסגע־שריגען, און מיר זיינען זיך געפאַלען אויף די העלזער צו קושען זיך, אָבער אָהן טרעהרען, ווי עס פּאַסט זיך פאַר הארטע מאַנספּאַרשוינען. אויסגעפרעגט זיך אויף טאַטע־מאַמע און אויף יעדען איינעם.

—און וואו איז יעקב׳כע?

דערצעהלען זיי וועגען יעדען באַזונדער. דער טאַטע איז ברוך השם געזונד, די מאַמע איז זעהר שוואַך און יעקב׳כע האָט געקריגען ספּעציעלע אורלויב צו זיין מיט מיר די גאַנצע צייט פון מיין באַזוך. ער וואַרט מיך אָפּ אויף אַלעקסאַנדראָווער סטאַנציע.

ניט קענענדיג זיך דערוואַרטען אויף אַ צוג, האָבען מיר געדונגען אַ פוהר און אַהיים געפאָהרען דורך עטליכע שטאָק פינסטערע וועלדער. די פוהר האָט זיך די גאַנצע צייט געשלעפּט און געשליידערט אויפ׳ן גרוב־בערגיגען וועג און איז שטענדיג געוועזן אין דער סכנה פון איבערקעהרען זיך. דער בעל־עגלה האָט עטליכע מאָל דעם וועג פאַר־לאָרען און אַריינגעשניטען אין טיעפען זאַמד פון נייע וועגען. ערשט אַזייגער פיער פאַרטאָג זיינען מיר אַרויף אויפ׳ן שאָסיי און אויף דער קרומשטיינערדיגער, געפלאַסטערטער גאַס, וואו מיינע ליעבע וואוינען און וואו זייערע הערצער קלאַפּען פאַר מיר טאָג ווי נאַכט. די

אייזערנע ראַנדען פון די רעדער און די פּאַדקאָוועס פון די פערד האָבען געקלאַפּט אויף האַרבאַטע שטיינער, געשפּריצט מיט פונקען, געראַשט ווי די מעשה־מרכבה אין דער שטילער, אויסגעשטערענטער נאַכט. נאָכמעהר האָט מיין האַרץ געראַשט. א קליינינקייט! זעכצעהן יאָהר ניט געזעהן דאָס שטעדטעל פון מיינע ליעבע. בפרט נאָך אַזעלכע יאָהרען, אין וועלכע אימפּעריעס האָבען זיך איבער׳ן שטעדטעל פאַר די נעזער געריסען!

„אָ, קליין אָרעם שטעדטעל! וויפיעל בלוט—האָב איך מיר גע־טראַכט—קאָסט איצט יעדער שטיין דיינער!"

באַצאָהלט א מיליאָן מאַרק פאָהר און בלאָנדזשע געלט, האָב איך איבערגעטראָטען די הייליגע שוועל פון עלטערנ׳ס צער און בענ־קעניש. אַריינגעקומען אין פּרוזדור פון א קליין קיכעל און דערנאָך אין זיץ־שטוב.

טאַטע! אַלטער טאַטע מיינער! אַלט, אָבער יונג אין גייסט.

יעקב׳כע! ברודער מיינער!

איך געה אַריין אין לעצטען חדר און דערזעה מיין מאַמען. זי איז געזעסען אין בעט, מיט׳ן רוקען איינגעבויגען, ווי א בויגען. מיט רויטע פלאַמען אינ׳ם איינגעפאַלענעם פנים און די גרויסע וואונדער אויגען פון איהר יוגענד פאַרשמעלט און פאַרקרימט, קוים צו דערקענען.

—אָ! מאַמע, מאַמע!

—משה עובד לעבען!

און מיר האָבען ביידע אויסגעבראָכען אין דעם געוויין פון אונזער לעבען.

די פרעמדע וועלט דאַרף, אז מ׳זאָל דערצעהלען א לעבען. זיי דאַרפען מעשה־ביכלאַך, ביכער און דיכטער, אָבער א מאַמע—בפרט אַזאַ מאַמע ווי מיינע—ווייס אַלץ אונדערצעהלט און אונבאַזונגען. אינ׳ם געוויין איז דערצעהלט געוואָרען די גאַנצע געשיכטע פון דער מלחמה; וואָס לעאָן איז איבערגעקומען; אַלע אייגענע און פרעמדע איבערלעבענישען; די פּאָגראָמען איבער׳ן רואינירטען אידענטום אין אוקריינע; די פרייד פון דער באַלפור דעקלאַראַציע; דאָס געלעכטער פון קינדער יעדע רגע פון צער און פון פרייד, פון שרעק און פון האָפנונג, פון אונזער מוטשעדיגען משיח׳דיג לעבען.

אוי, טרעהרען! טרעהרען! ווי וואָלטען מיר געקענט לעבען אָהן

אייך? אָהן ברויט, אָהן וואסער, אָהן ליעבע, נאָר ניט אָהן אייך, טרעהרען!

באטראכט יעקב'כען, אין זיין פוילישען יוניפאָרם, געבענשט מיט דער מאמעס יונגע אויגען.

ווי פיין זיין קאָפּ איז געבויעט, און ווי קרעפטיג ער איז. זיין מיטעל־וואוקסיגער קערפּער—שלאַנק און פעסט און זיין נאָז—ניט די געטאַקטע אינדיווידועללאַזע גריכישע, און ניט די מיאוס גלות'־דיגע, נאָר אַ מענשליכע כאַראַקטערפולע נאָז. יוגענדס באשיידענהייט איז אויף איהם געלעגען אויסגעגאָסען, נאָר שמייכלענדיג, פלעג זיך אויף זיינע ליפּען ווייזען אַ שאָטען פון בייסענדער סאַטירע. ועל כולם—זיינע פייערדיגע בית־המקדש ליכט אויגען—דאָס שעהנסטע, וואָס דער אידישער אויפלעבונגס אידעאַל האָט אָנגעצונדען אין אסך פון די יונגע אידען—אויגען וואָס פאַר'שיכור'ן מיך. ירושלים! ירושלים! שעהנער, שעהנער ווי דו אַליין, זיינען די אויגען, וואָס זיינען געווענדעט צו דיר.

און פון דער ערשטער רגע האָט אַ שרעק ארומגענומען מיין הארץ; ווי עפּעס וואָלט מיר איינגע'סוד'עט: „אזא יובעל דאַרף מען היטען און תמיד בעטען פאַר איהם. אזא געטליכער פענאָמען האַלט לאַנג ניט אָן. שמור וזכור!"

גלייך זיינען אריינגעקומען, דורך דער צייט צוגעקומענע, מאמעס —מיין עלטסטע שוועסטער פסה, די מיטעלסטע—גאָלדע, און די יונגסטע—אסתר־רחל. נאָכדעם ווי דער טאַטע אַליין האָט מיר גע־מאַכט אַ גלעזעל „מים־חמים", האָב איך זיך אביסעל צוגעשפּאַרט צו דרעמלען. איך בין שרעקליך מיעד געווען פון דער נסיעה, אויפרעגונג און שלאָפלאָזער נאכט (שלאָפען איז פון קינדווייז אָן געווען מיין הויפּט נאהרונג).

אין דערפריה געזעהן די דריי שוואָגערס — יעקב, דוד און הערצקע—און אַלע זייערע נייע קינדערלאַך, זייערע געוועלבען, דירות און מעבעל און זיך גע'טובל'ט אין זייערע אטמאָספערען. נאָר מיין גרויסען־יונגסטען ברודער יעקב'כען ניט אָפּגעלאָזען פון זיך. די גאַנצע צוויי וואָכען פון מיין באַזוך האָב איך איגנאָרירט די ליעבסטע, באַליידיגט די נאָהענסטע מיט מיין שלעכטער באנעהמונג, אָבער איך האָב זיך ניט געקענט העלפען. איך בין געווען אינערליך גע־

ווידמעט אינגאַנצען צו איהם. אפילו מיינע רייד צו אַנדערע האָבען געמוזט דורך זיינע אויערען דורכגעהן.

* * *

אויפ'ן בארג פון די „שווייצארסקי דאָלינעס" אונטער אַלעק־סאַנדראָווא זיינען מיר געלעגען. מיט איהם געלערענט „ארוים פון כּאָס". מיר האָבען גערעדט דאָס ניט אַרויסגערעדטע; איהם ער־קלעהרט און פאַרטרויט דעם שם המפורש; אויסגעטייטשט דעם זין און תכלית פונ'ם מענשענס לעבען, זיצענדיג אינ'ם גרינעם וואַלד, ניט ווייט פון בית-עולם.

און די גאַנצע צייט האָט אָהן ווערטער דאָס הארץ תפילה געטהון פאַר איהם, אַז ער זאָל נאָר לעבען און ס'זאָל אונז באַשערט זיין צו ארבייטען צוזאַמען פאַר דער גאולה פון מענשען.

אַ נאַכט פאַר מיין אָפּפאָהרען האָבען מיר געטרונקען אביסעל לחיים-וויין און איבער'ן גלעזעל האָב איך צו מיין פאַרזאַמעלטער פאַמיליע געזאָגט אין דער אבוועזענהייט פון יעקב'כען:

—איך פאָהר מאָרגען ווידער קיין לאָנדאָן. לאָנדאָן, דאָס הארץ פון דער וועלט, רופט צוריק. איך פאָהר דיענען, ניט ווערען באַדיענט. גיט אַכטונג אויף מיין באַליעבטען יעקב'כען. ער איז ניט נאָר אַ קרוין פאַר'ן אידישען פאָלק, נאָר פאַר'ן גאַנצען מענשליכען מין".

מעהר האָב איך ניט געקענט רעדען. ס'האָט געשטיקט. און מיר האָבען זיך אַלע צעוויינט.

אין דערפריה איז יעקב'כע אָפּגעפאָהרען קיין טוירין צו מיליטער. ער האָט געהאָט אינגאַנצען נאָך צוויי וואָכען צו דיענען. איך בין דורך דייטשלאַנד צוריק קיין לאָנדאָן געפאָהרען, מיטגענומען מיט זיך דעם שווערען געמיט, וואָס האָט מיך געדריקט די גאַנצע צייט פון מיין באזוך.

דעם זעלבען טאָג פון מיין אָפּשייד, האָבען מיינע אויגען דורכ'ן פענסטער פון עקספּרעס-צוג געזעהן אַן'אונבאַשרייבליכען זונען אונ־טערגאַנג. רויט ווי טויבען בלוט און גרויס ווי אַ באַליע איז די זון געפלויגען שנעל ווי אַן'אָדלער און ארונטערגעפאַלען ווי אַ קאָמעט. אַזאַ ריזען זון און אַזאַ שנעלען סוף האָבען מיינע אויגען נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אין זייערע פערציג יאָהר פון אויפגעהענדע און אונטער־

געהענדע זונען. אין די פערציג מדבר יאָהרען, ווער ווייסט, אויב אַ שעהנערע זון איז אונטערגעגאַנגען.

און פּאַסירט האָט עס אין עטליכע טעג אַרום, ווען יעקב־מאיר האָט געקריגען טיפוס. דער מיליטערישער דאָקטאָר האָט איהם ברוטאַל באהאַנדעלט, און אין צוויי וואָכען אַרום איז זיין לעבען אונטער־געגאַנגען, און אויסגעלאָשען געוואָרען זיינען זיינע צוויי זונענדיגע אויגען.

בין איך געזעסען אין דער פינסטער און געטרויערט, ניט נאָר ווייל ער איז געוועזען מיין יעקב׳כע, נאָר ווייל ער איז געשטאָרבען אַזוי יונג און ניט דערלעבט צו ווערען אייער יעקב׳כע.

ער האָט מיך מיט זיינע בריעף באַרייכערט, מיט זיינע אויגען באפּרוכטבאַרט. פאַר׳ן טאַטען איז ער געוועזען דער גרעסטער ידיד־נפש; פאַר דער מאַמען האָט ער פרייטאָג די פּאָדלאָגע געוואַשען. פאַר אייך איז ער אָבער דערוויילֿ אַן אונבאַוואוסטע אבידה. עס פעהלט אייך אַ גייסטיגע ליכט, און קיינער ווייסט ניט אַז דאָרט, ערגעץ ווייט, האָט זיך אויסגעלאָשען אַ זונענדיגע נשמה, וואָס איז אָנגעצונדען געוואָרען פאַר דער וועלט צו לויכטען. טראָג איך זיין לעבען און טויט אין מיר אַליין, מיט בלוט פאַר׳חתמ׳עט.

דער נס.

אַ האַלבע מינוט גאַנג פון „קעמיאָ קאָרנער“ געפינט זיך אַ קריסטליך ביבעל געשעפט, וואו ס׳זיינען אויסגעשטעלט אין שוי פענסטער אַלטע און נייע טעסטאַמענטען, ווי אין אַ יאַטקע ערשט וואָס אָפּען אויפגעשניטענע קעלבער, פון וועלכע דאָס בלוט טריפט נאָך און די פאַרע שלאָגט נאָך; ליגען די טעסטאַמענטען אָפען אין שוי־פענסטער.

די לעצטע יאָהרען בין איך זיך נוהג, ווען איך געה פאַרביי, צו באַלעקען זיך, ווי אַ הונט מיט אַ פּסוק אָדער צוויי, געב אַן עלעק־טרישען ציטער פאַר גאָט׳ס וואָרט, און געה מיר ווייטער כאחד האדם, שוועבענדיג אויף מיינע פליגעל־פיס.

אַ גאַנצע מינוט גאַנג פון „קעמיאָ קאָרנער“ איז דער בריטיש מוזעאום; דער אַטלאַנטישער ים פאַר מלומדים, קינסטלער און ליי־

דיג־געהער, וואָס ווילען אַ נייע וועלט אַנטפּלעקען, אָן אַלטע באַגראָ־בען, אָדער גאָר ס'לעבען זיך אַוועקטויטען.

כאָטש עס קומען אַהער פון דער גאַנצער וועלט פּראָפּעסאָרען און סטודענטען צו שטודירען און לערנען, און ליידיג־געהער קומען אַרומצוקוקען זיך און זיך באַריהמען, אַז זיי זיינען דאָ געווען, דאָך הערשט דאָ שטענדיג פאַר'ן אַריינגאַנג און אַריינפאָהר אַ שבת'דיגע רוהיגקייט. איז עס אַ בת־קול פון דער אינעווייניגסטער שאַ־שטיל־קייט? קען זיין. הונדערטער טויבען שפּאַצירען אַרום צווישען אַלטע פּראָפּעסאָרישע פיס און ווערען ניט געשטרויכעלט, און די טריט פון געוויינליכע בשר־ודם'ס לאָזען דאָרט ניט קיין צייכען אין זאַמד, גלייך ווי ס'וואָלט קיינער זוילען מיט שטיפּטען און קלעצער מיט צווע־קעם אויף דער וועלט ניט געווען, נאָר בלויז פּראָפּעסאָרען און שרייבער און ליידיג־געהער.

פונקט געגענאיבער דעם מוזעאום האָט געוואוינט מיין פריינד הארענדרא מעיטרא, אַן אינדישער אידעאַליסט. ער האָט פאַרנומען אַ שטוב מיט דריי פענסטער אויפ'ן צווייטען שטאָק.

ווען איך בין מיעד געוואָרען פון הו־האַ און פון ביזנעס, פלעג איך איהם קומען באַזוכען און אייביג געפונען די אַטמאָספערע פון זיין אינדיאַניש מעבלירטער שטוב, פול מיט בשמים פון רוהיגקייט און שלימות. האָב איך זיך אייביג געוואונשען צו האָבען אַזאַ מין חדר, וואו כ'זאָל קענען שטודירען און חלום'ען און שרייבען ריין, אויפריכטיג, און דיענען דעם הקדוש ברוך הוא אָהן שטערונג. אין „קעמיאָ קאָרנער", האָב איך געפיהלט, איז די אינספּיראַציע שוין אויסגעוועבט. אין דערהיים האָב איך ניט געהאַט די געלעגענהייט צו שרייבען, ובכן האָב איך זיך אָנגעהויבען אַרומדרעהען שרעקליך צעטראָגען, פשוט אויס איבערמענש! געפלעגט אַמאָל יאָ שרייבען, אַ פּאָעמאַ, אַ ליעד, נאָר ס'איז ניט געווען ד אָ ס. האָב איך זיך געטראַכט, איך וועל מיר שאַפען אַ מקום קדוש, אָנצינדען אַ נר־תמיד, דעקאָרירען עס היילינג־אידיש, און דאָרט וועט וויי טער די שכינה אויף מיר רוהען צו שרייבען און צו שאַפען ווערק פון ווערט.

האָב איך אָפּגעקויפט פון מיין פריינד מעיטרא זיין דירה און מעבעל, טייער באַצאָהלט. ער איז אַוועק קיין אַמעריקא. איך בין געבליבען אין פאַרלעגענהייט. וואָס טהוט מען? ווי אַזוי הויבט מען אָן עס צו מאַכען היילינג־אידיש? וואָס איז אַזעלכעס היילינג־אידיש?

וואו קויפט מען אזא מעבעל? ווי אזוי מאָלט מען אזעלכע ווענט? וואָס טהוט מען מיט די שטעכיגע, פיערעקעדיגע פענסטער און טיר? ווי אזוי פאַרריגעלט מען אזא הייליגע שטוב? און אַלץ מוז געטהון ווערען בסוד, ווייל מיין ווייב וואָלט ניט צוגעלאָזט צו אזא משוגעת, און פּראַקטישע, ניכטערע מענשען וואָלטען דאָך מיך מיט געלעכטער פאַרשטיינערט. וואָס זשע טהוט מען?

איך האָב קודם כל אויספאַרקויפט דאָס מעבעל פאַר עטליכע פונט, אויסער די לייוועלנדענע פאָרהאַנגען, פון אַפּעלסין־ און ציטרין־קאָליר, וואָס זיינען מיר שטאַרק געפעלען. געלאָזט פאַרריכטען די צעבראָ־כענע ווענט און זיי באַקלעפּט מיט טונקעל ברוין פּאַפּיר און מיט א פרעסקאָ, וואָס האָט אויסגעזעהן עהנליך צו אַן א; רעפּערירט טיר און פענסטער און זיי געמאָלען ווייס; געקויפט אַן אַלטען, מע־שענעם, סירישען היינג־לאָמפּ מיט זעקס פאַרשידענע קאָלירטע גלאָז שייבלאך; א טיש, א שטוהל, א טינטער און א נייעם האַלטער מיט א פען; פאַרלייגט די הענט, פאַרגלאָצט די אויגען און געוואַרט אויף אינספּיראַציע. אזוי וואַרט איך נאָך ביז היינטיגען טאָג! פריהער פאַר אַלץ איז געשעהן א נס—דער סירישער נר־תמיד האָט אין קיין פאַל ניט געוואָלט ברענען. געקויפט דעם בעסטען בוימעל און די טייערסטע וואָלענע קנייטלאך און ס'איז דאָך אויסגעגאַנגען. צוויי וואָכען האָב איך יעדען מאָרגען געהאַלטען אין איין אָנצינדען, אָבער יעדע נאַכט איז עס אויסגעגאַנגען. מעהר ווי איינמאָל גענומען די פען אין האַנט און זי איינגעטונקען לבטלה. ס'האָט זיך ניט געשריבען. אָנגעהויבען מיט „ב"ה" און ווייטער געהט עס ניט. געריבען זיך אזש אינ'ם גרויסען שטערען, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפען. ביז איך האָב איינגעזעהן, אז מ'קען די שכינה מיט גוואַלד ניט אריינגנארען, ווי א נאַרישען קונה פון א קונים־פאַלק. זי קומט ווען זי וויל און צו וועמען זי וויל. אין די אַלטע יונגע צייטען האָט זי זיך שטאַרק געליעבט מיט פאַסטוכער, היינט איז זי אַביסעל פאַרהייראַטעט צו מיר, א סוחר, א לומפּענפּראָלעטאַריער.

זעהר אָפט פאַרשווינדעט זי פון אונטער די הענט. אין מיטען רעדען, אין מיטען א וואָרט—ניטאָ זי. ענדיגט דער קינסטלער אין מיר די אַנדערע העלפט פון פסוק. ווען זי קומט צוריק, פאַרדריסט איהר און זי שרייט: „ס'טויג אפילו ניט אויף כפרות!" לייג איך די שולד אויף איהר נעלם ווערען.

אָבער אין אַלגעמיין, „נעהמענדיג אין אָנבעטראַכט", האָט זי

ביי מיר אַ גאַנץ שעהנעם עלטער. ווייטער ניט ערגער. בעסער האָט דאָך קיין שיעור ניט!

וואָס איז מיט דער „הייליגער שטוב“ געוואָרען? אַרויס פון דאָרט בחפזון. דער נר־תמיד? אויפגעהאַנגען פאַר דער טיר פון „קעמיאָ קאָרנער“, אַריינגעשטעלט אַ וואויל טייערישקעס עלעקטריש לעמפּעל און עס ברענט אין אַלע געוויטערען. עס ברענט אַ מחיה און עס ברענט זיך קיינמאָל ניט אויס. די דירה האָב איך פאַרדונגען צו „אמנות געזעלשאַפט“, איבער וועלכער איך בין איינער פון די דירעקטאָרען. מיר האָבען דאָרט אויסגעשטעלט צו פאַרקויפען ירושלים פּראָדוקציע פון דער „בצלאל“ שול. צו דער ערעפנונג האָט דער חכם ד״ר גאַסטער געהאַלטען אַ בריליאַנטענע פעסט־רעדע; פּיליכאָווסקי און ד״ר אָפּענהיימער האָבען אויך גערעדט; מ׳האָט געטהיילט פּירות, געטרונקען טיי מיט קיכעלאַך. ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפען. ס׳האָט זיך ניט געצאָהלט און מיר זיינען קוים אַרויס מיט׳ן פאַרמעגליכען לעבען.

אָנפראַגע אין פּאַרלאַמענט.

פאַר ווייגאַכטען איז מיין פרעהליכסטע צייט אין יאָהר, מיין גרעסטער יום־טוב. און אַ לעבען שכולו יום טוב!

עס קומען צו מיר אַריין דעמאָלט מענשען פון גאַנצען לאַנד נאָך שעהנע זאַכען און איך באַציהר זיי איינעם נאָך איינעם מיט תכשיטים פון פרייד, מיט שמוק פון שעהנקייט.

קומט אַריין אַנ׳אשת־איש, זי איז אָבער נאָך אַ בתולה אין ענין פּאַטשערקעס. האָט זי אויגען שוואַרצע, ווי צוויי שוואַרצע, זאַפטיגע טרויבען. זי פאַרמאָגט זיהן און טעכטער, שאָף און רינדער, און וואָס ס׳איז וויכטיגער—דינסטען; זי האָט חלילה ניט קיין איינציגען מום, נאָר עס פעהלט איהר אַ שנירעל קאָרעלען. בעט איך זיך ביי איהר צו טראָגען רויטע קאָרעלען, געלינגט עס מיר און איך בין צופרידען, איבערצופרידען.

דערנאָך קומט אַריין אַ פאַרליעבטע פאַרלאָבטע פאַננאַ, מיט אַסך־געלטיגען דימאַנטען־רינג אויפ׳ן לעגאַלען פינגער, נאָר די איבעריגע מעהר פיהלענדע פינגער זיינען נאַקעט און פאַרשעהמט.

זעה איך, אַז זי זאָל באַקליידען דעם ערשטען פינגער מיט אַ גרויסען באַרבאַרישען רינג. זאָל ער אויך וויסען פון אַ שעהן און רייך לעבען.

קומט אַריין אַ פרוי, דאַכט זיך אינגאַנצען עמאַנציפּאַציערט. ממש אַ בחור. אָפּגעשוירען ווי אַ שעפּסעל, רויכערט פּאַפּיראָסען און טראָגט מאַנספּאַרשוינענע קלעצער. דאַכט זיך גוט גענוג! דאָך איז זי ניט אינגאַנצען באַפרייט, ביז זי טראָגט ניט אַ פּאָר לאַנגע „אונ־אָפּהענגיגע" אויירינגען און אַ גרויסען, זילבערנעם ציגיינער רינג אויפ'ן קלענסטען מאַניקירטען פינגערעל.

אַזוי געהט עס צו גאַנצע טעג פול מיט פרייד ווי די יאָהרען.

און ס'איז ניט קיין וואונדער. זינגט דען ניט אַן אַלט רויט שטיק וואָרעם פאַר'חלום'ט בורשטין, האַרצליכער און ליעבליכער ווי אירגענד וואָס פאַר אַ פּאָעמאַ? זיינען דען די ניט צו סימעטריש געשליפענע גרויסע רובינען מעהר רעוואָלוציאָנעריש ווי קאַוטסקעס און טראַצקים בראַשורעס? גיט עס דען בילדער אַזוי רעאַליסטיש־פוטוריסטיש, ווי גאָט מאָלט אויף אַגאַטען און דזשעספּערס? און די פלאַמען פון אָפּאַלען—זיינען זיי ניט דען מעהר מליצה'דיגער, ווי די צונג פון דעמאָסטענוס?

איך האָב געפיהלט אייביג, אַז שטעהענדיג אַזוי פיעל יאָהרען, און ניט חלילה פרעדיגען, נאָר טאַטזאַכליך פאַרשפּרייטען שעהנקייט, וואָס האַרמאָנירט מיט דער נאַטור פון מענש און קולטיווירט זי, בין איך אַ סכנה פאַר יעדען רעזשים, אַלט אָדער ניי, וואָס דערשטיקט דעם גייסט. כאָטש איך האָב קיינמאָל ניט געפּרעדיגט קיין מאָראַל ביים ציילטיש, אָדער געטריבען פּאָליטיק, דאָך מיט מיין אונטער־גראָבען העסליכקייט, גראָב איך אונטער האַסליכקייט און ברייננ, אויף מיין שטייגער, אַביסעל גוטסקייט, שלום און ליעבע אויף דער וועלט.

און ווי אַזוי איז דער האַנדעל צוגעגאַנגען?—זעהר זעלטען באַ־ליידיגט אַ שענע זאַך און דערויף אַ פּרייז געשטעלט. זעלטען פאַרשוועכט אַ קונסט-ווערק מיט ווייזען עס אַ גראָבען נפש. מיינע פּרייזען זיינען שטענדיג געווען ניט לויט דעם פּרייז, וואָס איך האָב פאַר דער באַטרעפענדער זאַך באַצאָהלט און ניט צו אַלעמען גלייך. צו רייכע פאַרקויפט מיט גוטען פּראָפיט און צו אָרעמע זעהר אָפּט מיט פאַרלוסט. ווען רייכע זיינען געווען פיין און איידעל, האָב איך זיי מוחל געווען זייער עשירות, און זיי באַהאַנדעלט, ווי

זיי וואָלטען אָרעם געווען. אייביג איז דער פּרייז געווען לויט די קוואַליטעט פון'ם געגענשטאַנד רעלאַטיוו צו דער קוואַליטעט פון'ם קונה.

איינמאָל, אין סוף 1917, פאַר ווייַנאַכטען, שטעה איך און פאַרקויף צו אַ פריילין אַ גרינעם דזשייד מאַנדערין־קייט פון 108 מזל'דיגע קאָרעלען. דאָס פריילין האָט געהאַט העלע ימים־קאָליר אויגען און דאָס שנירעל פון 108 קאָרעלען אַרום איהר האַלז און ברוסטען האָבען פאַרמירט אַ מלכה־גוואַרדיע פון בלויז גרינע אויגען, וואָס רינגעלט זי אַרום און היט זי אָפּ פון אַן עין־הרע! פּלוצלינג קומט אַריין מיין פריינד מר. י. כ., אַ באַוואוסטער אידישער שרייבער, און רופט מיך מיט אַ וואונק אין אַ זייט. וואָס איז? באשר בכן דער האָנאָרייבעל רעגינאַלד טעררעל, מעמבער אָוו פּאַרלאַמענט, וועט דעם טאָג שטעלען דער אינערן־מיניסטער אַ פראַגע אין פּאַרלאַמענט, וואָס איז מיר נוגע, און טאָמער האָב איך אונלעגאַלע דאָקומענטען, זאָל איך וויסען וואָס איך האָב צו טהון. די פראַגע האָט געלויטעט: „צי איז משה עובד דער זעלבער וואָס עדוארד גוד פון קעמיאָ קאָרנער"? צי האָט דער מיניסטער פון אינערען געלייענט זיינע שריפטען? צי רעכנט ער אָנצונעמען שריט? און אויב יאָ—וועלכע?"

איך האָב מיין פריינד גלייך געענטפערט:

—איך האָב ניט קיינע דאָקומענטען צו פאַרניכטען; באַלאַנג ניט צו קיין פּאָליטישער באַוועגונג אָדער פּאַרטיי, און איך ווייס ניט וואָס זיי ווילען פון מיר האָבען. איך בין אַבסאָלוט אונשולדיג.

נאָר אין מיין הארץ האָב איך מיר געטראַכט: „איך בין דאָך אַ סכנה פאַר פינסטערניש מעהר ווי אַן אָפיציעלער רעוואָלוציאָנער איז פאַר ליכט. איך האָב עקספּלאָזיווע ליטעראַטור: אַ קראָם מיט שענע זאַכען און אַ אונפאַרניכטבאַרען אונלעגאַלען דאָקומענט: מיין אונרוהיג אידיש הארץ!

אָבער ווי אַזוי פאַרשטעהט עס דער האָנאָרייבעל רעגינאַלד טעררעל, מעמבער אָוו פּאַרלאַמענט"?

אין'ם זעלבען טאָג האָט דער אינערן־מיניסטער געענטפערט אויף דער אָנפראַגע:

משה עובד און עדוארד גוד זיינען איין מענש. ער האָט געלייענט זיינע שריפטען, נאָר אויטאָריטעטען ראַטהען איהם ניט אָנצונעמען קיינע שריט.

ס׳איז אָבער כדאי קלאָר צו מאַכען, אַז דער מעמבער אָוו פּאַרלאַמענט איז ניט קיין רשע און ניט קיין נאַר. דעמאָלט, פּונקט נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, זיינען אַרומגעגאַנגען קלאַנ־גען, אַז די באָלשעוויקעס האָבען נאַציאָנאַליזירט די פרויען (מן הסתם האָט ערגעץ אַ רוס נאַציאָנאַליזירט אַ אידענע!), און דער מעמבער אָוו פּאַרלאַמענט האָט, קען זיין, געגלויבט אין דעם. ווער קען דען ניט גלויבען אין אַ זאַך, וואָס צייטונגען דרוקען עס מיט גרויסע אותיות שוואַרץ אויף ווייס? און אַזוי ווי איך האָב דעמאָלט גע־שריבען און געהאַלטען עטליכע פּאַרטראַגען אין ענגליש וועגען דער אָנגעוועהטאָנטער געשלעכטס־פראַגע און אָנגעוויזען, אַז דער איינציגער וועג צו פּאַרמענשליכען די פּראָבלעם איז צו גרינדען נאַציאָנאַלע קאָמיטעטען, וואָס קענען געבען מאָראַלישע און וויסענשאַפטליכע עצות, האָט דער מעמבער אָוו פּאַרלאַמענט מיך שלעכט פאַרשטאַנען און מיך אויסגעמישט מיט׳ן באָלשעוויסטישען בלבול.

איך האָב איהם געשריבען אַן אויפקלעהרונגס בריעף. ער האָט מיר אָבער קיינמאָל דאַרויף ניט געענטפערט. נאָר איין זאַך קען איך מיט זיכערהייט דאָ באַהויפּטען, אַז ווען איך פּאַק איהם אַזוי אַריין אין געשעפט און פאַרקויף איהם עפּעס אַ שעהנע זאַך, וואָלט איך איהם דערמיט מעהר איבערצייגט, ווי מיט מיין 14 קאַראַטיגער גאָלדענער פען און וואָלט זיכער מער פּראָפיטירט.

צומאָרגענס בין איך ווייטער געזעסען בנחת אין דער ליכטיגער, גלעזערנער קאַזע פון מיין געשעפט; געזעטיגט די הונגעריגע און דורשטיגע מיט קונסט און פאַרב, און אַזוי ווי איך האָב זיי מפרנס געווען, האָב איך אין זיי געוועקט אַ נשמה־הונגער און אַ האַרץ־דורשט צו בעגרייפען זאַכען וואָס שטעהען העכער פון קונסט און זיינען ליכטיגער פון פאַרב.

מים סטערלינג.

איהר ארומגעשוירענער קאָפּ האָהר, האָט אויסגעזעהען ווי דער שטרויענער דאַך פון אַ דאָרפיש הייזעל, בשעת די זון פאַרגילדעט עס מיט אַ גאַנץ שטראַהלען. ער האָט באַדעקט און באַשירעמט צוויי אָפענע זויגקינדערישע ליפּעלאַך און צוויי ערשטוינטע אויגען.

מיט׳ן גרעסטען רעספּעקט צו אוניווערזיטעטען, מוזעאום׳ס און

אַרכיוועז, איז שווער צו דערגעהן פאַרוואָס מ'האָט זי געפּלאָגט מיט טויטע דאָקומענטען.

טיילמאָל, אין די „ביזי'עסטע" מלחמה טעג, האָט זי געוואַגט צו דעזערטירען דעם בריטישען מוזעאום און זיך באַהאַלטען אין מיינע ד' אמות פון שעהנקייט, אין איהר אייגענעם עלעמענט.

זי איז געשטאַנען מיט'ן העלען קאָפּ אויף דער זייט פון ציילטיש, ווי די געשווירענע, געשינדענע קרבנות שטעהען, מיט „ליטעראַטור" אונטער'ן אָרעם. איך בין געשטאַנען מיט אַ צעשויבערטען, שוואַרץ־האָריגען קאָפּ, ווי דער דאַך פון אַ גהעטאָ חורבה, אויף דער פּראָפּיטי־רענדער זייט פון ציילטיש מיט „זאַק־רויב" אין די קעשענעס, און מיר פלעגען שפּיעלען מיט ערדשטיינדלאַך און ים־מושעלס, אָהן ווערטער קלאַנגען, און אויסלאַכען די טפשות פון דער וועלט און פון זיך אונבאַגרענעצט. נאָר געלאַכט האָבען מיר פאַרשיעדען. איהר געלעכטער האָט געקלונגען ווי דער בת־קול פון ענגליש זילבערנע קלימפּערלאַך—גאַנצע. מיין געלעכטער—האָט געקלונגען פון אידישע גלעקעלאַך, גין גאָלדענע,—אָנגעפּלאַצטע.

אויסערדעם וואָס מיס סטערלינג איז געוועזען אַ פּיאָנערין און „באָבן" די האָהר, איז זי אויך געוועזען אַ קעמיאָ־און־פּאַטשערקעס העלדין.

זי וואָלט זיכער היינט שוין געטראָגען די לענגסטע, פרעהליכסטע אוירינגען מיט'ן גרעסטען, ענגסטען „טשאָקער" (אַ שטיקער—אָן ענג שנירעל אַרום האַלז), נאָר—אַן אומגליק! ווי אַלע מאָדערנע אינטעליגענטקעס איז זי פאַרהייראַטעט לענגאַל, איז אַ גרויסע בעל־הבית'טע און „אַ לאַ מאָד" איבערגעגעבען מיט לייב ונפש צו „יאַקאָביען" מעבעל, צו איהר מאַן—איהר באַרנשטיין „טשאָקער" און צו איהרע צוויי קינדערלאַך—אַ פּאָר געטליכע, גאָלדענע אוירינגלאַך.

נומער 13.

זיבען און צוואַנציג יאָהר האָב איך געלעבט אָהן אַ מזל'דיגען נומער און ס'איז טאַקי געווען צרות „נאַ לאַקטשו". ניט געהאַט קיין געלט, ניט קיין הייזער, ניט קיין רייכען פריינד, אפילו קיין קינדער ניט געהאַט. ערשט ווען מיין בכור יוסף־אשר איז געבוירען געוואָרען, האָט ער מיט זיך מיט געבראַכט דעם מזל'דיגען נומער 13.

זייט דעמאָלט—שוין באַלד אַ געשיכטע פון דרייצעהן יאָהר—איז גאָר אַנ׳אַנדער וועלט. שטענדיג אין אַן עת צרה, קומט 13 צו הילף ניט נאָר אין עניני ממונות אַליין, נאָר אין אַסך וויכטיגערע ענינים קען איך זיך פאַרלאָזען אויף מיין מזל׳דיגען נומער.

און אָט איז די געשיכטע בקיצור:

דעם 13 נאָוועמבער 1912 איז מיין פרוי אַוועק אין שפּיטאָל. דעם 13 יאַנואַר 1913 איז זי צוריקגעקומען אַהיים מיט׳ן ערשטען קינד, יוסף־אשר דער מאהלער! געלעגען איז זי אין נומער 13 בעט. אַ פיינע עפּיזאָד האָט דעמאָלט פּאַסירט, צוליב וועלכען ס׳איז כדאי צו פאַרגעסען אויף אַ רגע די „טעמא" וואָס איך באַהאַנדעל דאָ. דעם טאָג, ווען מיין בחור, דער בכור איז געבוירען געוואָרען, איז ביי מיר אין פענסטער געהאַנגען אַ קוויטעל: „אַ יונגעל פאַרלאַנגט. דרינגענד". געמיינט האָט עס נאַטירליך, אַ יונגעל אין געשעפט. אָבער באמת האָב איך נאָך נויטיגער פאַרלאַנגט אַ יונגעל אין דער־היים, אום צו ווערען אַ טאַטע, ווי אַלע זייגערמאַכערס! פון דעמאָלט אָן, אַז ס׳קומט צו 13 אָדער דעם 13־טער, בין איך אַן אַנדער מענש. 13 שכינה יתירות קריג איך, מאַך די פרעהליכסטע געשעפטען און באַקום ענערגיע צו געבען אַ מאַט, שרייבען אַ לעבעדיג בריוועל און קנאַקען דעם אמת׳ען וויץ פון׳ם פאַרפוילסטען מאַטעריאַל.

איך בין ניט מקנא אַ קונה, וואָס קומט אַריין דעם 13־טען. איך פאַרקויף איהם גענוג יובעלען, צופרידען צו שטעלען זיינע אַלע ווייבלאַך, אויב ער איז אַ פּאָליגאַמיסט.

אַז איך וועל אייך זאָגען, אַז ס׳איז דער איינציגער טאָג אין וועלכען איך פויל זיך ניט אויפצושטעהן אין אַ פראָסט, וועט עס פאַרשפאָרען דעטאַלען און טינט.

נאָר איין וויכטיגע איבערלעבונג מוז דאָ דערצעהלט ווערען. ס׳איז געווען אין 1917, ווען איך האָב געשריבען דאָס צעהנטע קאַפּיטעל פון „ארוים פון כאַאָס". דאָרט פאָרגעשלאָגען קאָמיסיאָנען פון ליעבע. בין איך געזעסען און געקלעהרט ווי פיעל קאָמיסאַרען זאָל אַ קאָמיסיע ענטהאַלטען, געוואָלט אַוועקשטעלען עלף אָדער גאָר פופצעהן, נאָר ווי דורך אינספּיראַציע איז ארוים מספר 13. עטליכע חדשים שפּעטער פאַלט מיר אין האַנד אַריין אַן ענגליש ביכעל, אַ פּאָרטראַג געהאַלטען אין לאָנדאָנער אוניווערזיטעט, דאַכט זיך פון אַ מאַן מיט׳ן נאָמען ד״ר וואַסילעווסקי, איבער חסיד׳יזם, און דאָרט

ווערט צו מיין גרויס ערשטוינונג וויסענשאַפטליך און ערענסט באַ־וויזען, אַז דער נומער 13 האָט געשפּיעלט אַ גוואַלדיגע ראָלע אין קבלה. „אחד“ באַטרעפט 13 און „אהבה“ איז בגימטריה 13. דערפון האָבען די קבלה׳יסטען געדרונגען אַז גאָט און ליעבע איז איינס.

איך בין ווירקליך געווען ענציקט. ס׳האָט מיך געפרעהט, וואָס ניט וויסענדיג, האָב איך ריכטיג מכוון געווען, ווען איך האָב מיינע ליעבע קאָמיסיעס געבאָטען צו גרינדען.

די קאָרניליען מאָדע.

ס׳איז געווען אין אַ פריהלינג טאָג 1918 בין מנחה למעריב. קעמיאָס האָבען אויפגעהערט צו פאַרקויפען זיך און פּאַטשערקעס האָבען זיך נאָך ניט פאַרקויפט. וויינאַכטען שוין לאַנג אַוועק און אַמעריקאַנער קונים זיינען נאָך ניט אָנגעקומען. אין כלי־זיין, ווי אָרעמע זייגערלאַך פאַר סאָלדאַטען און שפּילקעס פאַר דאַמסקי הוט, ניט געקענט האַנדלען און אין גניבות, ווי צום ביישפּיעל שירעמס און שטעקאַלעך אויך ניט, זיינען די הענט געוואָרען ריין, די טאַשען ליידיג, און וועקסלען—זאָגט איהר דאָך—מוז מען צאָהלען, איז טאַקי געוואָרען ניט גוט; אַלץ הייסט ניט גוט!

קומט אריין אַ שעהנע, הויכע דאַמע און אַ קליינער יאַלדישער הערר. ביידע איטאַליענער.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און באַלד איינגעדרימעלט.

זי איז געוואָרען באַדיענט פון מיר.

זי איז מזל׳דיג געווען צו פּאַקען מיך אין אַ געהויבענער, פאַר־קויפערישער שטימונג, וואַכענדיג צו יעדען פאַרלאַנג און געדולדיג צו יעדען קאַפּריז. האָט זיך איהר פאַרגלוסט אַ שנירעל קאָרניליענס (רויטע אַגאַט שטיינער), האָט זי עס טאַקי באותו הרגע געהאַט אויפ׳ן האַלז, דערגרייכענדיג פון׳ם האַלז ביז די שפּיץ בערג! האָט זי געוואָלט פּרובירען אַ לענגערע קייט, האָט זי עס גלייך באַקומען, דערגרייכענדיג ביז׳ן גלעזערנעם ציילטיש.

די דריטע קייט האָט שוין אָבער דערגרייכט ביז צו די קניען, און די פּערטע, וועלכע איך האָב צוזאַמענגעשטעלט בלויז אַלס קוריאָז

פאַר'ן שוי־פענסטער, צו אָנציהען און שאַקירען, און אפילו ניט גע'חלום'ט צו פאַרקויפען—האָט דערגרייכט ביז די סאַמע קנעכלען.

די העלדישע פרוי איז געשטאַנען אין אַלע פיער קייטען און האָט אויסגעזעהן ווי אַן איטאַליענישע מאַדאָנאַ, געמאָלען מיט ציהרונג גע'גנבה'ט פון אַן אידיאַנישער געטין.

פרעגט זי מיך צי איך האָב אוירינגען צוצופאַסען. זאָג איך און מאַך זיי איידער איך זאָג; אַ פאָר לאַנגע אוירינגען. די אונ־טערשטע רויטע קאָרעלען גרויס ווי קאַטשקע־אייער און די אויבערשטע ווי אייערלאַך און אַ זילבערן קייטעל באַהעפטען זיי. אין עטליכע מינוט אַרום האָט זי זיי שוין געטראָגען אין די אויערען און זיך געשפיגעלט אין זייער רויטקייט.

זאָגט זי צו מיר שטילערהייד:

—כ'זעה אַז איהר זענט אַ געבווירענער אַרטיסט—איך אויך. איך בין אַן איטאַליענישע אָפּעראַ זינגערין, אַ פרימאַדאָנאַ אין קאָווענט־גאַרדען אָפּעראַ. שש. דער וואָס שנאַרכעט דאָ איז מיין אַגענט. מיין גורל, מיין קאַריערע, מיין גאַנץ לעבען—אַלץ איז אין זיינע הענט. איהר הערט? זאָגט מיר שטיל, טייערינקער, וויפיעל ווילט איהר פאַר אַלע פיער שנירלאַך מיט די אוירינגען? נאָר שטיל, זיסינקער, ער זאָל זיך ניט אויפכאַפּען. ער טאָר ניט וויסען. שש.

רוים איך איהר איין:

—פופצעהן פונט.

נעמט זי שטילערהייד אַרויס פון די טיעפענישען פון אַ זאָק דריי „פייוועס" (פינף פונטיגע באַנקנאָטען) און באַצאָהלט. זיי זיינען אָבער געווען נייע און געקנאַקט ווי אַ כלה'ס אונטערוועש אין די אַלטע צייטען, האָט דער אַגענט דערהערט אין שלאָף דאָס בטעם'טע שאָרכעריי און קנאַקעריי, האָט עס איהם אויפגעטרייסעלט און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט צו זעהען פון וואַנעט עס קומט.

נאָר איידער ער האָט זיך אויסגעריבען די אויגען, האָב איך שוין געהאַט מיט זיי געצאָהלט אַ חוב!

כאָטש ס'איז שוין געווען טונקעל ווען זיי זיינען אַרויס פון געשעפט, און אין צענטער פון לאָנדאָן איז קינדער מאַטעריאַל אַ זעלטענהייט, דאָך זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען אַ מחנה קונדסים און זיי נאָכגעלאָפען און מיט גרויס באַוואונדערונג באַטראַכט די הויכע,

שטאַרקע, מוטיגע דאַמע געוויקעלט אין רויטע קייטען פון קאָפּ ביז פיס, און דעם קליינעם, פאַרשלאָפענעם אַגענט, אין וועמענס הענטלאַך איהר גורל, קאַריערע און גאַנץ לעבען ליגט.

צומאָרגענס זיינען רויטע, גרויסע קאַרנעליענס געוואָרען די גרעסטע, רויטע מאָדע אין ענגלאַנד. אַזוי האָבען די צייטונגען אַליין געשריבען, און איך האָב פון זיי געהאַט דעם גרעסטען אויסוואַהל אין גאַנץ גרויס בריטאַניע!

דימאַנטענע אוירינגען און דער אַמעריקאַנער.

אָנהויב 1920 האָב איך געקויפט 300 אַלטע געמאָ רינגען; עגיפּטישע, גריכישע, רוימישע, איטראַסקען, רענעסאַנס און אויך פון 18־טען יאָהרהונדערט. אַלע צוזאַמען געקויפט פאַר נאַרישע 600 פונט.

אַסך פון זיי האָבען באַקרוינט די באַוואוסטע, רייכע קאָלעקציע פון סיניאָר מעדינאַ, אַן איטאַליענישער איד, אין 17־טען יאָהר־הונדערט. אַסך האָבען געשטאַמט פון לאָרד עראַנדעל׳ס קאָלעקציע. אַנדערע—פון דער וועלט באַריהמטער קונסט זאַמלונג פון׳ם ערשטען דיוק אָוו מאַלבאָראַה. עטליכע—פון פּוילישען נאַציאָנאַלען העלד פּרינץ פּאָניטאָווסקי, און אַ טייל פון ניט זיכערען היסטאָרישע קוועלען. כמעט יעדע געמאָ רינג—אַ ווערטפולע ירושה פון ווייטען עבר, גראַווירט מיט געבענשטע הענד פון גרויסע גייסטער. זיי האָבען באַשיינט פּאַלאַצען, מוזעאום׳ס, שלעסער, בודואַרען, און די נאָבעלע הענט, ווי אויך ברוטאַלע פינגער און נעגעל, וואָס האָבען איבערגעלאָזט טיעף זייערע צייכענס אויף געוויזענע דורות, און וועלכע קענען זיך נאָך עד היום ניט פאַרהיילען. מעהר ווי איין גזילה, רציחה און פּראָפּיט האָט יעדער רינג בייגעוועהנט. מעהר ווי איין מאָל געוואָרען באַגראָבען און אויסגעגראָבען; דערטרונקען און אַרויסגעוואַשען. מעהר ווי איין קאָלעקטאָר האָט זיי געקושט און געהאַלזט; מעהר ווי איין מיידעל האָט זיך צו זיי פאַרקויפט, און מעהר ווי איין פּלאַגיאַט האָט זיי—די רינגען און די מיידלאַך—קאָפּירט.

אַזוי אַרומוואַלגערענדיג זיך הונדערטער יאָהרען, האָבען זיי אויפגעלעבט קאָלעקטיוו, קומענדיג אין מיינע בגילופין׳ע הענט אַריין.

ס'איז געווען איינער פון יענע טעג אין מיין לעבען, ווען איך ציה אָן מיין פאַנטאַזיע און לאָז זי לויפען, ווי א זייגערל אָהן א שפּינדעל. איך שטעל זיך פאָר, ווי אָט ווארף איך ארויס אַלע ממזר'ישע שמאַטעס פון שוי־פענסטער; שטעל אריין בלויז די כשרע דריי הונדערט רינגען. מיט יעדען רינג איז א צעטעלע אויף פּאַרמעט, דיק ווי טאָוועל, אויפגעשריבען דער היסטאָרישער יחוס־בריעף פון יעדען רינג, ווי אין א מוזעאום להבדיל, מיט א קאַטאַלאָג קאָמפּלעט. איך פאַרקויף זיי איינס נאָך איינס און מאַך דריי הונדערט אָרעמע מענשען גליקליך אויף אייביג און פאַרדין א צוויי־דריי טויזענט פונט. און געב ארויס א זשורנאַל מיוחד במינו. די טייערסטע אמת'ן זיינען דאָרט געדרוקט אויף קונסט פּאַפּיר און פאַרקויפט, א פּענע ־פּאַר א דיקען נומער מיט בילדער און ביילאַגעס און פּאָסט פריי!

ווי איך חלום אזוי, קומט אריין אַן אַמעריקאַנער אין א שמוציגען, פאַרשוואַרצטען שטרויענעם קאַפּעליוש און די איבעריגע מלבושים— אין הארמאָניע. דערזעהט ער די גאַנצע קאָלעקציע און פרעגט זיך דעם פּרייז פון א רינג, וואָס האָט פאַרגעשטעלט א נאַקעטע ווענוס. זאָג איך „צעהן פונט", און טראַכט, אז ער וועט עס ניט קויפען. פרעגט ער:

—וויפיעל ווילט איהר פאַר אַלע צוזאַמען?

זאָג איך מיר אזוי כלאחר יד:

—800 פונט.

—אָלרייט ס'איז מיינס.

—אָלרייט ס'איז דיינס.

און געטראַכט זיך: „ער וועט עס סאַי וסאַי ניט קויפען. ניטאָ וואָס צו שרעקען זיך. און טאָמער יאָ?—מילא איז אויך גוט. א געשווינדער „אַבאָראָט", ס'וועט מיך מאַכען פרייער אין געלט, וועל איך אָפּגעבען די 600 גענומענע פונט, אויף 15% פּראָצענט. ביז איך וועל אויספאַרקויפען לאחדים קען עס געדויערען, ווער ווייסט ווי לאַנג. טאָ זאָל עס זיין מיט מזל און ברכה און א סוף אנ'עק. צום טייוועל און אראָפּ פון מארק".

צומאָרגענס—דער אַמעריקאַנער קומט אריין, קויפט א „ווערדזש־וואוד פלאַטע" פאַר 10 פונט, באַצאָהלט און זאָגט, אז ער האָט ניט מעהר קיין געלט. אזוי זאָגענדיג פאַלט ביי איהם ארויס א טשעק פון דער אָפּענער אויבערראָק קעשענע. איך הויב עס אויף און זעה

אַז ס'איז אַן אָפּענער טשעק אויף 1,800 פונט און געב איהם צוריק זיין אבידה. זאָגט ער: „אָ, דאָס איז פאַר אַן אויטאָמאָביל (שיער ניט אויפגעשריבען—אויטאָביאָגראַפיע), כ'האָב ניט קיין געלד פאַר דער קאָלעקציע". מיין סוחרישער אינסטינקט האָט דערפיהלט, אַז דער מאַן איז עהרליך און, גוט ווי גאָלד. אין דער זעלבער צייט אָבער, אַריינגעהענדיג אין רציחה צוליב'ן פאַרקויפען פאַר שמוציגע 200 פונט פּראָפיט אַזאַ רייכען אוצר מיט דער פרייד, וואָס וואָלט געקענט געבען 300 נפשות, מיט דער גאַנצער פאַנטאַזיע און „הכל בכל", רוף איך זיך אָפּ: „ס'מאַכט ניט אויס, נעמט עס אָהן געלט, נעמט עס, איהר וועט עס מיר אַן'אַנדערש מאָל באַצאָהלען, אַבי נעמט עס שוין מיט זיך". איך פּאַק איין די קאָלעקציע, וואָס איז געלעגען אין'ם אָריגינעלען רויטען, מאַראָקאָ לעדערנעם רינג־שאַכטעל, טאַקי דאָס אָריגינעלע שאַכטעל, וואָס דער גרויסער ענגלישער מאָהלער ריינגאָלדס האָט געמאָהלען אַלס אונטערגרונד פאַר זיין היסטאָרישען פּאָרטרעט פון דיוק אָוו מאַלבאָראָה—פּאַק עס איין, און ער נעמט עס אונטער'ן אָרעם און זאָגט:

—מאָרגען מיטאָג צייט וועל איך זעהען אייך געבען עפּעס געלט.

ער כאַפּט אַ גאַסען־קאַר און ווערט פאַרשוואונדען און פאַרשלונגען אין גאַסען פאַרקעהר, ווי אַ מטבע איז אַשענטשינער יאַריד בלאָטעס.

ניט געוואוסט זיין נאָמען און ניט געהאַט זיין אַדרעס. דאָך האָט מיר ס'האַרץ געזאָגט: „דאָנט וואָרי"—שרעק זיך ניט. ער איז „אָלרייט".

אויפדערנאַכט, קומענדיג אַהיים, האָב איך דערצעהלט מיין ווייב די גאַנצע געשיכטע, נאָר פאַרקלענערט די סומע פון 800 פונט אויף 300 פונט, כדי זי זאָל זיך גרעמען פאַר 500 פונט ווייניגער. אָבער סאַי וסאַי האָט זי זיך שטאַרק געבייזערט אויף מיר, וואָס מיר איז איינגעפאַלען צו טהון אַזאַ משוגעת. „פונקט ווי מיט די דימאַנטענע אוירינגלאַך!—האָט זי גע'טענה'ט—כ'האָב דיר געזאָגט דעמאָלט, אַז דו זאָלסט ניט טרויען און דו האָסט דערביי פאַרלאָרען 200 פונט. אַנדערע האַלטען דינסטען, קויפען הייזער, און איך מוז אַליין פּראַצע־ווען. פאַר יעדען האָסטו און יעדען גיסטו, נאָר פאַר'ן אייגען ווייב און קינדער איז ניטאָ. האָסט קיינמאָל גאָרניט געהאַט און וועסט קיינמאָל ניט האָבען" א.ז.וו., כמנהג הנשים.

זי האָט מיר באמת געעפענט די אויגען אויף מיין נארישער טהאט און די אויגען זיינען געבליבען אָפען א גאנצע נאכט. ניט קיין וואונק אפילו געגעבען; געוואָרפען זיך פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס, אין דער לענג און אין דער ברייט. פאר 800 פונט וואָלט איך דאָך געקענט מיין גאנצע פאמיליע גליק־ליך מאכען! א קליינינקייט 800 פונט! און אזא קאָלעקציע, וואָס מאכט זיך נאָר איין מאָל אין לעבען! צו זיין אזא בטלן און ניט נעמען אפילו דעם נאָמען און אדרעס! ס'איז דאָך ניט געהערט געוואָרען! אזוי טהוט א סוחר? א שרייבער וואָלט דאָך ניט טהון אזא אידיאָטסטוואָ!

איך האָב פיינט צו זיין דראמאטיש און ציהען דעם מארך פון די עצמות פון אונשולדיגע לעזער. אויך פעהלט מיר לשון און טערמינאָלאָגיע איבערצוגעבען מיט קונסט יעדע סיטואציע מיט אלע פרטים און ניואנסען, אזוי אז ס'זאָל ארוים גלאט—כשר'דיג. דעריבער מייד איך אָפט אוים צו וועבען דינע פעדעם אין די וויכ־טיגסטע געשעהענישען, כדי זיי זאָלען זיך ניט פארפּלאָנטערען ווי פסול'ער שעטנז, ווען דער טעפּיך פון מיין לעבען ועט פארטיג זיין. איהר מעגט אָבער זיכער זיין, אז די איבערלעבענישען פון אזעלכע שעהן־יאָהרען פון יענער לאנגער נאכט און פון'ם אויפמאָרגען וואָלטען אָנגעפילט דריי דרוק בויגען און וואָלטען דערלעבט זעקס אויסגאבען, ווען זיי פאלען אריין אין די הענט פון א געניטען שרייבער מיט א רייכען ווארשאַוער ווערטער אוצר. אוי, וואָלט ער דערמיט געגודיעט, אוי, וואָלט ער דערפון געשלאָגען קאפּיטאל! איך אָבער איבערהיפּער און ברייננ דעם אונגעדולדיגען לעזער גלייך צו דעם פרעהליכען, שפּיציגען מאָמענט פון דער געשיכטע מיט איין ריזען־שפּרונג.

אויף מאָרגען אזייגער פינף, קומט ענדליך דער אמעריקאנער אריין אויסגעפּוצט ווי א מאה לאָרדען, באצאָהלט מיר און קויפט נאָך און נאָך, גיט מיר א גוטע מעדיצין פאר מיין שלעכטער בלוט צירקולאציע, רעקאָמענדירט מיר צו עסען יעדע נאכט פּאָמע־ראנצען, גיט מיר זיין גוטען נאָמען און רייכע אדרעס, און קויפט נאָך און נאָך, און שטעלט מיך אוועק אויף די פיס, אויף די גאָלדענע פיס.

נעכט דערנאָך ניט געקענט שלאָפען, ווייל ס'איז מיר אזוי צו גוט געווען.

פיער יאָהר שפּעטער קומט אַריין דער זעלבער אַמעריקאַנער און זאָגט צו מיר:

—איהר ווייסט, מיסטער גוד? אַלץ וואָס איך האָב פון אייך געקויפט ליגט נאָך אין אַ קעלער פאַרפּאַקט אין די קאַסטענס, ווי איהר האָט מיר געשיקט. ניט איך האָב עס גענדאַרפט, ניט איך האָב צייט צו קוקען דערויף. נאָר אַז איהר האָט געקענט זיין אַזוי בּראַוו און ריזיקאַליש צו טרויען מיר אַזוי פיעל, ניט וויסענדיג ווער און וואָס איך בּין, זענט איהר עס ווערט געווען. עסטו נאָך פּאָמעראַנצען יעדע נאַכט?

איהם מבטיח געווען.

נאָר דער אמת איז, אַז באַלד ווי ס'געלט איז מיר אויסגעגאַנגען, האָב איך אויפגעהערט צו עסען פּאָמעראַנצען.

איז, אַז מיין ווייב זאָגט: „דימאַנטענע אוירינגלאַך", זאָג איך: „דער אַמעריקאַנער!"

חלומות.

יעדער מאָמענט פון טאָג-לעבען, קלאַפּט אוים די ביינער, קושט אוים די גליעדער און צעשמייסט די נשמה פון יעדען מענשען אונ־ציילבּאַרע מאָל, ביז דער מענש ווערט מיעד און פאַלט אַוועק. קומט צו איהם דער טאָג אויך אַ מיעדער צו גאַסט ביינאַכט, אָדער ווי מ'רופט עס—צו חלום. און זיי פּלאַפּלען ניט פאַרשטענדליכע זאַכען, סוד'ען זיך איין משוגעת'ן: הוידעם-בּוידעם, געווען-זיין, דאָרט-דאָ, העט־ווייט!

אָפט אָבער צערעדען זיי זיך מיט די קלאָהרסטע דבורים. דער־מאָנען זיך דאָס לאַנג פאַרגעסענע און זאָגען פאָראויס דאָס וויים קומענדע אין ווערטער, וואָס וואָכענדיגערהייד וואָלטען זיי ניט געהאַט קיין דרייסטקייט צו רעדען, הערען אָדער פאַרשטעהן.

ניט אַלע דרוק מאַשינען אין פּליט סטריט קענען אָפּדרוקען איין מענשענס חלומות. איך וויל בּלויז איבּערגעבען איין פראַגמענט פון אַ לאַנגער סעריע.

אין מיט-זומער 1923 חלומ'ט זיך מיר, ווי „בן אורי" פאַראיין האָט פאַראַנשטאַלטעט אַ באַזאַר און איך פּרעזענטיר פאַר'ן באַזאַר

אַ מעש־עמאַלירטען אָרנאַמענט פון קליינגעלד ווערט. פאַהרענדיג צוריק פונ׳ם באַזאַר אויף אַן אָמניבוס, זיצט אַ יונג, שיכור ווי לוט, מיט׳ן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף זיין מוטערס אַקסעל און טראָגט מיין אָרנאַמענט. דער אָרנאַמענט האָט אָבער געקריגען אַן׳אַנדער צורה אין מיינע אויגען. איך זעה ער איז פון ריין גאָלד, באַמאָהלט מיט רייכפאַרביגע, וואונדערבאַרע עמאַליא, באַהאַנגען מיט שעהנע פּערעלאַך. און איך האָב מיר געטראַכט: „איך וואָלט דאָך געקענט מאַכען פון איהם צעהן פאַר אוירינגען, גוט פאַרדינען און געבען חדוה צו צוואַנציג אויערען, געה איך, נאַר, און געב עס אַוועק, אַז אַזאַ שיכור זאָל עס טראָגען!“

די חרטה האָט מיך אויפגעוועקט און שעהן בין איך געלעגען און געטראַכט דעריבער.

צומאָרגענס אין דערפריה קומט מיין ברודער לעאָן אין געשעפט (ער קויפט פאַר מיר אויף לעסיטאַציעס), פרעג איך איהם:

—עפּעס פאַראַן היינט?

—ניין,—ענטפערט ער—אויסער ביי סאָטהביי, אָבער לויטען קאַטאַלאָג איז דאָרט גאָר ניטאָ קיין פּאַסענדעס פאַר אונז.

—געה, געב אַ קוק, וואָס אהרט דיך? אפשר יאָ.

געהט ער און קומט צוריק אין אַ שעה און זאָגט אויפגערעגט:

—ביי סאָטהביי׳ס זיינען דאָ אַ צעהן פּאָר זעלטענע אוירינגלאַך.

נעם איך אַרויס אַ בליישטיפט און צייכענדיג, זאָג איך צו איהם:

—אַזוי זעהען זיי אויס: עמאַלירטע פּערסיאַנער אין פאָרמאַט פון גלאָקען מיט פּערעלאַך באַהאַנגען.

—פון וואַנעט ווייסטו?

—איך ווייס.

—ווי אַזוי?

—ס׳האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט.

קוקט ער מיך אָן: „יאָ ס׳האָט זיך דיר גע׳חלום׳ט“

מיר געהען אהין און זיי זיינען ממש ווי אין חלום.

איך האָב זיי אַלע געקויפט, וואָכענדיג, עפּעס פאַר אַ 50 פונט.

ווען אַ קונה׳טע געפעהלט מיר, פאַרקויף איך איהר אַ פּאָר פון די אוירינגלאַך און זאָג איהר אַז דאָס זיינען ניט סתם אוירינגלאַך,

נאַר „חלומות“. חלומות גין־גאָלדענע, חלומות עמאַלירטע, באַשאָטען מיט שפּראָצענדע מאָהן פּערעלאַך.

ס'איז איבעריג צוצוגעבען, אַז דער דאָזיגער חלום איז פאַר מיר געווען, פאַר אַ „טשענזש“, אַ פּראָפיטירענדער חלום.

איך הער אַ קול אין מיר שרייען: „אויב ס'איז איבעריג צוצוגעבען, פאַר וואָס זשע גיסטו עס צו? אַזוי זיינען זיך דאָך נוהג שרייבער.“ נו, געה טענה מיט'ן קול פון געוויסען, ווען איך בין אַליין אַ שטיק זינדיגער ליטעראַט. איך הרג'ע זיך אַוועק מיט דער אויטאָביאָגראַפיע און קען זיך נעבאך ניט העלפען. אומגליקליכער מענש!

מיין מחנה פריינד.

איך האָב אַ רייכע קאָלעקציע פון קאָלעקטאָרס, אָבער מיין פרעהליכע אַרמייי פריינד שטייגט איבער אַלע, באַזיגט אַלע וועלטען, מיך און זיך.

פון יעדען קלאַס, אמונה, אידעאַל און תקופה, פאַרמאָג איך אַ פריינד, וועלכער זיצט אין אַ וואַרעם ווינקעל פון מיין האַרץ— מיין האַרץ פון צעהן טויזענט וואַרעמע ווינקלאַך.

ווען „ביבען“ פּראַהלט אויף מיין טיר, ברייננגט זי מיט זיך דעם אַלטערטום פון פאַר קריסטוסן. איהרע אויגען וואַרפען זיך אויף מיינע געקעסטעלטע ווענט און צייכענען אוים אַ פרעסקאָ, איבערפּלייצט מיט רעליגיעזער תמימות. די דראַטענגעפּלאָכטענע צעהאַקטע קייט פון מיין אידיש, סוחריש, פּיליגריש לעבען, גיסט זיך צוזאַמען אין אַ ממשות'דיגער, אויסגעהאַמערטער כלי.

מיינע שמייכלענדע מלאכים'לאַך און כרובים'לאַך מיט די באַ'חן'ט אויסגעשליפענע, פאָזירענדע געשטאַלטען, קריגען נייע צורות פון אייביגער רוהיגקייט. פאַרלייג איך הענט און פּיס ווי בודא און רעד רייד ווי משה עובד.

אין מיט'ן רעדען קנאַקט אַריין לואים גאָלדינג, צינדט ער תיכף אָן מיין האַרץ־אויווען. אויב ס'פייער איז פונקט ניט געלייגט, ברענט דערוויילע דער אויווען, דער שפּאָדעל, די צוואַנגען און די כלי משחיתים פון נעכטיגען אַש. גאָלדינג? גאָלדינג מאַכט דאָס פייער פון זיך אַליין ברענען!

אַזוי ווער איך באַהערשט און באַאיינפלוסט פון יעדען איינעם פון מיין זיגענדער אַרמיי פריינד, צו דיענען זיי מיט שמחה און מיט עצבות, צווישען די זעלטענע רגע'ס פון פאַרניכטען און בויען עדי עד.

דער דעמבענער שופלאָד.

מיין חשוב'סטער אוצר—עס וועט אייך אפשר שאָקירען, מיין ראַפינירטער לעזער,—איז ניט די אַלטע געאָרג-זילבער גאַרניטורען, די קעמיאָס אָדער די פּאַטשערקעס און אויך ניט די „עמפּייר" ציהרונג און ניט אפילו די מייסטערשטיק פון רענעסאַנס, נאָר דער דעמבענער שופלאָד, געפּאַקט ביז איבער די אויערען, מיט שטיקלאַך מעשענע, קופּערנע און זילבערנע גע'ממית'טע חפצים. דאָס איז דער „טוטענק־אַמען" קבר פון „קעמיאָ קאָרנער".

איהר געפינט דאָרט אַ ציגיינער רינג, אַ ביזאַנטין אוירינג, אַ טיבעטען נאָזרינג, אַ בראָכשטיק פון אַ סקאַנדינאַווישער ברוסט־פּלאַטע, פון אַ מורישען האַלזבאַנד, אַ אינדישען בראָנזלעט, אַ פּאַרהיסטאָרישע פּאַטשערקע, אַ רעקאָקאָ אָרנאַמענט, שטיקלאַך און ברעקלאַך פון פאַרלאָרענע שבטים און פאַרגעסענע תקופות—אַלץ געפינט איהר דאָרט, אויב איהר זענט נאָר אַנ'עקספּלאָרער מיט געדולד און מיט חשק. דער אויסגעמישטער, פאַרפּלאָנטעטער באַרג איז רעזערווירט פאַר מבינים, וואָס אַלטע, הייליגע שמות זיינען ביי זיי טייערער פון מאָדערנער פּאָעזיע.

ווען ס'קומט אריין אַנ'איידעלע, פוטוריסטישע אַלטע נשמה עפענט זיך פאַר איהר ניט די פינף ליטעראַרישע שויפענסטער, נאָר דער דעמבענער שופלאָד, און מיר זיינען מצרף די שטיקלאַך שמות. און שנעלער ווי די צייט פליהט, שטעלען מיר צוזאַמען די אַלטע שטיקלאַך און זיינען מחיה־מתים אַנ'אָרנאַמענט פול מיט לעבען, באַראַקטער און פרימיטיווע קוביסטישע קראַפט.

ווען די אַלטע, גוטע נשמה געהט אַוועק פרעהט זיך די ערד מיט איהרע טריט. זי דערמאָנט זיך, אַז אַמאָל שוין, מיט הונדערטער, טויזענטער יאָהרען צוריק, האָבען קאַלטע מערב־מענשען מיט אַזאַ היים־קאָכעדיג ציהרונג אויף איהר געטראָטען. און די ערד, וואָס קען נאָך אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט מאָהלען אַזעלכע לאַנד־שאַפטען, איז זיכער אַ שטיקעל מבין אויף קונסט!

* * *

מאַכט זיך איינמאָל, אַז ס'קומט אַ נייער ניו־יאָרקער קיין אַלט לאָנדאָן צעפּאָהרען. אַ דריי־טויזענט־פונטיגער אויטאָמאָביל שפּייט איהם אויס ווי יונה'ן דער פיש און ער פאַלט אַריין צופעליג אין „קעמיאָ קאָרנער". איהם האָט שטאַרק אינטריגירט ניט דער אַלטער ווייַן פון אַנטיקען, נאָר די גנבה'שע געשיכטע, געדרוקט שוואַרץ אויף געל אויפ'ן קוויטעל פון דער פאַרשימעלטער פלאַש, אָדער ווי די אמת'ע קעז־זוללים, וואָס ווילען זיך ניט צוריהרען צום שמאַנטיגסטען קעז, אויב זיי זעהען ניט די קעז־מילבען.

פרעגט ער מיך:

—הערט נאָר, מיסטער, פון וואַנעט קומט אַהער די אַלטע שטוהל?

—איך ווייס ניט.

—צו וועלכען בישאָף אָדער לאָרד האָט דער מנורה־שפּיגעל באַלאַנגט?

—איך ווייס ניט.

דערזעהט ער דעם אויבערשטען דעמבענעם שופלאַד, שלעפּט ער אַרויס אַ פראַגמענט, לאַכט עס אויס און פרעגט:

—קענט איהר מיר זאָגען די געשיכטע פון דער שמאַטע און וואָס פאַר אַ קאַראַט זילבער עס איז?

דאָ האָט געפּלאַצט דער לעצטער בלאַז פון מיין געדולד, און איך זאָג צו איהם בזה' הלשון:

—איך בין אַ געוויינליכער יובעליר. איך קען ניט קיין מעטאַ־לאָגיע, קיין היסטאָריע און קיין אַלכעמיע.

—טאָ וואָס קענט איהר?—פרעגט ער בייזלאַך.

האָב איך איהם מיט אַ סוחרישען וואונק מיט'ן לינקען אויג געענטפערט:

—איך קען מיינע קונים!

* * *

ווען דער ניויאָרקער איז אַוועק, האָט מיך מיין געוויסען אַוועק־געלייגט אויף גאַטס פּיסביינקעל און אַריינגעצעהלט גאַנצע ל"ט מלקות, טענה'נדיג דערביי:

—פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָרען געדולד מיט'ן רייכען קונה? מיט וואָס האָט ער זיך מעהר פאַרזינדיגט ווי אַנדערע און ווי דו? פאַר־

קויפסטו דען ניט דיינע יאָהרען, לעבען און מיך דיין געוויסען—צו רייכע פאַר גרויס געלט און צו אָרעמע פאַר קליין געלט? וואָס טויג דיר זיך צו הוידען אויפ'ן קודש־וחול סלופּ אַרויף און אַראָפּ? אויב דו דיענסט דעם „ממון" אָפּגאָט, טאָ דיען איהם טריי בכל לבבך ובכל נפשך!

ס'האָט וועה געטהון יעדער שמיץ, און דאָס „אוי וועה!" שרייען האָט ניט געלינדערט, ווייל יעדער ריט איז געפאַלען אויף אַן־אָפּענער וואונד, וואָס בעט זיך אָהן אויפהער: „הייל מיך, הייל מיך!"

דער גרעסטער איידעלשטיין.

די לעציטאציע־פירמע „קריסטי" איז, אָהן שאָטען פון צווייפעל, די ערשטע אין דער וועלט פאַר די טייערסטע איידעלשטיינער און זעלטענע קלאַסישע קונסטווערק. שוין הונדערט און פופציג יאָהר זייט די פירמע פאַרקויפט אויס קונסטווערק און געזאַמעלטע אוצרות פון פאַרשטאָרבענע אָדער באַנקראָטירטע לאָרדען און סתם מיליאָנערען, און פאַרקויפט זיי צו ניי־געבוירענע לאָרדען און ניי אויפגעקומענע מיליאָנערען והים איננו מלא. דער ים אַזוי ווי ער לויפט ניט איבער, אַזוי שעפּט ער זיך ניט אויס.

דאָרט אונטער'ן האַמער ווערען צעשמעטערט אַלטע קרוינען אויף ברוך, און פון אַלטען ברוך ווערען דאָרט אויסגעהאַמערט נייע קרוינען. וועלט באַריהמטע קאָלעקציעס ווערען דאָרט צעבראָכען און צעקרישעלט און צעוואָרפען איבער אַלע ימים און יבשות, און מוזעאומס און גאַלעריען ווערען דאָרט צוזאַמענגעקליבען און צוזאַמענגעשטעלט.

דעם 21־טען יאַנואר, 1925, איז געלעגען ביי קריסטי אונטער'ן האַמער דער יובעל איבער אַלע יובעלען. אויסערליך איז ער מיאוס ווי אַ שוואַרצער אָנעקס־שטיין אויף אַ געלבליכער סטראַטע, ווי אויגען וואָס קוקען אַרויס פון אַ געלזיכטיגען פנים. אינערליך איז ער אָבער שטראַהלענדער פון אַ דימאַנט, בלוטיגער פון אַ רובין און פרישער פונ'ם גרינסטען שמאַראָג.

כ'האָב געקויפט דעם דאָזיגען איידעלשטיין איבער אַלע איידעל־שטיינער—אַ גרויסען, אַלטען ספר תורה פאַר איין און צוואַנציג פונט.

אָבער מיין געשעפט און מיין דירה זיינען איבערפולט מיט לייכטזיניגע צאַצקעס און טויטע שמאַטעס און איך האָב קיין אָרט ניט געהאַט פאַר אַזאַ מורא׳דיג הייליגען אבן טוב, און האָב איהם פאַרקויפט פאַר צוואַנציג פונט צו מיין פריינד קאָנסילאָר ארטור האַעט, דער מעיאָר פון ריטשמאָנד. הייליג פאַרלאָרען צוואַנציג שילינג אין דער פאַטעטישער טראַנסאַקציע און נאָך דאַנקבאַר געווען.

ניין, תורה איז ניט די בעסטע סחורה!

כתובות—זעהט איהר—איז שוין גאָר אַנ׳אַנדער עסק. נאָר דאָס איז אַ געשיכטע פאַר זיך, וואָס פאַרדיענט אייגענטליך אַ קאַפּיטעל מיט אַ באַזונדער קעפּעל, נאָר אַז שוין דערמאָנט, וועל איך זי שוין דאָ אריינשמוגלען און עס מאַכען בקיצור.

ניט לאַנג צוריק האָב איך געקויפט פון אַ גוטען ציוניסט אַנ׳ערך פון 200 רוסישע איקאָנעס. אַ לאַנגע צייט ניט געקענט מושווה ווערען מיט׳ן פּרייז. איך שלאָג איהם פאַר 50 פונט און ער, וויל דוקא מיט אַ „פּייווער“ מעהר. אַ פאַר׳עקשן׳טער ציוניסט!

ענדליך האָט ער אָלס פשרה צוגעוואָרפען צוויי פּראַכטפולע, אילוסטרירטע ווענעציאַנער כתובות אויף פּאַרמעט פון 17־טען יאָהר־הונדערט. און זאָגט: „55 פונט. צוזאַמען, גוט?“ אייגענטליך דאַרף איך ניט אויסזאָגען, אַז די כתובות אַליין זיינען ווערט די קעניגליכע מינטע. ס׳איז געווען אַזאַ מציאה, אַז איך שעם זיך אפילו עס דערצעהלען. גניבות קאָסטען טייערער—דעם ריכטיגען אייגענטימער!

די אונטערשטע שורה איז, אַז די איקאָנעס קען איך ניט פאַרקויפען און די כתובות וועל איך ניט פאַרקויפען!

די גאָלדענע קייט.

אין פענסטער איז לאַנג געהאַנגען אַן אור־אַלטע געל־גאָלדענע קייט פון 75 קאַרעלען. יעדע קאַרעל אַ געבעט אויסגעשמידט פון ריין גאָלד. דינע דראַטען, ווייכע גינגאָלדענע, ווי לעבעדיגע אָדערען, האָבען תפילה צו תפילה באַהעפט.

אַלע סעזאָנען איז זי דאָרט געהאַנגען אין פענסטער. אין געלען הערבסט און ווייסען ווינטער, אין גרינעם פריהלינג און זילבערנעם זומער.

טויזענטער זיינען יעדען טאָג פאַרביי געגאַנגען פאַר'ן פענסטער, אָבער קיינער האָט ניט געזעהן איהר שעהנקייט, קיינער האָט זיך אויף איהר ניט נאָכגעפרעגט, קיינעם איז ניט אָנגעגאַנגען פון וואַנעט איהר בליהענדע שעהנקייט שטאַמט.

און ס'האָט וועה געטהון פרעגענדיג זיך:

„וואו זיינען מיינע אַפּאָסטאָלען? וואו זיינען מיינע חסידים? וואו זיינען מיינע רביים? דורות לאַנג האָט מען זיך דאָך איינער דעם צווייטען דאָס הארץ געגעבען. וואו זיינען זיי די מזלזלים? וואו זיינען בלינדע באַליידיגער פון דער גאָלדענער קייט פון אַלטערטום?

אין אַ צייט אַרום איז אָנגעהאַנגען געוואָרען אויף דער גאָלדענער קייט אַ ברילּיאַנט, גרויס ווי אַ דערוואַקסענע קאַשטאַן־נוס און פלאַקערענדיג ווי דאָס לעצטע שטיק זון, וועלכע די נאַכט חלש'ט איינצושלינגען. דעמאָלט האָבען זיי דערזעהן די גלאַררייכע קייט, אָבער ס'האָט זיך זיי געגלוסט אָפּצורייסען דעם ברילּיאַנט פון איהר.

האָב איך צו זיי געזאָגט:

„ניין, מיינע רביים און חסידים! איצט איז שוין צו שפּעט. די קייט איז געשמיעדט געוואָרען מיט'ן הארצקלאַפּ פון אַ געטליכען גאָלד־שמיעד פון קדמונים, און איהר האָט עס ניט געהערט און איהר האָט עס ניט געזעהן.

„תפילה מיט תפילה האָבען געשלאָסען אַ ברית עולם צוזאַמען, זיך תקיעת־כף געגעבען ניט צו שיידען זיך מיט'ן ברילּיאַנט".

איצט שיינט דער ברילּיאַנט ווי אַ קרוין אין אַ לאָיאַל הארץ, אַרומגערינגעלט מיט דער גאָלדענער קייט, אַרומגערינגעלט מיט פינף און זיבעציג קאַרעלען, וועלכע זעהען אויס ווי פאַרוואָגעלטע זקנים־חכמים אין גלות; זיצען אַרום איינגעבויגען און צוגעבויגען און פאַרנעמען די פייערדיגע רייד פון זייער יונגען נביא.

עפּילאָג.

אַזוי שוועבען אוועק די טעג פון מיינע יאָהרען; טייל קריכען פאַרביי ווי אַ לוויה פון שוואַרצע אָקסען.

מאַנכע פליהען דורך ווי אַ חתונה פון ווייסע טויבען.

מיט זייער שמחה און צער בלייבען אנדערע אייביג שטעהן פאר די אויגען.

יעדער טאג שטעלט צו נייע פארפלאנצטע, פריש־אויסגעוואק־סענע און אויסגעריסענע איינדריקען.

איבערגעבען מיט דער פעדער אדער מיט'ן מויל קען מען נאר די אפגעשיילטע שאלאכץ פון לעבען.

דאס אינערליכע קערענדעל אבער, וואס שטיקט זיך מיט גוטע בשורות פון האפנונג קען מען ניט אנטפלעקען.

די אינערליכע פרייד, וואס גליטשט זיך און טאנצט ארום אין הארצען, ווערט קיינמאל ניט שטיל, ווערט קיינמאל ניט ניכטער.

די בריהענדע, גליהענדע טרעהר—די טרייבקראפט פון יעדער יצירה ווערט קיינמאל, קיינמאל ניט אפגעקיהלט.

דער יחום בריעף.

אנפאנג יאנואר, דאס יאהר, האב איך געשריבען צו מיין פאטער ער זאל מיר אביסעל באשרייבען מיין אבשטאם, האט ער מיר גלייך געענטפערט מיט פאלגענדען שימערירענדען יחום בריעף. איך געב איהם איבער ווארט ביי ווארט מיט זיין ארטאגראפיע.

„בעזהי"ש מוצש"ק שמרת 10/1 1925 אלעקסאנדראוו.

מיין ליעבער זוהן משה עובד נ"י.

איך דענק אז איך האבע דיר שאהן אמוהל געשריבען, נאר אזא ווי דיא פירלאנגסט איך זאל דיר שרייבען און איבערהויבט דיא שרייבסט אז דיא ווירסט מיר זיין דאנקבאהר זעהסט דיא ליע־בער זוהן דאס האט שאהן מיך געמאכט לאכען, עס איז דען פירהאנען אזאך וועלכער דיר צוליעב צי טהון זאל מיר זיין חלילה צי שוועהר לא בשמים היא ולא מעבר לים היא, ווען אפילו פין הימעל ארובנעמען דארפעמן דאך אויך צי טהין פיר דיר טייהרער זאהן. אלזא וועל איך אנפאנגען.

ראשית) אבי עה"ש איז געוועהן א בעל בתישער יוד א בעל מדרש געבוירען אין נאשעלסק לאמזער גובערניע. דער פאטער זיינער דאס הייסט אדוני זקני האט געהייסען יהודא ז"ל אויך

דאָסזעלבע נור דעם ר׳ יהודא׳ס פאָטער איז געוועהן אַ גרויסער תלמיד חכם און אויף דער עלטער איז ער אוועק נאָך ארץ ישראל און דאָרטען איז ער געשטאָרבען.

פין די באָבע, דאָס הייסט פין מיין טאַטעס מאַמע ווייס איך ניכט מעהר נור וויא זיא איז געוועהן אַ אשה חשובה וצנועה איהר שטאַם ווייס איך ניכט דען דער טאַטע מיינער איז געוועהן אַ בן יחיד בלי אחות ובלי אחים.

שנית) אמי היקרה עה״ש האָט געהייסען פעריל בת ר׳ משה ז״ל זיא איז געוועהן אַ אשה צדקית וצנועה, איהר פאָטער ר׳ משה ז״ל געוועהן שוחט, זיי זיינען געוועהן 6 ברודער שוהטים מופלגים בתורה. מיין מאַמע האָבע ניכט קיין ידיעה נאָר בלויס דאָס ווייס איך אז פין מיין מוטערס מוטער איז געוועהן אין נאַשעלסק בלויס סוחרים זאַגאַר נגדים גברים.

שלישית) ביז 10 יאָהר גילערינד ביי הרב הגדול ר׳ בעריש גראָהבאָרד מבענדין. אז איך בין אַלט גוואָרען 11 יאָהר האָט מיך מיין מוטער עה״ש גיפיהרט לערעננען נאָך שעפּס בייא הרב הגאון ר׳ מיכל גאָלדשלאַק, האָבע געלערענט ביז 13 יאָהר. דערנאָך האָב איך געלערענד אין נאַשעלסק בייא הרב הגאון הגדול מהור״ר אברהם בארנשטיין און צו 17 יאָהר האָבע חתונה גהאַט פון סקאַמפּע מיט די ליעבע מוטער זאָל לעבען, האָבע געזאָלט עססען עולמית קעסט האָט זיך געטראָפען אַ אומגליק מיר זיינען אומגליקליך געוואָרען דורך אַ שריפה, דענוך איז מיין שוועהר געשטאָרבען און איך האָבע געמוסט וועהרען שוחט וש״ץ, אזאַ בין איך געוועהן אין אָשענטשין 3 יאָהר און 30 יאָהר אין אַלעקסאַנדראָוו.

די ליעבע מוטער איז אַ טאָכטער פון הגביר ר׳ חיים יעקב בורשטין אַ בעל בתישער יוד אַ בעל מדרש דיא מאַמעס מאַמע שרה רבקה בת ר׳ יעקב בעלט, מען האָט איהם גערופען ר׳ יעקב קעמפּנער פירצייטענס, געווים וויל ער האָט געשטאַמט פין קעמפּנע דייטשלאַנד ניכט וויט פון פּאָזנע. ער איז געוועהן אַ גבילדעטער פּערצייטישער יוד גהאַט 5 טעכטער אַללע יפת תואר׳ס, זעלטענע שענהייט און גרויסע צניעות. אַלע פירצייי־טישע גדולי ישראל זעננען בייא עהם גוועזין, עס איז בייא זייא

גוועהן אַ בית ועד לחכמים, איין זוהן און ניכט מעהר איז ער געוועהן שטוהט לערער.

די מאַמע פון די באָבע שרה רבקה עה"ש איז געוועהן אַ מיוחסת אַ טאָכטער פון ר' יוסף מגיד ז"ל, אַ בעל מקובל, דאָס איז אַללעס וואָס איך קאָן דיר שרייבען מעהר ווייס איך ניכט.

ניכט אַללע האָבען הצלחה וויא ר' א'. עה"ש, ער פלעגט מיר זאָגען אז ער האָט ליגען אַ יחוס בריף אַזש ביז עלי הכהן, מיט גאָלדענע אותיות. געוויזען האָט ער מיר דאָס קיין מוהל ניכט דען ער אַליינד האָט אויך דאָס קיין מוהל ניכט גזעהן, בלויס אַ שעהנע פאַנטאַזיע אַזייא האָט ער אָב פאַנטאַזירט זיין גאַנץ לעבען, אָבער איך האָבע ניכט אַזעלכע פאַנטאַזיעס בלויס דאָס וואָס איך שרייבע דיר דאָס איז דער אמת בלא שרק ופרכס דאָס הייסט אָהנע פאַרבען.

ווייטער בלייבע מיר געזינד און גליקליך זאָל דיר גאָט געבען כל משאלות לבך לטובה, עס זאָל ביי דיר מקוים ווערען תורה וגדולה וחכמה במקום אחד.

אביכם אוהבכם ונושק אתכם יחיאל".

צווייטער בוך

האנדעל און לעבען

געשריבען אין 1927

דער אידישער שוסטער.

איינמאל, אין אַ „ביזי“ טאָג, ווען איך בין געווען פאַרנומען מיט עטליכע זעהר רייזבע קונים—איינער רייכער פונ'ם צווייטען,— עפענט זיך די טיר און אין געשעפט קומט אַריין אַ אידישער שוסטער, מיינער אַ שכן. באַמערקענדיג איהם אין זיין שערץ ביי דער טיר, מיט מיין ענגליש בוך "Visions and Jewels" אין האַנד, געה איך צו צו איהם און פרעג איהם אַביסעל פאַרשעהמט וואָס ער וויל.

זאָגט ער: „קימערט אייך ניט וועגען מיר. איהר האָט גוטע קונים, גוטער ברודער, מאַכט די ביזנעס“.

געה איך צוריק צו די קונים און דאָס הארץ ציהט מיך ווייטער צו איהם און ער יאָגט מיך ווייטער אַוועק.

זאָג איך צו איהם:

—וואָס ווילט איהר מיר דען זאָגען?

—כ'האָב געלייענט אייער ענגלישען בוך—ענטפערט ער—און ס'געפעהלט מיר. נאָר צוויי זאכען טויגען ניט. איך וועל אַריינקומען אַ צווייטען מאָל.

—ניין, כ'וועל צו אייך בעסער קומען—האָב איך זיך אָנגע־רופען—און איהר מוזט מיר זאָגען אייער קריטיק.

און דער שוסטער איז מיר אַרוים פון זינען.

ווען דער ליטעראַטור־פאָרשער, מיין פריינד מאַקס עריק, האָט צו מיר דערנאָך געזאָגט: „אייער אידישע לאָנדאָן איז אַ בית־הקברות“, איז מיר גלייך אַרויפגעשוואומען אויפ'ן זכרון דער שוסטער און איך האָב איהם געענטפערט: „פריינד, איהר מאַכט אַ שטיקעל טעות. מיר האָבען דאָ אין לאָנדאָן אַ שוסטער, אַ טיפּ וואָס וואָלט בעשיינט ווילנא. ס'פעהלט אונז בלויז דער באַשרייבער, וואָס זאָל באַשרייבען, דעם שרייבער וואָס מיר האָבען יאָ, איז אַ יובעליר און קען נעבאַך ניט. איהר וואַרט, איך וועל אייך נעהמען צו איהם, און

אויב איהר וועט ניט אוועק'חלש'ן אויפ'ן אָרט, האָט איהר אַ האַרץ פון אַ ציטרין".

אויף מאָרגען האָב איך אונזער ליטעראַטור־פאָרשער אוועק־געריסען מיט שוועריגקייטען פון די אַלטע ביכער, אין וועלכע ער האָט זיך געגריבעלט און מיט איהם אַריינגעגאַנגען צום לעבעדיגען, זאַפטיגען שוסטער.

מיר האָבען איהם געטראָפען מיט אַ געלעכערטער זויל אין האַנט, און גערעדט אין אַ געלאַטעטען ענגליש־אידישען דיאַלעקט. אוי, האָט ער גערעדט! ס'וואָלט ווערט געווען אוועקצואווארפען מיין דעליטאַנטישען אונאַנגענעמען „איך", און איהם שילדערען, ווי אַנ'עכטער, פּראָפעסיאָנעלער קינסטלער, און זיך אויסדריקען „דער מחבר פון דער ערצעהלונג" אָדער נאָך מעהר ענו'דיג און קינסט־לעריש—„דער שרייבער פון די צייל‍ען"—בלויז צוליעב איהם. אָבער זיך אויסדריקען אין אַזאַ ערהאַבענעם סטיל קען מען ניט מיט'ן אייגענעם ווילען. צו דעם מוז מען, ניט פאַר מיר גערעדט, געבוירען ווערען.

—ערשטענס—זאָגט ער צו מיר—האָסטו ניט געדאַרפט באַ־שרייבען אַז אַ ראַבביי האָט דיך געבענשט, ווען דו ביזט אַנטלאָפען פון מיליטער. יו נאָו, די גוים, דעט'ס אַל דהעי וואָנט (דאָס איז אַלץ וואָס זיי דאַרפען). איך געה אָן, מיינדיו, מיט גוים, בעסער ווי מיט אידען. נאָר דאָס בין איך דיר מוחל, יו סי. צווייטענס—ס'בוך איז אָלרייט. איך האָב עס אַליין ניט געלייענט, נאָר מיין מיסים — אַ שאָד זי איז איצט ניטאָ—האָט עס פאַר מיר געלייענט. זי קען, יונאָו, זעקס שפּראַכען (און רעכענט זיי אויס אויף די פינגער, באַר־גענדיג אַ פינגער פון דער צווייטער האַנד). זי לייענט מיר פאָר. זי באַלאַנגט צו אַ ביבליאָטעק, האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ. יו סי. ס'האָט פּאַסירט מיט איהר אַנ'אומגליק. זי איז גרוי גע־וואָרען ווי אַ טויב, ווען זי איז נאָך יונג געווען, נאָך אַ קריינק. איך בין געווען אַ יאַנג מען אַ גבור און האָב זי ליעב געהאַט, ווי אַ שוסטער קען. בין איך געגאַנגען צו אַ באַרבער, זיך געלאָזט אָפּפיינטען (אָפּפאַרבען) די האָהר גרוי, דערנאָך בין איך געגאַנגען צו אַ פעלדשער און אַרויסגעריסען עטליכע געזונטע צייהן, כדי מיר זאָלען זיין אַ בעסערער מעטש (שידוך). דער דזשאָב האָט מיך געקאָסט אַ פונט. באַט יו נאָו, איך רעד פון

דיין בוק. וועל, ס'איז א גוד בוק, נאר דו האסט זיך, עקסקיוז מי, באמאכט. דו הויבסט אן גוט, גוט, און איך ווארט ס'זאל מיך געבען א הויב אויף, גיסטו מיך א טראסק אראפ. דו וואלסט געקענט שרייבען עפעס גוטס. איט'ס אין יו, ניט זיך צום נאר מאכען. איי עם סורפרייזד עט יו! (דו איבערראשט מיך).

גאט! הארציגער גאט! ווי זיינע ווערטער זיינען אין מיר אריין! ווי ער האט געטראפען, בעסער פונ'ם ליטעראַרישען קריטיקער פון „טיימס". דער טשוואק אין קאפ אריין און דעם שפיץ גלייך אין הארצען!

האב איך איהם אפגעשטעלט און געזאגט שטריינג:

—הערט אויף! איהר הערט? רעדט שוין ניט מעהר פון מיין בוך. ס'איז אלץ אמת, וואס איהר זאגט און איך קען מעהר ניט איבערטראגען.

—לוק עט מי! (קוק מיך אן)—האט ער ווייטער געזאגט—אכט און זעכציג יאהר אלט. שוין עטליכע און פערציג יאהר אין לאנדאן. כ'ארבייט מיר שווער אוים מיין שטיקעל ברויט, באט איי עם העפי (אבער איך בין צופרידען). איך בין אין א פרי קאנטרי (פריי לאנד). איך האב א זוהן, וועט ער אמאל זיין דער גרעסטער דזשולערי מאנופעקטשורער אין העטאן גארדען. ער ארבייט שוין פאר די גרעסטע שאפס. ער מאכט ברייסלעטס פאר דריי טויזענט פונט א שטיק (און דריי טויזענט שטערען האבען געפינקעלט אין זיינע אויגען, ווען ער האט עס געזאגט). זאגט ער צו מיר: „דעד (טאטע), נאך וואס דארפסטו אזוי שווער ארבייטען? איך וועל דיר געבען דריי פונט עוועריוויק (יעדע וואך) און דו קענסט געהן אין סינאגאג, זיך אויסקליידען און לעבען א „איזי לייף" (גרינג לעבען). נאר דו דארפסט קיינמאל ניט קומען צו מיר צו גאסט". זאג איך: „יו אר א גוד באי, באט איי קען וואָרק (ביזט א וואוילער זוהן, נאר איך קען ארבייטען), איי עם סטראנג לייק א לייאן" (איך בין שטארק ווי א לייב). אפט זיץ איך אזוי, יו נאו, און קלעהר: נאך וואס לעבט א מענש? נאך גוט, וואס איך בין ניט עדיוקייטעד (געבילדעט). איך וואלט משוגע געווארען פון קלעהרען. איך ליעב ארבייט. מיר פעהלט נאטהינג (גארניט). זעה אט די פיקטשור! (ער נעהמט דערביי ארוים א פאק פאפירען פון קעשענע, צווישען זיי אסך קאנווערטען מיט פוילישע מארקעס און ווייזט א פאטאגראפיע פון א יפת

תואר), זי איז מיין איינציגע טאָכטער. זי האָט פּאַרדיענט צעהן פונט אַ וואָך בעפאָר איהר וועדינג (חתונה). היינט וואוינט זי אין קענזינגטאָן, אויף אַלע אידישע קינדער גזאָגט געוואָרען. אַ ריל ביוטי! שעהן ווי די זון! (דער אַלטער האָט ניט מגזם געווען. איך קען זיין טאָכטער. זי איז שעהן ווי שלמה המלך'ס טאָטערקע, ווי דער שיר השירים וויינגאָרטען). איך האָב אַ קאָזין געהאַט אין פּוילען. די גרענעצען האָבען פאַר איהם געציטערט, האָבען איהם די דייטשען דערשאָסען. האָט ער איבערגעלאָזט אַ טאָכטער „די שעהנע מרים"— דאָס שעהנסטע מיידעל אין גאַנץ פּוילען! (דער ליטעראַטור־פאָרשער האָט עס באַשטעטיגט. ער האָט פון דער שעהנער מרים געהערט). מיר פעהלט נאָטהינג! זעה, איך געה אין צעריסענע בוטס, אָבער פאַר מיין ווייב און קינדער שטענדיג געקריגען פון'ם בעסטען: בעכטע פלייש, בעסטע פיש, פּאָמעראַנצען און „ציקערכער".

הערענדיג, ווי ער זאָגט נאָך דאָס זיסע וואָרט „ציקערכער", נאָך קעמפּפען עטליכע און פערציג יאָהר געגען דער ענגלישער קולטור, רוף איך זיך אָן צום ליטעראַטור־פאָרשער:

—קומט, כ'שטאַרב! איך קען מעהר ניט איבערטראָגען!

מיר זיינען אַרויס אין גאַס, צוגעפיהרט מיין פריינד צום ברי־טישען מוזעאום. מיר האָבען זיך געפיהלט ווי צוויי שררים וואָס האָבען געמאַכט אַ נסיעה אַרום זייערע גיטער און געזעהן אַז טראָץ זייער וואוילטעגריש לעבען און זייער גרויס צדקה, זיינען זייערע ברונענס נאָך ניט אויסגעטריקענט; זייערע וועלדער נאָך ניט אויס־געהאַקט; די אייטערס פון זייערע ציגען און בהמות זיינען נאָך פול מיט שמאַנטיגער מילך; זאַט זיינען די בוימער מיט פרוכט און די פעלדער מיט תבואה. ס'פעהלען נאָר הענט צו מעלקען און איינצו־זאַמלען דעם גרויסען שניט אין די שפּייכלער.

יעקב עפשטיין.

עס איז געווען אין מיטען זומער, מיט־מלחמה, נייטצעהן זעכצעהן לויט דעם קריסטליכען חשבון. די לאָנדאָנער גאַס איז גע־וואָרען וואָס אַ טאָג געדיכטער מיט דער יוגענד פון דער גרויסער אימפּעריע, מאָביליזירט צו געבען זייערע קערפּער פאַר וואונדען און זייער לעבען פאַר טויט, כדי ענגלאַנד זאָל בלייבען פריי און פרייער.

אין יענע העראָאישע טעג, ווען איך, צוזאַמען מיט מיליאָנען פון מיין פאָלק, האָבען געפיהלט אז אונזער נאַציאָנאַלע באפרייאונג הענגט אָפּ פון ענגלאַנד, אין יענער צייט בין איך געשטאַנען אין מיטען פון מיין גלעזערנער שטייג, מיט אַ פּאַרוועהטאָגטען געוויסען; געקויפט און פאַרקויפט קאַרעלען און פּאַטשערקעס, געטשקעס און צלמים, און מאָדעלירט מיט ליידענשאַפט רינגען, אויערינגען צו באפוצען און נאָך שעהנער מאַכען אויסזעהן די סיי־ווי צו שעהנע דאַמען.

טאָג־טעגליך און נאַכט־נאַכטליך האָבען דעמאָלט געהעצט פיעל צייטונגען געגען פרעמדע. בפרט געגען די עליענס שבעליענס: רוסיש־פּוילישע אידען. דעריבער איז אַ רוסיש־פּוילישען אידען דע־מאָלט געווען אַמשווערסטען צו אָטהעמען אין דער אָפענער ברייטער גאַס, וואָס האָט געבריהט מיט וואונדען, געשטיקט מיט האַס און געקלונגען מיט העראָאישע טריט.

איז אין יענע טעג איינמאָל צו מיר אין קראָם אריינגעקומען אַ פּאָר פאָלק (אַ מאַן און ווייב דערקענט מען שוין), ארומגעזוכט צווישען מיינע אויערינגען, פּערוואָרפען מיט'ן בליק אַלע מעכאַניש גאַריש־קליינישקע אויערינגלעך און זיך אָפּגעשטעלט אויף די רייך־פארביגע לאַנג־לעבעדיגע אויערינגען.

די פרוי, האָט זיך מיר געדאַכט, איז אַ קריסטין און דער מאַן אַ שאָטלענדער! אינצווישען באַמערק איך ווי ער ווערט אין מיר אינ־טערעסירט און פרעגט מיך אין אַ האַסטיגען טאָן, ווי איינער וואָס וואָגט: „וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַליטעט ביסטו?“ האָט מיין האַרץ אָנגעהויבען צו קלאַפּען שנעל ווי דער לעצטער פראַנצויזישער האַר־מאַט, און די נאָז איז מיר געוואָרען בלאַס ווי אַ געטאָ שפּיגעלע. האָב איך צוזאַמענגעשנאָרט מיין לעצטען רעזערוו קוראַזש און אויסגעשאָ־סען: „איך בין אַ רוסיש־פּוילישער איד“. האָט יענער אויסגעשטרעקט צו מיר אַ שטאַרקע, שווערע, וואַרעמע האַנד און געזאָגט: „שעיק הענדס, סאָ עם איי“ (גיב אַ האַנד, דאָסזעלבע בין איך).

„ווער ביסטו?“ פרעג איך.

ענטפערט ער: „איך בין דזשייקאָב עפּשטיין“.

שרייבענדיג איצט די שורות, רינען מיר סענטימענטאַלע טרע־רען פון די אויגען; קומט צו אַ ווייס־שוואַרץ קעצעל און טרייסט מיך מיט אַ לעק; טראַכט איך זיך: „לא אלמן ישראל“!

דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגניש מיט דעם מעכטיגען סקולפּטאָר פון אונזער העראָאישער צייט.

* * *

אין משך פון די לעצטע צעהן יאָהר פלעגט מאַדאַם עפּשטיין זעהר אָפט צו מיר קומען. האָט זי געהאַט געלט און ס'איז איהר גע־ווען גוט, האָט זי געקויפט פון די שעהנסטע רינגען און אוירינגען. האָט זי זיך געפיהלט דערשלאָגען און איהר מאַן קריטיקירט, האָב איך איהר געבאָרגט ניצליכע און שעהנע זאכען—ס'זאָל זיין גענוג פאַר איהר און עפּשטיינ'ס מאָדעלען. אָבער ניט פאַר אַ פונט פלייש און ניט פאַר אַ קוואָרט בלוט. להכעיס שעקספּירען.

מיט עפּשטיינ'ען אַליין האָב איך זיך זעלטען געזעהן. נאָר יעדער מאָל, ווען מיר האָבען זיך געטראָפען האָבען מיר זיך דערנעהנטערט.

אָנהויב פאָריגען יאָהר שטעהט אַזוי עפּשטיין ביי מיין צייל־טיש, זיפּט אַדורך דורך זיינע פינגער, וואָס האָבען נאָך געהאַט פרישען ליים אין די קנייטשען, אַ נייע קאָלעקציע פון אַלטע און אוראַלטע רינגען און ווערט ווייניג וואָס באַגייסטערט פון זיי. און אַלעמאָל הויבט ער אויף די אויגען און זיי וויגען זיך ווי אַ צווילינג־וויגעל איבער מיין פּנים פון דער גאָמבע ביז'ן טיפען שטערען אריין, פון רעכטען באַקען־ביין ביז ווייט אין לינקען אויער, און זיין פּנים ווערט אַלס ליכטיגער און ליכטיגער.

„אַלרייט" זאָג איך צו איהם—„אויב דו ווילסט, קענסטו האָבען מיין קאָפּ און מאַך אַ לייט פון איהם".

זאָגט ער: „קום צו מיר, דאָס וואָלט איך טאַקי געוואָלט". אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך שוין געזעסען אין זיין אָטעליע אין גיל־פאָרד סטריט, מיט מיין גלות־צעקאַליעטשעטען קאָפּ אויף מיינע אַקסלען. געזעסען אויף דעם שעפּפערישען טראָן פון אונזער סקולפּ־טאָר.

צעהן יאָהר האָב איך איהם געקאַנט אַלס דזשייקאָב עפּשטיין, אַלס דעם אַסימילירטען ענגליש־אַמעריקאַנער קינסטלער. איהם וואָס זעהט אויס ווי אַ מין אידישליכער מוירער מיטען פּנים בלאַס פון ליים־שטויב, מיט די שוואַרץ געקרייזעלטע האָר ווי אַ אידישער כתב־יד, מיט אויגען צאַרטע, חול המועד'יגע, און מיט ליפּען אין אַ זוי־גענדער פּאָזע, און ס'האָט זיך מיר אייביג געדאַכט דאָס די הויזען

זיינען איהם אביסעל צו לאנג. דערזעהן האב איך איהם אבער אין זיין אמת געשטאלט ווען ער האט פון זיך אראפגעווארפען די מארנארקע און די וועסט, אויפגעשארצעט די ארבעל פון העמד, אוועקגעריסען דעם קראגען און געעפענט דאס הארץ און זיך גענומען צו דער ארבייט, אזוי ווי ער וואלט פון זיך אראפגעשליידערט די גאנצע אנגעקראכמאלעוועטע ציוויליזאציע. זיין גאנץ אויסזעהן איז געווארען פארוואנדעלט אין א שטרענג־מאיעסטעטישען אידישען צדיק; זיינע אויגען זיינען געווארען טיעף און גרויס, זיין שטערן פארקנייטשט אין דער לענג און אין דער ברייט און זיינע ליפען האבען געשעפטשעט תפילות. איך האב דערזעהן א ר׳ יעקב עפשטיין וואס זוכט א תיקון פאר׳ן פליישיגען לעבען און וויל אריינגעבען א נשמה יתרה אין דעם כאאטישען ליים פונ׳ם גולם.

ארומשפרינגענדיג ווי א לעמפערט ארום זיין הילפלאזען מאדעל, א פערצאפעלטער, א טיעפאטעמדיגער, מיט א שטיקעל ליים וואס ציטערט און וויברירט קנעטענדיג אין זיינע הענד, ווי א רבי קנעט א שטיקעל חלה בשעת די חסידים זינגען זמירות, לאזט ער ארויס אלע מאל א ביטערע קללה „דעםם“! זייט די מלחמה איז ניט צו באקומען א גוט ביסעל ליים“. „דעםם“! און ארבייט ליידענשאפטליך ווייטער מיט התלהבות, אימפעט און שוואונג, גיסענדיג אריין קדושה ווי ס׳איז נאך דא אנ׳עפענונג, ווי ס׳פאסט זיך פאר א גרויסען בייזען טאטען פון די קומענדע דורות שעפפערישע קינסטלער.

און ווען דערגרייכען זיינע תפילות און קללות צו דעם העכסטען עקסטאז? נאר דעמאלט ווען ער זוכט דעם ניצוץ אלהים פאר דער אינערליכקייט, דעמאלט איז ער מרעיש עולמות, ער ברעכט שלעסער און שטורעמט טויערען, בעט, גנב׳עט און גזל׳ט פון כביכול אליין א נשמה פאר׳ן ליים וואס איז געווארען ענג, איינגעקארטשעט און פארדארבען. א פערציקענדער, פארצעהרענדער לייב איז דעמאלט יעקב, מיט כחות פון אייביגקייט אין זיינע לענדען.

ווען ער האלט אבער שוין ביים פארמירען און פאלירען דאס אויבערפלעכליכע דעקאראטיווע גלאטע הייטעל פון מענש, ווערט ער אליין אויך מענשליך. העפליך און סימפאטיש ווערט יעדע באוועגונג פון זיין באנעהמונג. זיינע קינדערישע אויגען לעקען און טרייסטען ווי א קעצעל, זיי פארלירען זייער פראפעטישע ווילדע קראפט אין קאסמישען פארנעם, זיי ווערען קריסטליך־הייליג און זעהר, זעהר גוט.

אַ זים מילכיג שעפּסעל איז דעמאָלט דזשייקאָב, אַ פאַרגעניגען זיך צוצוריהרען צו זיין וואַרעמער וואָל.

פון מיר האָט ער אַראָפּגעשונדען די געגאָלטע הויט און מיך אוועקגעשטעלט צובלוטיגט—רוי ווי איך בין. ער האָט אויפגעריסען גרויס מיינע קליינע ביזנעס אויגען, אוועקגעשטעלט פאַר מיר די שליחות פון מיין אידעאַל, „זעה צו וואָס דו לעבסט"—שרייען זיי.

מיינע שוואַכע ליפּען האָט ער אונטערגעשטעלט אַ גאָמבע־פּעדעסטאַל; זיי פאַררייגעלט און פאַרזיגעלט צו טראָגען אין זיך די פולע מאָס פלאָם פון צער און פרייד. מיין מיאוס'ע נאָז האָט ער געבויגען ווי מיין זיידענס שופר: זי שאַהלט הערליך פון צוויי חלילים.

און פון אַן אויסגעשטערנטען שטערען וואַקסט אַרויס און אַרונטער אַ גערואַטענער ווילדער וואַלד מיט שטעכעדיגע האָר.

און כאָטש די גאַנצע אויבערשטע בראָנזענע געביידע שטעהט אויף אַ יסוד פון אַ דעליקאַטען העלזעל, וואָס אָט־אָט בייגט עס זיך איין אונטער דער אונערטרעגליכער לאַסט, פאַלט אַראָפּ און צוברעקעלט זיך ווי אַ שאַרבען, דאָך וועט יעקב עפּשטיין בלייבען דער בעל־מבשר פון אַ געטליכערע יצירה.

רודאָלף וואַלענטינאָ.

דער מחבר פונ'ם דאָזיגען בוך איז אין אַ פריהמאָרגען געלעגען אין בעט און, ווי דער דרך פון אַ שרייבער איז, געקלעהרט איבער וואָס צו שרייבען, אָבער גאָרניט געקענט אויסקלעהרען. רופט זיך אָפּ זיין ביזנעס־שותף עדוואַרד גוד: „כ'האָב אַ פּלאַן. קודם שטעה אויף, טהו דיך אָן, עס עפּעס און קום צו מיר אין קראָם אַריין. דאָרט וועל איך דיר געבען דעם אַדרעס בוך פון מיינע קונים. ועסטו נעהמען אַ פען, צומאַכען די אויגען און טרעפען בלינד אויף אַ נאָמען. דעם נאָמען, וואָס דיין פען וועט טרעפען מיט אַ שטאָך, אָט דעם באַשרייב".

האָט „דער שרייבער פון די שורות" אַזוי געטהון און געפאַלען איז דער גורל אויף רודאָלף וואַלענטינאָ (אייגענטליך האָט די פען געטראָפען אַביסעל דערנעבען, אָבער ס'קען איהם ניט שאַדען).

אין אַ הייסען זומער־טאָג אין 1923, האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר מיין טיר אַ רייכער אָטאָמאָביל, גרויס און שוואַרץ אַזש געקיהלט מיינע הייסע פּאַטשערקעס, מיינע בני־מעיים. שפּרינגט אַראָפּ אַ שאָפער, עפענט אַ טיר פון געשליפען גלאָז מיט פאַרהאַנגלאַך, דעקט אָפּ אַ לייכט, קיהל זומער פוטערל, וואָס באַדעקט די קניהען פון אַ שעהנער, יונגער דאַמע; שפּרינגט זיך די יונגע דאַמע אַרויס מיט אַ חנ׳דעל און שפּרינגט אויף צוויי זיידענע, גלאַנציג רונדיגע פיסלאַך אין מיטען פון מיין געשעפט אַריין.

מיט געשמאַק און מיט קאַלטבלוטיגען ענגלישען טעמפּעראַמענט זוכט זי אויס די שעהנסטע, ביליגסטע באַרבאַרישע זאַכען, ווי אַנ׳־אָרעמער אַרטיסט; דינגט זיך ווי אַ פאַרמעגליכער פראַנצויז, און גיט מיר צום סוף איהר רוסישען נאָמען: מאַדאַם נעטשי ראַמבאָוואַ.

שטעהט דערביי אַנ׳אַמעריקאַנערין, וואָס האָט געוואַרט איך זאָל איהר עפּעס אַראָפּלאָזען פון פּרייז. קוקט זי צו, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און ענדליך רופט זי מיך אין אַ זייט און רוימט מיר אַריין:

—דאָס איז נאָר איהר ביהנע־נאָמען. לאָזט זיך ניט אַראָפּדינגען פון איהר. זי איז אַ מיליאָנערין. זי איז וואַלענטינאָ׳ס ווייב.

טראַכט איך זיך: „גוט צו וויסען".

ווען זי איז מיט עטליכע טעג שפּעטער אַריינגעקומען, האָב איך איהר פאַרטרויט איהר אמת׳ן נאָמען, איהר אַריינגערוקט צוויי אמת׳ע איטאַליענישע קונסטטווערק, געשניצט פון עלעפאַנט־ביין אין 17־טען יאָהרהונדערט, פאַר פינף און פופציג פונט. ווען איך וויים ניט ווער זי איז, וואָלט זי עס געקויפט מיט אַ פונט ביליגער. איך וואָלט זי נאָך מעהר „באַריסען", אָבער זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אויב איך וועל איהר פאַרקויפען ביליג, וועט זי אַריינשיקען וואַלענטינאָ׳ן אַליין. „ער האָט אַסך געלט און וועט זיין אין לאָנדאָן אין עטליכע חדשים אַרום". ס׳איז אַוועק אַ חודש, נאָך אַ חודש, ווי דער שטייגער פון חדשים, און דער סוחר פון דער אויבערשטער קראָם האָט געוואַרט און געביינקט אונגעדולדיג נאָך זיין וואַלענטינאָ, ווי אַ פאַרשוואַרצט דינסט־מיידעל נאָך איהר „רודאָ".

דערווייל מאַכט זיך צו קויפען אויפ׳ן מאַרק אַ רינגען־קאָלעקציע פון לײדי מאַקעניטויסזאַגען.

לײדי מאַקעניטויסזאַגען האָט ליעב געהאַט אַלטע רינגען איהר גאַנץ לעבען. זי איז אָבער ניט געזעסען אין דערהיים מיט פאַרלייגטע

פינגער און געוואַרט ווי מיין באָבע אויף משיח'ן, נאָר זי האָט אַרומ־געריזט איבער דער גאַנצער קיילעכיגער וועלט פון הודו ביז כוש און נאָך ווייטער, געקויפט רינגען פון לעבעדיגע הענט און פון טויטע פינגער, רינגען פון קראָמען און רינגען פון קברים, פון מלכים און פון קוימען-קערער, פון סאָלדאַטען און פון מאַטראָזען.

ווען ס'איז געווען שלום און קוילען און די ענגלישע פלאָט האָט ניט געהאַט וואָס צו טהון, איז זי זיך אַרומגעשוואומען מיט לוידי מאַקעניטויסזאַגען אויף אַלע זיבען ימים און אויסגעקויפט וואו נאָר אַ רינגעל. חופה וקדושין און גט רינגלאַך, מזל'דיגע און שלים־מזל'־דיגע, רינגען פאַר בשמים און פאַר סם, געשמידענע און געגאָסענע פון אַלערליי מעטאַלען, גע'ירש'ענטע און אויסגעבעטעלטע און גע'גזל'טע פון אַלערליי תקופות און דורות.

שטעלט אייך פאָר, ווען לוידי מאַקעניטויסזאַגען דערוואוסט זיך פון אַ לעגענדע, אַז יונה הנביא האָט פאַרלאָרען אין פיש זיין שוויגערס אַ רינגעל און אַזוי ווי זייט דעמאָלט האָט ער מעהר ניט געוואוסט פון שלום־בית, וואָלט זי גלייך געלאָזט איינשפּאַנען אַ פּאָר סובמארינען אויפצורייסען דעם זעלבען פיש, געפינען דעם זעלבען רינג און איהם מנדב זיין צו—איהר קאָלעקציע. דאָס איז לוידי מאַ־קעניטויסזאָגען.

און אַזוי איז די טבע פון גרויסען קאָלעקטאָר.

פון איהר קאָלעקציע האָב איך אָפּגעקויפט אַנ'ערך פון אַ טוי־זענט שטיק בחצי חנם.

וואָס טהוט מען אָבער, רבונו של עולם, מיט אַזוי פיעל רינגען, אַז מ'לעבט דורכשניטליך נאָר זיבעציג יאָהר?

געהט מען און מ'פאַרקויפט אוים ביליג אַבי פטור צו ווערען פון זיי, און מ'שיינקט אויך אַוועק אַ רינגעל שטענדיג ווען ס'פיהלט זיך פרייליך אונטער'ן וועסטעל.

איך האָב זיי אויספאַרקויפט צו פינף שילינג אַ שטיק. אַ חתונה דאָקומענט קאָסט זיבען שילינג און זעקס פּענס. דאָס מאַכט אוים צוזאַמען ניט מעהר ווי צוועלף שילינג און זעקס פּענס. ווי קען זיין נאָך ביליגער? און ס'העלפט, אַז די פאַרהייראַטע באַפעלקערונג זאָל וואַקסען.

אָבער אונטער פינף שילינג געהט עס ניט!

מאַכט זיך אָבער אין אַ הערבסט טאָג, אַז נאָך אַ גרעסערער אויטאָמאָביל שטעלט זיך אָפּ אַ צוויי־דריי טירען פון מיין געשעפט (ווי ס'איז דער שטייגער פון אויטאָמאָבילען פון פריש אויפגעקומענע, וואָס באַהאַלטען זיך ביים איינקויפען, כדי דער בעל־הבית זאָל צאָהלען בילינער), און ס'קומט אריין „ער" אליין! ער, נאָך וועלכען איך האָב ארויסגעקוקט דורך די לעכער פון טויזענט רינגען! ער — בכבודו ובעצמו—רודאָלף וואַלענטינאָ! און ער רעדט צו מיר! און ער זאָגט צו מיר:

—ווייז מיר עפּעס שעהנע, אַלטע זאַכען!

כ'מוז אייך זאָגען, אַז איך בין געוואָרען ענטוישט.

איהר ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ גבורה ער האָט אויפ'ן לייווענט, און וואָס פאַר אַ חן ער באַזיצט און ווי שעהן ער איז, ווי ער באַצוי־בערט מענער, ווי ער פאַר'כישופ'ט פרויען און פאַראורזאַכט, אַז קליינע קינדער זאָלען גנב'נען פון זייערע עהרליכע עלטערען מטבעות, כדי צו זעהן איהם; איהר קענט דאָך זיינע תאווה־קושען, זיין ברייטען שמייכעל פון דער רעכטער זייט מויל, פאַר וועלכען ס'עפענען זיך יעדע נאַכט פינף און זיבעציג טויזענט קינעמאַטאָגראַפען; זיינע פאַרפיומטע, פאַר'חלש'טע ליעבע ברעמען און פלוצלינגדיגע אויגען־בליצען, וואָס לעשען אוים אַלע עלעקטרישע לעמפּלאַך און די „מי־טערס" שטעלען זיך אַזש אָפּ. די אַלע זאַכען געדענקט איהר דאָך זיכער גוט.

אָבער ביים גרויסען ליכט פון הערבסט־טאָג און פון דער צווייטער זייט—פון מיין ציילטיש, האָט ער אויסגעזעהן נאָרמאַל און אַנ־שטענדיג, אַביסעל צופיעל בלאַסלאַך, ווי אַ בעקער וואָס טהוט נאַכט־אַרבייט און בייטאָג פּוצט ער זיך אוים און געהט אויף שפּאַציר; ס'פעהלען איהם פייער און ליכט־בליצען אין דעם ניט אויסגעהייצטען אויוועז פונ'ם הערבסט טאָג.

אין זיין שוואַרצען האַרטען קאַפּעליוש איז ער געשטאַנען, אָהן זיין ספּעציעלען מאַגנעטיזם, אָהן דער עקסטרער לעבענס־פּריי־ד

אויסער זיין רעכטען אויער, וואָס איז געווען דעפאָרמירט, וואָלט ער אָהן ספק „געטויגט" פאַר מיליטער־דינסט, אָבער ניט פאַר אַ „שייק" און ניט אפילו פאַר „אַ זוהן פון אַ שייק".

זיין געשמאַק פאַר צירונג איז געווען העכסט קולטיווירט, און ער האָט געקענט זיך דינגען. ער האָט אויסגעקליבען פינף און צוואַנציג

פון די בעסטע „מאקעניטויסזאגען" רינגען און האט בשום אופן ניט געוואלט צאהלען מיינע פינף־שילינג א שטיק, נאר זיינע פיער שילינג א שטיק, און איך, שוטה, בין מסכים צו זיין פרייז.

ער האט אויך געקויפט זילבערנע ארנאמענטען, ספעציעל געמאכט אין טערקיי פאר פרויען־רויבער, און א טייערען אינדישען בראסלעט, בעזעצט מיט טייערע שטיינער. ער האט ארויסגענומען פון טאש א גרויסען, רונדען פאק פון נייע, גרויסע באנקנאטען; ארויסגעשלעפט איינעם ווי פון א מאנגעל און באצאהלט און פארזיכערט אז ער וועט נאך אמאל קומען און אז אויך זיין פרוי וועט קומען.

— זי האט אסך געלט און האט ליעב שעהנע זאכען!

באלד נאכדעם האב איך געלייענט אין די צייטונגען, אז זיי האבען זיך גע'גט. ס'האט מיך שטארק פארדראסען און איך האב צו זיך אליין געזאגט: „א מאן טאר ניט האבען אזוי פיעל רינגען ביי זיך. ס'איז א סכנה".

ווען איך האב געלייענט וועגען זיין טויט, האט עס מיר זעהר וועה געטהון, און איך האב פאראיבעל געהאט אויפ'ן בורא עולם, וואס שיינקט און שניידט יאהרען, דערפאר וואס ער האט איהם צוגענומען פון אונז לעבעדיגע, ניט אזוי פון אונז סוחרים און דיכטער, ווי פון די מיליאנען פארשווארצטע דינסט־מיידלאך און פארגעלטע דינסט־ווייבלאך, וועמענס איינציגע פרייד ער איז געווען. ער איז דאך געווען דעריעניגער, וואס האט זייערע הארץ־בעבערלאך אנגעפילט מיט זים ביינקעניש; דער העלד פון זייערע עלענדע נעכט: „רודא" — זייער געליעבטער!

דער איבערמענש.

איך קען אייך ניט דערצעהלען קיין מעשיות פון טויזענט און איין נאכט, ווייל מיינע נעכט זיינען נארמאל און באנאל, מעהר אדער ווייניגער עהנליך צו די נעכט פון יעדען באווייבטען מאן מיט קינדער.

דאגעגען זיינען מיינע טעג אייביג פול מיט דראמאטישע איבערלעבונגען, מיט טראגי־קאמישע נסים, פארקניפט מיט'ן גורל פון מענשען מיט זונענדיגע חלומות און שיינענדיגע יובעלען.

ס'טרעפט ווען אַ טאָגס איבערלעבונגען גהען ניט אַריין אין זייערע געצוימטע שעה'ן, דעמאָלט פּלאַצט דער טאָג און פאַרפּלייצט גאַנצע שטיקער נעכט.

אָבער בכלל זיינען עס די נאַקעטע טעג, וועלכע אַנטפּלעקען פאַר מיר מענשענס שוואַכקייט און מענשענס גבורה, גאָטס נאַטור און גאָטס וואונדער.

דער טאָג איבער טעג איז געווען אַ געוויינליכער דאָנערשטאָג, דער צוואַנציגסטער טאָג פון חודש מאַי אינ'ם זעקס און צוואַנציגסטען יאָהר פון אונזער יאָהרהונדערט. וואָס קען שוין זיין אַ מעהר וואָכעדיגער טאָג?

כ'האָב געעפענט די אויגען אַזייגער זיבען—וואָס קען שוין זיין אַ מעהר דעמאָקראַטישע שעה צו עפענען די אויגען? ניט זייענדיג קיין וועטער־היסטאָריקער, גערענק איך ניט צי דער הימעל האָט אין יענעם פריהמאָרגען געוואַרעמט לאָנדאָן מיט זון אָדער געקיהלט לאָנדאָן מיט וואַסער, אָדער צי ער איז גאָר געווען נייטראַל. זייענדיג אָבער אַ שטאַרק פאַרהייראַטער מענש, גערענק איך אַז מיין ווייב האָט מיך דערמאָנט יענעם מאָרגען וועגען דעם „בעדרום סוויט" (שלאָף־גאַרניטור), וועלכען מיר האָבען נאָך ניט, כאָטש ס'איז שוין זיבעצען יאָהר נאָך דער חתונה.

—דו האָדעוועסט מיך אייביג מיט „זאַפּטראַקעס"!—האָט זי גע'טענה'ט און מיט רעכט, ווייל ווי שיקט זיך עס טאַקי, אַז אַ בעל־הבית אין העמפּסטעד האָט ניט קיין בעדרום סוויט?

אָבער דאָס איז נאָר אַ הקדמה, אַ בין איש לאשתו שמועס פון אונטער די קוליסען. די אמת'ע דראַמאַ הויבט זיך ערשט אָן, ווען די לאָדען פון געשעפט גהען אַרויף און דער שרייבער, פּראָדוצירער און אַקטיאָר דערשיינט אין צענטער פון דער ביהנע פון זיין „קעמיאָ קאָרנער" און זעהט אויס ווי אַ דגש אין אַ קרומען כּף.

אין עטליכע מינוטען אַרום בליצט פּלוצלינג אַריין אין געשעפט דער אַמעריקאַנער מיליאָנער פון „וויזיאָנען און איידעלשטיינער". ער באַגריסט מיך און קויפט תיכף שטיינדלאַך און ביינדלאַך, שמאַטקעלאַך און צאַצקעלאַך, פון ביליגע שילינג אַרטיקלען ביז טייערע פיעל־פונטיגע, קויפט און וואַרפט אין זיינע טאַשען אַריין, אָהן צערעמאָניעס, אָהן ביבעלע פּאַפּיר, אָהן וואַטע און אָהן שאַכטלאַך, ניט ווי ס'זיינען

זיך נוהג קבצנ׳ישע נשמות פון אַלערליי קלאַסען, וואָס זיינען זעהר פאַרזיכטיג צו בלייבען אין די גרענעצען פון זייערע ספּעציפישע קלאַסען.

און אָט אַזוי קויפענדיג שיט ער שאַרפזיניגע ווערטער, טיעפע איבערבליקען, גיט עצות טובות, אַ לאַך און אַ באַמערקונג, גאָרניט שייך צום ענין. און אַלץ דרינגט אַריין אין מיין קליינהענדלערישער פאַרשלאָפענקייט און וועקט צו גרויסע מעשים; רייסט אויף שטיקער פון מיינע ענגע האָריזאָנטען, צעטרעט די קאָנוועַנציאָנעלע גרע־נעצען און מאַכט חרוב די בנחת׳דיגע כללים פון קרעמערישער בכבוד׳קייט. קויפענדיג, רעדט ער:

—גיט אויף דאָס רויבערען. ס׳פאַר׳סם׳ט אייערע קישקעס. טרינקט פינף גלעזער וואַסער יעדען פריהמאָרגען; עסט מאַראַנצען אין אָוונט און דעמאָלט וועט איהר לעבען און לאַכען ווי לאַנג איהר וועט נאָר אַליין וועלען.

און דערביי:

—ווי טייער איז דאָס?

—צעהן פונט.

—גוט. און דאָס?

—דרייסיג שילינג.

אַ וואָרף אין טאַש אַריין און איך בין זיכער, אַז עפּעס פּלאַצט דאָרט.

—ווייזט מיר אַקאָרשט דאָס.

—דרייסיג פונט.

—אָלרייט.

אַ וואָרף אין טאַש.

—ווי טייער איז די קעמיאָ?

—פופציג פונט.

—ס׳וואָלט געקאָסט הונדערט אין פאַריז. וויפיעל איז דאָס מינדסטע?

—פינף און פערציג.

—האָט איהר ניט געזאָגט פערציג?

—גוט. זאָל זיין פערציג.

א וואָרף אין טאש אריין. איך וואָלט שווערען אז דער קעמיאָ׳ס נעזעל האָט געבלוטיגט.

—איך וועל אייך ברייננען א פלאַש ים־וואַסער. ס׳וועט אייך רייניגען די בלוטען. ווייזט נאָר דעם בראָנזלעט.

—פופצעהן פונט.

—צעברעכט איהם און מאַכט מיר פון איהם פינף בראָשעס. איך מוז זיי האָבען פאַרטיג אין א שעה ארום. צוויי מאַראַנצען יעדען אָוועגט מיט אביסעל צוקער. קייעט אַלץ גוט, אויסער וואַסער. פאַר־וואָס נעהמט איהר ניט די אַנדערע צוויי קראָמען צו פאַרגרעסערען דאָס געשעפט ?

און איך טראַכט מיר די גאַנצע צייט : אוי, וועה, אַנ׳אומגליק ! ער וועט דאָך זיכער געוואויר ווערען, אז איך האָב פון איהם אין „וויזיאָנען און איידעלשטיינער" אביסעל חוזק געמאַכט. וואָס וועט ער דערצו זאָגען ? איך שטעה און שלאָג זיך מיט דער דעה צי ס׳איז בעסער אַליין איהם צו זאָגען לכתחילה אָדער ניט.

ער טהוט זיך א דרעה אוים שנעל ווי א טרענדעל—ווייל אַנ׳־אויפגעקומענער מיליאָנער דרעהט זיך ניט ארום אויף פלאַכע פיס ווי א מלמד—און באַמערקט דעם גרויסען יובעלירטען פאַלאַץ־לאָמפּ, וואָס איז צוויי מאָל אזוי גרויס ווי מיין זיידע עליו השלום. ס׳איז דער מאַרקיז אָוו בראַדעלביין׳ס לאָמפּ, פון גאָלד און זילבער, געפּאַסט מיט 144 אינטאַגליאַס, תכשיטים פון פרינץ פּאַניאַטאָווסקי׳ס קאָלעקציע.

—ס׳קאָסט מיך פינף הונדערט פונט. ביי אייך וועל איך נעהמען זיבען הונדערט.

—וועט איהר נעהמען זעקס הונדערט ?

—זאָל זיין זעקס.

—גוט. קענט איהר מיר מאַכען א צווייטען פאַר צעהן טויזענט פונט ?

—ניין. אפילו פאַר צוואַנציג אויך ניט.

—אָבער רויכערט ניט. טרינקט וואַסער. האַלט גלייך דעם רוקען. קודם כל רויכערט ניט. ווען איינער קומט אויפ׳ן עולם האמת מיט סם אין זיין גוף, מיט א גרויסען בויך, שוואַרצע צייהן און געלע פינגער פון פאַרפוילטען ניקאָטין, און וויל זיך אריינשטופּען אין גן־עדן אריין

מיט זיין בויך, פרעגט איהם מלאך גבריאל: עי, מיסטער, וואָס טהוסטו דאָ? אוועק פון דאנען, דו זינדיגע פארזעהעניש! דו האָסט גאָטס שעהנסטע יצירה פארדאָרבען. אוועק! שנעל! און ער פאַר־קאַטשעט די פאָלעס און מאכט פליטה. אָבער קען ער לויפען?—פאַר־דאַמטער בעל־עבירה'ניק! ווי טייער איז די קעמיאָ?

—צוויי פונט.

—אפשר אַ פונט?

—זאָל זיין אַ פונט.

אין אַ רגע איז די קעמיאָ שוין אדרעסירט געוואָרען קיין סאַן פראַנציסקאָ.

דערווייל טעלעפאָנירט ער אָנפרעגענדיג צי מ'האָט שוין געפונען פאַר איהם אויל אין פלאָרידאַ און וויפיעל פראָצענט זיינע גיטער צאָהלען דאָס יאָהר אין קאַנאַדאַ, און פארוואָס די נאַציאָנאַלע באַנק אין איטאַליע צאָהלט איהם ניט אויס, און אויב „זי" וועט זיין אין הייד פארק האָטעל איין מינוט צו איינס.

באַטראַכטענדיג אַזוי דעם געניאַלען דיכטער פון ווירקליכקייט, האָב איך געזאָגט צו זיך: צוליב דיר אַליין איז ווערט, אז דער סדום פון עקספּלאָאַטאַציע זאָל ניט חרוב ווערען".

און צו איהם האָב איך געזאָגט, פּלאַפּלענדיג ווי אַ היפּנאָטי־זירטער:

—איהר זייט אַ וואונדער, אַ נס, אַ...

זאָגט ער:

—פיהלט מיינע מוסקולען.

איך טאַפּ זיינע אָרעמס, קוועטש שטאָל.

—איך בין פינף און זעכציג יאָהר אַלט און שטאַרק ווי אַ פערד. דער טויט וועט מיך ניט כאַפּען!—זאָגט ער מיט אַ שטאַרק צונג־מאַכטען קולאַק, וואַרפענדיג בליצען פון זיינע אויגען—ניט מיך!

און ער ווערט פארשוואונדען.

לויף איך איהם נאָך פאַר'שיכור'ט פון ליעבשאַפט. ער זיצט שוין אין זיין אָטאָ. זאָג איך צו איהם:

—ענטשולדיגט, איך וויל אייך עפּעס זאָגען.

—וואָס איז עס?

—איך קען מעהר ניט באהאלטען פון אייך, אז פאראיאהרען האב איך געשריבען אן אויטא־ביאגראפיש בוך און איך האב אייך דארט באשריבען מיט איראניע, ווייל דאס גאנצע בוך איז געשריבען לייכט־זיניג. איך לאך דארט פון דער גאנצער וועלט און הויפטזעכליך פון זיך אליין און פון מיינע צרות.

מאכט ער:

—איך האב א ידיעה אין ביכער. איהר קענט מיך נאך ניט. האט איהר דא ערגעץ א פריוואט שטיבעל? איך וועל אייך דארט דער־צעהלען און ווייזען ווער איך בין, וועט איהר וויסען.

נעהם איך איהם ארויף צו מיין שומר'ס שטיבעל און איך ענט־שולדיג זיך פאר וואס דאס שטיבעל איז אין אזא שמוציגען צושטאנד, און ער פרעגט:

—וואו איז ס'בוך?

ווייז איך איהם ס'בוך און דאס קאפיטעל וועגען איהם. גיט ער קודם כל אנ'עפען ס'פענסטער אזוי האסטיג, אז די ריגלען האבען געפלאצט אויפ'ן ארט; זעצט זיך אוועק אויף א דריטעל פון שטול און מיך אויף די איבעריגע צוויי־דריטעל; נעהמט מיך ארום ביים האלז ווי א געליעבטע אין וויינגארטען, און לייענט און לאכט, לאכט און לייענט, אזוי פערדיש־הירזשענדיג און אזוי קינדיש־קוויטשענדיג האב איך נאך קיינמאל ניט געהערט לאכען. ער האט פארטויבט דעם רעש פון גאס און דעם בת־קול פון דער ערשט איבערגעלעבטער מלחמה.

—גוט. ס'איז זעהר גוט!

ער שטעלט זיך פלוצלינג אויף:

—גיט מיר צוועלף ביכער, און איך וועל אייך ווייזען.

און ער ווארפט פון זיך אראפ מלבוש נאך מלבוש, וועש נאך וועש און בלייבט שטעהן פאר מיינע בארוואונדערטע אויגען און פאר'חלש'ט הארץ, א הויל נאקעטער ווי א גריכישע פיגור פון הערקו־לעס, אויף א בוידעם פון אנ'אנטיק הענדלער.

ער זאגט צו מיר:

—זעהט מיין ברוסט. דעמפפסים מאס. זעהט מיינע לענדען. שטאל! קיין בויך. וואס? זעהט!

ער שטעלט זיך אויף די שפיץ פינגער, צעשפרייט די הענט, ווארפט זיך פלאך אויפ'ן שמוציגען פאל, אהן א סערוויעט, ווארפט

זיך, רייסט פון זיך, קניפּט זיך, קלאַפּט זיך, בוכענט זיך און דזשובנעט זיך, פליקט זיך און קען זיך בשום אופן ניט שעדיגען, ניט ממית׳ן.

און איך שטיי, קוק אַזוי צו געקרייצט פון ערשטוינונג.

ער שטעלט זיך אויף איינאַטעמען לופט, שטעקט אַרויס די ברוסט און זאָגט:

—די קאָפּ פון אַ מענטשען איז זיין קרוין; דאָס האַרץ—אַ גאָלדענער טאַץ, וואָס טראָגט זי.

און ער זאָגט ווייטער:

—איהר זעהט?

און ער ווייזט מיר אַ קליינטשיגען טאַשען טאָג־ביכעלע, פול מיט ציפערן, וועלכע דערגרייכען ביז גאָר גרויסער מיליאָנען.

—איהר זעהט? איך בין אַ דירעקטאָר פון איבער אַ הונדערט געזעלשאַפטען. איך העלף איוראָפּאַ. ווי אַזוי? הערט מיך אויס אויפמערקזאַם. ווען איך בין אַלט געווען דרייסיג יאָהר האָב איך פאַרקויפט צייטונגען אין גאַס, בין געווען ווי יעדער שלעפּערישער ליידיג־גייער, ווי די אַלע בעטלער און שנאָרער, וואָס איהר זעהט אַרומפאָהרען אויף די ביליגע אָמניבוסען. איך האָב שטענדיג געוואָלט אַנטלויפען פון׳ם פאַרשאָלטענעם לאַנגווייליגען באַקוועמליכען לעבען, ביז אין איין טאָג האָב איך באַשלאָסען צו נעמען זיך אין האַנט אַריין און אַ זאָג געטון צו זיך אַליין: „ווער אַ מענטש אָדער פּגר אַוועק!“ יעדען פרימאָרגען האָב איך זיך אָפּגעגעבען צוויי שעה מיט גימנאַסטיק. אין משך פון טאָג האָב איך זיך אָפּגעגעבען מיט אַלערליי ביזנעס, און ביינאַכט האָב איך געלערענט שפּראַכען און געליינט. איך האָב אויפגעהערט צו עסען אַסך פלייש און גענומען זיך צו פּירות און וואַסער. היינט צו טאָג זאָגען מיר די גרעסטע דאָקטוירעם אין דער וועלט, אַז זיי האָבען נאָך אַזאַ פאַרפאָלקאָמטען עקזעמפּליאַר פון אַ מענטשען ניט געזען. די גרעסטע דאָקטוירעם פון וויען און ווינעפּעג זאָגען, אַז איך מוז לעבען אַ מאה מיט פינף און דרייסיג יאָהר. איהר קענט אויך דערגרייכען דערצו. ווילט נאָר, ווילט! איך וואָלט זייער וועלען זיך טרעפען מיט אייך דאָ אין „קעמיאָ קאָרנער“ אין הונדערט יאָהר אַרום. אָ, ווען איך וואָלט אייך דערצעהלט דעם פאַרגעניגען וואָס איך האָב פון לעבען! זעהט ווי איך געה. קוקט זיך צו צו די פּאָזעס פון מיין קערפּער ווען איך שטעל טריט!

און ער הויבט אָן אַרום־שוועבען איבערן שטוב ווי אַ זי זומער פויגעלע.

—קענען דען מענטשען געהן? ערשט צעהן יאָהר זייט איך האָב גענומען אַ קורס אין געהן. זייט דעמאָלט פאַרשאַפט עס מיר גרוים פאַרגעניגען. געהן איז אַ ריטמישער טאַנץ, אַ פרייד!

זעהענדיג דורך דער פייכטקייט פון מיינע איבערגעלאָפענע אויגען דעם גראַנדיעז־ענטוויקעלטען איבערמענטש, האָט זיך אין מיר דער־וועקט אַ חשק צו ווערען אַ פישערמאַן, אַ פישער פון מענשען— אַראָפּלאָזען דורכ׳ן אָפענעם פענסטער פון צווייטען שטאָק אַ פישער־מאַנס בייטשעל מיט אַ קרוטשיק און אַרויפשלעפּען פון אָמניבוס אָדער פון גאַס ביים קאַרק דעם ערשטען בעסטען דורכשניטליכען מענטשען, אויפמינטערן איהם און זאָגען צו איהם:

—נאַ, זעה, דו ליידאַק! קני אַנידער! קוק אַרויף און זעה אַ מענטשען, באַפליגעלט מיט גבורה, פאַנטאַזיע און לעבענס־לוסט. זעה, דו אויסגערעכענטער לעבענס־פאַרזיכערטער פייגלינג! דו מיטעל־קלאַסישער בעל־דקדוק, לאַגישער, אַנשטענדיגער פוילענצער! זעה, אַ מענטשען, וואָס קען זוכען אויל אין פאַרשטיינערטע מדבריות, וואָס קען פאַרשפּרייטען אינדוסטריעלע נעצען אין מדינות, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געזעהן, און אין דער זעלבער צייט קען ער דעם טויט מאַכען מיטלאַכען, ווען ער לאַכט, און קען זיך אַרומקייקלען און שפּילען אין שטויב און מיסט, מיט דער פרייד פון אַ קליין אָרעם קינד! קוש דעם שטויב פון זיין נאַקעטקייט. קלאַפּ זיך אינ׳ם זעקס־מאָל פאַרקנעפּעלט הארץ אַ הונדערט „חטאתי׳ם“. זאָג: „איך וועל שוין מעהר ניט געהן אינ׳ם שביל הזהב, טראָגען אַ בגד צוויי יאָהר און אַ געלד בייטעלע מיט אַ קנאַקענדיג שלעסעלע און אַ רעגען שירם. איך וועל שוין ניט זיין מעהר לאַנגווייליג גוט, איך וויל זיין גרוים. אָ, איך וויל גרוים זיין!“

יאָ, איך האָב געוואָלט ווערען אַ מענטשען־פישער, אָבער כח דערצו האָב איך ניט געהאַט, און אַזוי ווי גאָט׳ס האַנט איז ניט געווען צו דער האַנט, האָב איך אָנגעכאַפּט דעם איבערמענטש פאַר אַ האַנט, זי באַגאָסען מיט טרערען און מיט אַ מאַכטלאָזען הארציגען קוש.

כאַפּט ער צוועלף ביכער אונטער׳ן אָרעם, שפּרינגט און טאַנצט אַראָפּ פון די טרעפּען.

זיין אָטאָמאָביל האָט פון דערווייטען אויסגעזעהן ווי א שווארץ פערד, געזאָטעלט מיט א בראַוון העלד, וואָס שוועבט זיך לייכט, שנעל, גראַציעז, און די ענערגיע פון רייטער איז זיין טרייב קראַפט.

. . . .

איך בין זיכער, אז דאָס האָט איהר קיינמאָל נאָך ניט געליינט אין „טויזענט און איין נאַכט“, דעריבער וועט איהר אָפשר ניט גלויבען, אז איינס אזייגער אינ'ם זעלבען דאָנערשטאָג בין איך געווען מיט מיין פריינד לעאָ קעניג, דער קריטיקער, אין איינעם פון לייאָנס קאַפע־הייזער און געפּלאָנעוועט וועגען אַרויסצוגעבען צוזאַמען א נייעם אידישען ליטעראַרישען זשורנאַל.

ס'איז אָבער קיין חילוק ניט אויב איהר וועט גלויבען אָדער ניט. פונ'ם פּלאַן איז אַלץ איינס גאַרניט אַרויסגעקומען עד היום הזה.

אינטערעסאַנט אָבער איז, וואָס לעאָ קעניג איז געווען דער ערשטער מאַנספּאַרשוין, וואָס איך האָב זיין האַנט געקושט. דער איבערמענטש איז געווען דער צווייטער.

דאָס איז פאָרגעקומען אין זיין הויז אין 1919 אין דער האַלב טויטער געגענד נאָטינג היל.

מיר זיינען דעמאָלט געזעסען און געשמועסט וועגען אַרויסגעבען א חודש זשורנאַל מיט'ן נאָמען „רענעסאַנס“, וואָס זאָל אַריינבלאָזען פרישען גייסט אינ'ם אידישען וואָרט; אַריינברייגען אַנ'ערליכען, רעליגיעזען טאָן אין דער מאָדערנער חילול־השם'דיגער קונסט.

און ס'האָט מיך אַזוי גערירט דער חלום, וואָס מיר האָבען גע־שפּינען, אז איך האָב איהם אַזש א קוש אין האַנט געגעבען. עפּעס א גליק, וואָס זיין האַנט איז ניט געווען האָריג.

מיר האָבען אַרויסגעגעבען זעקס נומערען „רענעסאַנס“, ביז דאָס געלט האָט זיך אויסגעשעפּט, און ממילא האָט זיך דער רענעסאַנס אויך אויסגעוועפּט.

און זיצענדיג און דערצעהלענדיג איהם די גרויסע גבורות פונ'ם אַמעריקאַנער, זאָגט קעניג ציניש:

—דער סוף וועט זיין, אז ער וועט שטאַרבען פון א צאָהן־וועהטאָג.

איך האָב זיך שטאַרק צעלאַכט. דער וויץ איז געווען גוט גענוג פאַר אַזאַ גרויסען פאַרמיטאָג.

איך האָב אַלץ איבערגעגעבען קעניגען דיכטעריש און שעהן, צו־ליעב צו טהון זיין קריטיש־ראַפינירט אויער. נאָר אַז איך האָב אויך דעם אַמעריקאַנערס האַנט געקושט—דאָס האָב איך זיך געשעמט צו דערצעהלען.

די ליידי פון דער וועלט.

ס'האָט חתונה געהאַט הימעל מיט ים; פון זייער שותפות'דיגע גרינליך־בלויע שטראַלען איז ערד־לייב באַפרוכפּערט געוואָרען, האָט געבוירען אַ גרויס, געראָטען קינד אָהן עין־הרע, און דער נאָמען־געבער מענטש האָט עס גערופען אַקוואַמארין (איידעלשטיין פון ים־קאָליר).

אַקוואַמארין האָט נושא חן געווען אין די אויגען פון אַ סוחר מענטש און ער האָט איהם געבראַכט פון האָנג־קאָנג אין כינאַ, קיין לאָנדאָן אין ענגלאַנד, כדי צו קריגען פאַר איהם מעהר געלט, ווי ער האָט געצאָלט. איז אַקוואַמארין געלעגען פאַרנאַכלעסיגט אַ לאַנגע צייט. אַנ'אבר האָט זיך ביי איהם אָפּגעבראָכען. אַ קאַלטער שוויים האָט זיך פון איהם געגאָסען און ער האָט זיך פאַרביינקט נאָך אַ מאַמען.

האָט אַקוואַמארין געפונען לייטזעליקייט אין מיינע אויגען און איך האָב איהם אויסגעקויפט, אויסגעהיילט און פאַרגלעט זיין צעבראָ־כענעם אבר און אַ ווינקעלע פאַר איהם געמאַכט.

איז אַריינגעקומען אַנ'ענגלישע מוטער, די שעהנסטע פון פרויען, און איהם אויסגעלייזט פון מיינע הענט, וואָס זיינען אומריין פון האַנדעל—נאָך אַלעמען אַ סוחר.—און אַקוואַמארין ווערט באַהאַנדעלט ווי איהר אייגען קינד. דעם זונענדיגסטען מזרח־ווינקעל פון הויז איהם געשענקט, און איהם איז גוט אַ גאַנצען טאָג.

ווען אַקוואַמארין וואָלט נאָר וועלען שטודירען און וואָלט ניט האָבען אַזאַ פאַרשטאָפּטען, ריין שטיינערנעם קאָפּ, וואָלט זי איהם געשיקט קיין אָקספאָרד געבילדעט צו ווערען.

ס'איז ווערט צו דערמאָנען אין דער געשיכטע, אַז אַקוואַמארין האָט זיך געשיידעט מיט'ן סוחר דעם צוואַנציגסטען טאָג אין מאַי, דער טאָג פונ'ם איבערמענטש.

און ס'דויערט ניט אַסך האַרץ־קלאַפּען און ס'שטעהט ביים צייל־טיש די ענגלישע פרוי, וואָס איהר מאַן בויעט די גרויסע בריקען פון

דער אימפעריע. זיי האָבען צוויי זיהן און צוויי טעכטער. פיער ריזען־קינדער, פיער אייזערנע בריקען.

קען דען אזא טאָג קומען צו קבורה אָן באַקרוינט צו ווערען?

און באַקרוינט דעם טאָג האָט ניט קיין אַנדערע ווי די קעניגען פון ענגלאַנד.

ס'איז געווען ארום אזייגער האלב פיער (א געוועזענער זייגער־מאַכער געדיינקט קיינמאָל ניט גענוי די צייט. צייט איז ביי איהם געלט!).

ס'עפענט זיך די טיהר און ס'שטייט פאַר מיינע אויגען די קעניגין מיט א הויף־דאַמע. באַמערקט די קעניגין אויף א טישעל א אינדישען אָפּגאָט פון עלעפאַנטביין און זאָגט:

—ס'איז א שעהנע זאַך.

זאָג איך:

—יאָ, מאַיעסטעט, ס'איז א שעהנע זאַך.

און זי זאָגט צו מיר:

—א מאַן, וואָס קען דעם מזרח, האָט מיר געזאָגט, אַז איהר האָט אַנ'אינטערעסאַנטען געשעפט. מיר האָבען ניט געהאַט אייער גענויען אדרעס, האָבען מיר אייך ארומגעזוכט א האלבע שעה.

ביז די קעניגין האָט מיר דאָס געזאָגט, בין איך געשטאַנען פאַר איהר מיט זעלבסט־קאָנטראָל און זיך געפיהלט רוהיג, נאָכדעם ווי איך בין שוין געוואוינט געוואָרען צו שטעהען און דינען דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. אָבער ווען זי האָט מיר דערצעהלט, אַז זי האָט מיך ארומגעזוכט האָב איך דערפיהלט ווי אַנ'עלעקטרישער שטראָם לויפט דורך איבער מיר.

די גרויסע ליידי—די מוטער פון דער בריטישער אימפעריע, וואָס פאַרמאָגט א באַפעלקערונג פון פיער הונדערט און איין און פערציג מיליאָן נפשות, האָט מיך, געוועזענעם זייגערמאַכער, ארומגעזוכט! דאַרפט איהר נאָך „טויזענט און איין נאַכט"? זאָגט, וועט איהר נאָך אַלץ געהן קיין אַראַביע פאַר לעגענדעס?

אין דרויסען איז דער ווינקעל באַלאַגערט געוואָרען מיט מענטשען, די גאַס איז שוואַרץ מיט ווייסע פּנימער. מ'האָט זיך געשטופּט אריינ־צוקוקען דורך אַלע שוי־פענסטער צו זעהען די קעניגין און ווי א אזוי א קעניגין קויפט יובעלען און אָרנאַמענטען פון א ציוניסט.

דער המון האָט געהאַלטען אין אײן װאַקסען.

רופט זיך אָן די לײדי:

—דער המון! דער המון!

פאַרזיכער איך זי, אַז איך װעל אין דער צוקונפט מאַכען פאַר־האַנגען אײדער זי װעט מיך באַעהרען מיט אַ צװײטען באַזוך.

און אַזױ באַדינגענדיג זי, האָט מיך אַרומגענומען אַ שרעקענדיגע פרײד. איך האָב געטראַכט ניט פון ענגלאַנד, װאָס איז מיר נאָך הײנט פרעמד און איהר קלימאַט, װאָס דינט שלעכט מײן געזונד, נאָר פון די ענגלענדער, װאָס איך האָב געלערענט צו אַכטען און ליעבען מעהר װי װאָס פאַר אַ פאָלק.

ס'זײנען דאָ לענדער װאו די זון שײנט אויף זײ אָהן פאַרהאַנגען און לענדער װאו די טרויבען זײנען זאַפטיגער און די ערד איז ניט אַזױ האַרט און ניט אַזױ פאַרשװאַרצט פון קױלען־פעלדער; לענדער װאו די לופט הײלט לונגען און די ערד איז פאַר'שיכור'ט פון איהרע אײגענע בשמים, פון מוזיק און פון חלומות. איך קען אויך אַ לאַנד, אַ הײליג לאַנד, װאו די בערג קוקען אױס אױף שלום צװישען מענטשען און פעלקער, און אונטער דעם בלאָען דאַך פון יענעם לאַנד זײנען געלײגט די װינקעל־שטײנער פאַר אַ װעלט רעליגיע.

אָבער װײזט מיר אַ לאַנד, װאו דאָס רוב פון איהרע מענטשען זײנען אַזױ עהרליך, טאָלעראַנט און פאַרמאָגען אַזאַ מאָראַלען חוט השדרה, װעל איך זיך דאָרט באַזעצען און איהרע פרױען באַצירען מיט דער זעלבער איבערגעבענהײט.

זײט ענגלאַנד האָט נאָך איבערגענומען דעם מאַנדאַט פאַר ארץ ישראל, אונז צוגעזאָגט העלפען צו װערען אויסגעהײלט און גאַנץ, זײט יענעם טאָג האָט יעדער נאַציאָנאַלער איד איבער דער גאַנצער װעלט אָנגעהױבען צו זינגען אין דער שטיל אַ „יישר כח" ליעד פאַר ענגלאַנד.

פאַרענדיג אױף לאָנדאָנער אָמניבוסען האָט מײן נשמה אָפט אונטער געטאַנצט צו דער מעלאָדיע פון דאַנקבאַרקײט; פאַרגעסען אַזש, אַז אַ איד מוז אויך צאָלען נסיעה געלט.

אָבער איך האָב קײנמאָל ניט געקאָנט אויסזינגען די מעלאָדיע אין װערטער.

טאָ װאָס זשע טוט אַ איד, װאָס האָט פײנט צו בלײבען שולדיג?

גיט ער זיך אַנ'עצה: איז ער אַ שניידער, שניידט ער פאַר אַן ענגלענדער שעהנער און נעהט געדיכטער; איז ער יובעליר, איז אַז ס'קומט אריין אַנ'ענגלענדערין, פאַרקויפט ער איהר עקסטראַ שעהנע רינגען, אָדער גאָר אַ שעהן אַלט שאַכטעלע, און לייגט אין דעם אריין זיין הארץ ביז ס'קלעמט, שטעכט און טוט וועה. אַזוי קומט קונה נאָך קונה, שעה נאָך שעה, און דאָס הארץ ברעכט זיך און היילט זיך טאָג נאָך טאָג.

איצט שטעהענדיג צום ערשטען מאָל פֿאַר דער גרויסער מוטער פון גרוים בריטאַניע, רוף איך זיך אָן שטאַמעלדיג, ניט וויסענדיג ווי אַזוי זיך בעסער אויסצודרוקען:

—איך בין אַזוי גליקליך און אַזוי באַעהרט, אַז איך פיל מיך נערוועז.

שטייענדיג ביי דער אָפענער טיר, באַגלייטענדיג די קעניגין, האָב איך זיך אָנגעשטויסען אין אַנ'אַלטער ענגלענדערין אין שמאַטעס. זי רופט זיך אָן:

—איך וועל דיר זאָגען פאַרוואָס דו ביזט אַזוי מזל'דיג, מיסטער גוד. מיט פופצעהן יאָהר צוריק האָב איך דיר פאַרקויפט אַ זילבערנעם לעפעל פאַר צעהן שילינג. איך האָב באַלד געוואוסט אַז ס'וועט דיר ברייננגען גליק. איך ברענג אַלעמען מזל.

איך פאַררויכער אַ פּאַפּיראָסעל פאַר די צעשפּילטע נערוועז.

אין דעם מאָמענט קומט אריין דער אַמעריקאַנער און שרייט אויס:

—וואַרפט אַוועק! וואָס טויג עס אייך?

וואַרף איך אַוועק און זאָג צו איהם:

—אַ שאָד, וואָס איהר זענט דאָ פריהער ניט געוועזן. די קעניגין איז ערשט אַוועק.

גיט ער אַ זאָג:

הערט, דאָס צווייטער מאָל ווען די קעניגין קומט, אָדער ווען איהר ווערט אַרויסגעפאָדערט אין באַקינגהאַם פּאַלאַץ, זאָגט איהר, אַז אַנ'אַמעריקאַנער רייכער מאַן קען איהר מוסיף זיין עקסטראַ אַ צוואַנציג דרייסיג יאָהר לעבען לכל הפחות. זאָגט איהר, אַז ער וויל ניט דערפאַר קיין געלט אָדער טיטולען, אבי זי זאָל לעבען לאַנג. „דעטס אָל"! (דאָס איז אַלעס).

ועודנו מדבר—איז ער פאַרשוואונדען געוואָרען.

ממש ווי פון אַ מעשה ביכעל.

דור הולך ודור בא—ס'דויערט ניט אַ האַלבע שעה און דער אַמעריקאַנער איז ווידער דאָ מיט אַ גרויסע פּלאַש פּילס. ער גיט מיר איינע אַראָפּצושלינגען און נאָכ'ן שלינגען ווער איך ערשט געוואויר, אַז די פּילס זיינען אַ מיטעל צו פאַרשטאַרקען שעפּפערישקייט.

ער קויפט נאָך צוועלף ביכער און אַנדערע תכשיטים. געהערט אַז איך האָב אינ'ם זעלבען טאָג אויך ניט שיער פאַרקויפט דעם גרויסען „בין השמשות" דימאַנט, פרעגט ער מיט אַ ממזר'ישען וואונק:

—ווער האָט אייך מזל געבראַכט, העי?

זאָג איך:

—איהר.

—אָט דאָס הייסט ביזנעס! רופט ער זיך אָן—דאָס גאַנצע לעבען נאָר שטעל דעם דרייסטען טראָט און נעהם דעם גרויסען טראָפּען.

און ער דערצעהלט מיר אַ מעשה. ער האָט מיר ניט געזאָגט צי ער האָט עס אויסגעטראַכט אָדער געלייענט אין אַנ'אָוועגט אין אַ מעשה־ביכעל. איך קען דעריבער ניט גאַראַנטירען, אויב ס'איז אמת.

„אין אַ רעסטאָראַן האָבען זיך איינמאָל געטראָפען צוויי ווילד פרעמדע מענשען. ס'איזביידען געווען שווער אויף די הערצער, האָבען זיי זיך צוגערוקט איינער צום צווייטען און אריין אין אַ געשפּרעך. דערצעהלט איינער, אַז ער איז אַנ'ערפינדער. ער האַלט שוין גאָר גאָר נאָהענט ביי אַנטפּלעקען דעם לעצטען סוד, וואָס איז באַהאַלטען אינ'ם אַטאָם. ער וואָלט שוין זיכער געמאַכט די ענטדעקונג מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, אָבער ס'פעהלט איהם אַ פּריזם אין זיין מיקראָסקאָפּ. ער האָט הונדערטער מינים פּריזמעס, נאָר ס'פעהלט איהם איינער אויסגעשניטען, אויסגעשליפען פון אַ גרויסען בריליאַנט. פאַר אַזאַ בריליאַנט וואָלט ער געגעבען טויזענטער פונטען, אָבער ס'איז אַ יקר־המציאות און דאָס וואַרפט איהם אריין אין טיפער מרה־שחורה.

„דערצעהלט דער צווייטער, אַנ'אויסגעהונגערטער, וועלכער האָט שוין דריי טעג ניט געגעסען און גאָרניט געשלאָפען:

„—איך האָב אַזאַ ברילִיאַנט שוין זייט יאָהרען, קען איך איהם ניט פאַרקויפען און שטאַרב פון הונגער.

„זאָגט דער ערפינדער:

„—ברייננ דיין ברילִיאַנט צו מיר אין לאַבאָראַטאָריע. איך וועל איהם זיכער קויפען.

„און זיי האָבען זיך שטאַרק געפרעהט. וואָס זיי האָבען זיך באַגעגענט.

„אויף מאָרגען, ווען דער ערפינדער איז געזעסען זיך מיט דער נאָז טיעף אין די אַטאָמען, הערט ער אַ קלאַפּ אין טיהר.

„—אהא, ס'איז ער!

„ער עפענט די טיהר. ס'איז טאַקי יענער מיט'ן ברילִיאַנט. דער־זעהענדיג דעם ברילִיאַנט האָט ער דערפיהלט, ווי דער לעצטער סוד פון אַטאָם האָט זיך פאַר איהם אַנטפּלעקט.

„—ער נעהמט אַרויס אַ רעוואָלווער, שיסט אויפ'ן אייגענ־טהימער פון ברילִיאַנט אַזוי לאַנג ביז ער איז טויט—אַ נאַטירליכער טויט פאַר אַ ברילִיאַנטשיק!—דערנאָך נעהמט ער איהם אָן, שלעפּט איהם אַראָפּ אין קוילען־קעלער אַריין.

„שפּעטער האָט ער אויסגעשליפען אַ פּריזם פונ'ם גרויסען ברילִיאַנט, און מיט'ן פּריזם האָט ער געהאַפּט צו זעהן די גאַנצע אוּ־ניווערס אינ'ם קלענסטען אַטאָם.

„איז ער אַוועק צום ים, אויסגעשעפּט אַ קליינעם טראָפּען וואַסער און איז זיך אַהיים געגאַנגען צו מאַכען עקספּערימענטען אין זיין לאַבאָראַטאָריע.

„ער קוקט דורכ'ן מיקראָסקאָפּ און ס'ווערט איהם שלעכט. ער זעהט אינ'ם טראָפּען ים־וואַסער אַלע חיות און פיש און געוויקסען, גאַנצע וועלדער קאָראַלען און פּערלען, ווי אַרבעס, און אוצרות, וואָס מאַכען דעם ים שפּריינגען אין דער לופט; און נעבען ים זעהט ער אַנ'אונענדליכען גאָלד־זאַמדיגען ברעג און נעבען ברעג—פעלזען, וואָס לעכערען דעם הימעל; און אויף די פעלזען זעהט ער, ווי עס זיצט די שעהנסטע שעהנהייט, וואָס קיין פּאָעטישע פאַנטאַזיע איז נאָך קיינ־מאָל ניט אַנטלאָפען מיט איהר. איהרע אויגען זיינען קוואַלען פון סאַפּירען. אַנטקעגען איהר ליכטיג פּנים מוז מען איינפאַך זיך שטעלען

דאַוונען שחרית, און איהרע שוואַרצע האָר קרייזלען און קרייזלען זיך אַראָפּ פון פעלז און באַדעקען שמאַראָגען גרינע לאָנקעס. פאַרליעבט זיך אין איהר דער ערפינדער שמערצליך, עסט ניט און טרינקט ניט, ראַזירט זיך ניט, קוקט און קוקט און קען זיך גאָר זאַט ניט אָנקוקען.

„און אַט אַזוי קוקענדיג באַמערקט ער, ווי זיין געליעבטע ווערט קלענער און קלענער, שרומפּט איין, צעגייט ווי אַ וואָלקען און ווערט גענצליך פאַרשוואונדען.

„איז ער געפאַלען חלשות און איז אַזוי געלעגען עטליכע טעג און עטליכע נעכט באַוואוסטלאָז.

„האָט אַ שכן באַמערקט, אַז עפּעס איז ניט אַלץ אין אָרדנונג. עפּעס הערט מען איהם ניט אַהיים קומען שפּעט ביינאַכט און בכלל הערט מען ניט קיין שאָרך. האָט ער אויפגעבראָכען די טיהר און דער־מינטערט דעם ערפינדער. ווען יענער איז געקומען צו זיך, האָט ער דערצעהלט זיין שכן די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט דער׳הרג׳ט דעם בריליאַנטניק, געשליפען דעם בריליאַנט, עקספּערימענטען גע־מאַכט מיט׳ן קליינעם ים־טראָפּען, ביז דער טראָפּען האָט אויסגע־טריקענט, און מעהר גערענקט ער ניט.

„האָט דער שכן אויף איהם גוט אָנגעשריען:

„—ביזט אַ גרויסער שוטה! אַ פשוט׳ער אידיאָט! פאַרוואָס האָסטו שוין אין איינוועגס ניט גענומען אַ גרויסען טראָפּען?

— — — — — — — —

דער אַמעריקאַנער האָט מיר געגעבען אַ רייב אין זייט, ווי איינער זאָגט „פאַרשטעהסט?" און הילד איננו.

קומט צו מיר אריין ד"ר מאָריס, אַ אידישער דאָקטאָר פון איסט־ענד, וואָס האָט אַ שוואַכקייט צו צאַצקעלאַך און האָט נאָך ליבער צו מאַכען אָפּעראַציעס אויף מיינע פרייזען. ווען איך זאָג איהם אַ דאָפּעלטען פּרייז, האָט ער דאָס פאַרגעניגען אָפּצודינגען אַ היבש ביסעל און מיר בלייבט נאָך אַלץ אַ גוטער פּראָפיט. נאָר דאָס מאָל, לכבוד דער קעניגין׳ס באַזוך, האָט ער געקויפט אַ זילבערן שטייגעלע מיט אַ גאָלדען פויגעלע אין מיטען, פאַר אַ פונט. געקאָסט האָט עס מיך פינף און צוואַנציג שילינג און אפשר גאָר פופצעהן. ווער גע־

דענקט דאָרט? און ער גערט אַוועק אַ פרעהליכער מיט נייער ענערגיע צו היילען זיינע שווערע, אידישע פּאַציענטקעס.

און ס'קומט דערנאָך אריין מיין איבערגעגעבענער פריינד יאָזעף דע גרעקאַ, אַ פּאָרטוגעזישער נאָבעלמאַן, וואָס האָפּט נאָך צו מאַכען מיך פאַר אַקאַטאָליק אַזש אַ רוימישען.

זאָגט ער, אַז ער וויל זיין דער לעצטער קונה פון אַזאַ מזל־דיגען טאָג. דינגט ער זיך און קויפט אַ קעמיאָ פאַר זיבען שילינג מיט זעקס פּענס. אין אַנ'אַנדער טאָג וואָלט זי איהם זיכער געקאָסט גאַנצע 8 שילינג. אָדער אפשר וואָלט ער זי גאָרניט געקויפט.

און ס'פאַלט אַראָפּ דער פאָרהאַנג. ס'געשעפט ווערט פאַרמאַכט און פאַרשלאָסען דער טאָג; אַחוץ איין ליכטיג עלעקטריש לעמפּעל, וואָס האַלט שמירה מיט דער נאַכט און דערצעהלט איהר די חלומות פון טאָג, און די נאַכט פינטעלט מיט אויגען ווי אַ פריידענקער און וויל ניט גלויבען.

קומענדיג אַהיים לויפט מיר אַנטקעגען אונזער קליינער, פייער־דיגער יונג, שטעלט זיך די גראָבע פינגערלאַך אין זיינע אַרבעל־לעכער אריין, ווי אַ דאָקטאָר ראַבינער, און ציהענדיג זיינע עלאַסטישע שלייקעס, שטרעקט ער אויס ס'ברוסטעל, ווי ראַמזי מאַקדאָנאַלד און זאָגט:

—דעדי, איך וועל נאָך אַמאָל זיין דהי האָנאָרייבל מאַסטער איזידאָר גוד. און די גומענע שלייקעס קנאַקען צו.

כ'געה אריין אין פּוץ־שטוב, שטעהט דאָרט מיין טעכטערל אונטער צוויי ענגלישע פאָהנען „יוניאָן דזשעקס" און שטודירט איין אַ רעציטאַציע, אין וועלכער זי רעפּרעזענטירט „אינדיאַ'ס אָפּפער צו בריטאַניע" פאַר דער פייערונג פונ'ם אימפּעריע־טאָג אין דער פאָלקס שול.

אונזער עלטערער זון איז ביי צופאַל פאַרנומען מיט צייכענען אַ פאַמיליען הערב.

מיין ווייב שטאָלצירט מיט מיר. מיר האָבען זיך געפיהלט גליק־ליך אויף אייביג און אייביג. איך האָב איהר צוגעזאָגט אַ טייערען „בעדרום־סוויט". זי האָט זיך געלאָזט קושען אַ גוטע נאַכט.

ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד.

סיביל טאָרנדייק.

דער דורכשניטליכער, ערפאָלגרייכער קליינער קרעמער מוז זיין דער קליגסטער פונ׳ם מענשליכען מין (אַ קלאָג צו איהם!). אויסערדעם וואָס ער מוז באַזיצען דיפּלאָמאַטיע, טאַקט, אַנ׳אַנשטענדיגע רעליגיע און אַ וועלט אַנשויאונג, מוז ער אויך זיך קענען נייגען, בויגען און שמייכלען צו יעדען קונה אויף אַ באַזונדערען אופן. ער מוז קענען טרעפען און פאַרשטעהן אַלץ און מוז אויך וויסען בוכהאַלטעריי. ס׳איז פאַר איהם ניט אַזוי נויטיג צו קענען רעכענען פונטען, שילינגס און פּענס, ווי די נולען. מאַכט ער אַ נול טעות, צאָהלט ער זיינע קרעדיטאָרען אַ שילינג אין פונט. צוויי נול טעות׳ן— און ער טראָגט בראָנזלעטען—קייטען געשמידען פון אייזערנע נולען.

ער מוז קענען די לשונות און פראַזעאָלאָגיעס פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען אין לאַנד, טאָמער קומט פּלוצלינג אַריין אַ פּאַרטיי און גיט איהם אַזוי עפּעס אַ פרעג.

ער מוז אויך האָבען אַ באַגריף אין ספּאָרטס, ליטעראַטור און טעאַטער, און וואָס אייגענטליך וויל ה. ג. וועלס אָדער בערנאַרד שאָו האָבען.

מיט איין וואָרט — ער מוז זיין אַ אידישע ענציקלאָפּעדיע געבונדען אין פעל.

ווען מיין פריינדין מרס. ספּענסער האָט מיר עטליכע יאָהר צוריק אַריינגערוימט אַ סוד, אַז אין און אין דעם טאָג קען איך ערוואַרטען אין געשעפט די באַריהמטע שוישפּילערין סיבל טאָרנדייק, איז אַז ס׳איז געקומען דער און דער טאָג, האָב איך ספּעציעל אָנגעטהון אַנ׳אַרטיסטישען קאָלנער און זיך פאַרקעהמט די האָר זעהר פּאָרזיכטיג. און געמאַכט אַ טעאַטראַלישען שרינט און יעדע ווײַלע געקוקט אויף דער טיהר.

קונים קומען, קונים געהען, קונים אַנטלויפען—סיבל טאָרנדייק זעהט מען אַלץ ניט. און פּלוצלינג—שאַ! זי איז טאַקי דאָ.

ס׳קומט אַריין אַ הויכע, שעהנע בלאָנדינקע, אין אַ לויזער ברוינער טעאָזאָפישער פעלערינע, מיט ברוינע אויגען ברעמען, מיט שוואַרצליכע שאָטענס אונטער די אויגען, ווי ביי אַלע גרויסע טראַגיקער, און מיט אַ פּאָר חן־גריבלאַך ווי ס׳וואָלט נאָך געשיינט אין זיי די צוויי עלעקטרישע ביהנע לעמפּעלאַך.

איבער די פיעלע כאַראַקטער ראָלען, אין וועלכע זי האָט זיך אָנגעשפּילט, איז אין איהר אַ געמיש פון פּאָזעס, זשעסטען און שטימען, און ס'איז איהר שווער צו זיין זי אַליין.

באַדיענען איך איהר גאַנצע גאַלעריע טיפּען, רעד צו זיי עפעקטיוו און פּאַראַדאָקסאַל טאַקי ווי בערנאַרד שאָו אַליין.

איך ווייז איהר די שעהנסטע זאַכען, בעט ביי איהר דעם קלענסטען פּרייז און זי לאָזט זיך באַדיענען און אָנבאָטען ביליג.

פון קורצע מאָמענטען ווערט אַ האַלבע שעה, אַ שעה. איך בין מלא שמחה, בין אין זיבעטען הימעל און זי לאָזט מיך זיין אין זי־בעטען הימעל.

ענדליך האָט זי אויסגעקליבען ווערטפולע אַרטיקלען פּאַר אַ שעהנע פּאָר פונט און זאָגט:

—ס'טהוט מיר לייד וואָס איך האָב ניט מיט מיר מיין טשעק ביכעל. קענט איהר מיר געטרויען?

צעלאַך איך זיך:

—וואָס מיינט איהר אַ טשעק? טרויען? וואָס איז עס פּאַר ווערטער, רבונו של עולם? איהר קענט האָבען מיין גאַנצע קראָם מיט'ן קרעמער מיט דער סחורה, אויסשטאַטונג און קאָנטראַקט. איהר דאַרפט ניט מעהר ווי זאָגען דאָס וואָרט.

שמייכעלט זי:

—פון וואַנען ווייסט איהר, אַז איהר קענט מיר אַזוי פּיעל טרויען?

זאָג איך:

—ס'איז אָנגעשריבען אויף אייער פּנים מיט אילוסטראַציעס—אַ בלינדער קען אייך לייענען.

זאָגט זי:

—נעהמט בעסער מיין נאָמען און אַדרעס און זייט ניט צופּיעל אידעאַליסט. „ביזנעס איז ביזנעס".

זי דערלאַנגט מיר איהר נאָמען. אוי, ס'הויבט מיר אָן שווינדלען אין די אויגען. ס'איז גאָר ניט סיביל טאָרנדייק. ס'איז גאָר אַנ'אַנדערע אַקטריסע, באַריהמט דערמיט וואָס זי איז אַ טאָכטער פון אַ באַ־ריהמטען פּאַרשטאָרבענעם אַקטיאָר.

שוין עטליכע יאָהר, זייט איך שיק איהר שטריינגע בריעף.
אָבער—אדיע! ווי א טויטען אקטיאָר לעבעדיגע באַנקעס.
איך האָב בדעה צו סטראַשען זי מיט א פּראָצעס.

אַנ'אַמעריקאַנער זשורנאַליסט.

דער מענשליכער קיום איז געבויעט אויף יסודות פון אייזערנע געזעצען און פּרינציפּען.

אָבער דאָס טעגליכע און פּארמעגליכע לעבען, באַוועגט זיך און בויעט זיך דורך דעם לייכסטען ריהר. א קליין ווינטעל בלאָזט ווי א קינדס אָטעהם און דער מענש הויבט זיך צו דער הויך פון העכסטען געלעכטער אָדער נידערט צו דער טיפעניש פון דער טיפסטער טרעהר.

מיט א יאָהר צוויי צוריק קומט אריין צו מיר אַנ'אַלטער אַמע־ריקאַנער. זיינע אויגען אויסדרוקלאָז און גרוי ווי צוויי בית־עולם'ס, וואָס האָבען שוין איינגעזאַפּט אין זיך פינף און זיבעציג ווייסע, ווייסטע ווינטערס; און ביי די אויגען־ווינקלאך שטעהען צוויי רויע, רויטע הייזעלאך, איינס פאַר קרימאַציע און איינס פאַר טהרה. זיין אונטערשטע ליפּ שלעפּט זיך איהם נאָך אָהן אייגענעם ווילען און געהט פּאָראויס צו זיין לוויה, און זיין הויט הייננגט אויף זיינע ביינער ווי געלע תכריכים.

אָבער זייענדיג אַנ'אַמעריקאַנער האָט ער נאָך די ענערגיע פון א מיטעליעהריגען ענגלענדער.

—איך וויל—זאָגט ער—אז איהר זאָלט פאַר מיר געפינען א גליטש־רינגעלע פאַר א שווארץ שנירעל, וואָס איך גיה טראָגען אויף דעם האַלז פאַר מיינע ברילען. איך מוז עס תיכף האָבען.

—וואָס איז אַזוי די איילעניש?—פרעג איך.

—איך וועל אייך זאָגען—ענטפערט ער—איך בין אַנ'אָרעמער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט (און דאָס האָט מען דערקענט אין זיינע אויסגעריבענע מלבושים אויף אַלע זיינע זשורנאַליסטישע פלעצער). נעכטען האָב איך געגעסען מיטאָג צוזאַמען מיט'ן גרעסטען ענגלישען זשורנאַליסט ט. פּ. אָ'קאָנאָר, דעפּוטאַט און פּאַטער פון פּאַרלאַמענט. ער קריגט טויזענט דאָלאַר פאַר יעדען ארטיקעל און פיער הונדערט

אַמעריקאַנער צייטונגען דרוקען יעדעס וואָרט, וואָס ער שרייבט אין לאָנדאָן. זאָגט ט. פּ. צו מיר: „פּראָוואָס טראָגט איהר ניט אַ שוואַרץ שנירעל מיט אַ גליטש־רינגעל? עס וועט אייך העלפען אין אייער קאַריערע אָהן אַ שיעור". געפינט אַלזאָ פאַר מיר, ברודער, עפּעס אַ גליטש־רינגעלע, איך ווייס אַז ט. פּ. איז מיר אַ גוטער פריינד. אָבער ס'מוז זיין ביליג. איך דאַרף נאָך קויפען אַנ'אַנצוג, אַ שטעמפּעל און גוטען שרייב פּאַפּיר. מאַכט עס ביליג.

אַרומגעזוכט וואו נאָר אַ ווינקעלע און אַ נעסט און ענדליך אַראָפּגענומען פון אַנ'אַנטיק געלט־בייטעלע—אַ רינגעלע, אַרויפגעצויגען עס פאַר איהם אויפ'ן שוואַרצען שנירעל, אָנגעטשעפּעט דערויף זיינע ברילען און אָנגעטהון דאָס שנירעל אויפ'ן האַלז. דאָס אַלץ האָט איהם געקאָסט זעקס פּענס.

ס'דויערט ניט מעהר ווי אַ וואָך—אמת'ע רעוואָלוציעס נעהמען קיינמאָל ניט מעהר ווי אַ וואָך—און דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט קומט ווייטער אַריין צו דאַנקען מיר פאַר דער מיה און זיך ווייזען אין זיין שפּאָגעל נייקייט.

—איהר זעהט?—זאָגט ער טאַפּענדיג דאָס רינגעל—ס'האָט מיר געבראַכט גרויס גליק. איך האָב שוין געקויפט אַנ'אַנצוג פאַר צוויי פונט (נייערהייט האָט ער געקאָסט צעהן) און איך האָב געהאַט אַן אינטערוויו מיט מאַדאַם עלען טערי און באַקומען פאַר'ן אינטערוויו פופציג דאָלאַר. דערביי האָט ער אָנגעהויבען צו דעקלאַמירען פאַר מיר אויסווייניג אין אַ זעהר אַ דראַמאַטישען טאָן וואָס ער האָט געשריבען אינ'ם אינטערוויו.

„די גאָלדענע טויערען פון דער גרויסער אַקטריסע פון אַלע צייטען האָבען זיך ענדליך געעפענט. פאַר וועמען? פאַר מיר. דער וועג צו איהר איז געווען באַשאָטען מיט רויזען פון איהר לאַנגער קאַריערע"...

—אָט דאָס איז—האָט ער צוגעגעבען— וואָס דער לעזער האָט ליעב.

און ער האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען זיינע פּלענער:

—מאָרגען געה איך זעהן ללאָיד דזשאָרדזש'ן. איך האָב שוין געשריבען צו באָלדווינ'ען וועגען אַנ'אינטערוויו אויפ'ן נייעם געשטעמפּעלטען פּאַפּיר. דער שטעמפּעל אַליין קאָסט מיך פינף פונט.

ער האַלט זיך אָן ביים שנירעל'ס רינגעלע און רעדט:

פופציג יאָהר בין איך געווען דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָרעס־פּאָנדענט פאַר אַמעריקאַנער צייטונגען. די אַלע יאָהרען האָב איך געהייסען נאָרמאַנדי נאָרמאַנדי און בין אייביג געווען אויף צרות. אָבער פון איצט אָן הייס איך כורש מאָרגאַנאָוו—כורש מאָרגאַנאָוו, דער אייראָפּעאישער קאָרעספּאָנדענט, וואָס אינטערוויוועט די גרעסטע פּאָ־ליטיקער, קינסטלער און פינאַנסיסטען אין דער וועלט! דעם קומענדען חודש פאָהר איך מיט'ן „לויתן" קיין אַמעריקאַ, און אויב עמיצער וועט מיך רופען דאָרט נאָרמאַנדי נאָרמאַנדי קעהר איך זיך אפילו ניט אויס, ווייל ס'וועט זיין דער וועלט באַריהמטער כורש מאָרגאַנאָוו, וועלכער וועט אראָפּ פון שיף. פיער הונדערט צייטונגען וועלען דרוקען יעדען אַרטיקעל מיינעם און איך וועל דיקטירען מיינע נייעס און מיינע פּרייזען.

איך האָב אַזוי איהם אויסגעהערט, געקוקט אויפ'ן גליטש־רינגעלע און זיך דערביי געטראַכט:

„גאָט! ט. פּ. אָ'קאָנאָר מוז זיין נאָך קליגער ווי ער שרייבט!"

די אמת'ע מצבה.

מיט עטליכע יאָהר צוריק, אין אַ הייסען זומער טאָג. די פינף שווי־פענסטער האָבען געבריהט און די אַרטיקלען האָבען גע'חלום'ט צו זיין אין אַ קיהלערען קלימאַט, אָדער באַטש צווישען אַ קיהלערער קאָלעקציע.

קומט אַריין אַ פרעמדער מאַן, אַ מזרח־מאַן, און הייסט ווייזען פון פענסטער דריי גאָלדענע ענעמאַלירטע אַלטע שאַכטלען. עקזאַ־מענירט זיי מיט'ן קוק, מיט אַ ריהר און אַ גלעט, מעשה עקספּערט און פרעגט „מה יקר?"

—צוויי הונדערט און פינף און צוואַנציג פאַר אַלע דריי.

—איך בין אַן אַרמעניער, אַ יובעליר אין עגיפּטען און בין גע־קומען צו אייך קויפען סחורה, ניט צו פאַרלירען נאָר צו פאַרדינען דערויף. זאָגט מיר דעם ביליגסטען פּרייז.

אַנ'עהרליכען מאַן דערקענט מען אין די אויגען. מ'דאַרף ניט קיין פאַרגרעסערונגס גלאָז אויף אַריינקוקען אין זיי.

עפען איך די קאַרטען אויפ'ן טיש און זאָג צו איהם:

—הערט אוים. די דריי שאכטלען קאסטען מיך צוויי הונדערט פונט. כ׳וויים אז זיי זיינען צו טייער. כ׳האב זיי שוין א לאנגע צייט און קען זיי ניט פארקויפען. איך וועל נעהמען קאסט פרייז.

זאגט ער:

—איך גלויב אייך. אבער זיי זיינען ניט ווערט פאר מיר מעהר ווי הונדערט און פופציג פונט. נעהמט וואס איך געב אייך. איהר וועט אין מיר געפינען א גוטען קונה.

איך זעה, אז ער רעדט צו מיר פריינדליך ווי א ברודער, און איך זאג:

—אלרייט. זיי זיינען אייערע.

און ער האט באלד אויפ׳ן ארט געקויפט אנדערע זאכען, געגעבען גוט צו פארדינען און זיך ניט געדונגען, טאקי ווי א דזשענטעלמאן.

זייט דעמאלט קומט ער יעדען זומער קיין לאנדאן און צעהלט מיר אוים א שעהן ביסעל געלט.

אין פארלויף פון יאהר שיקט ער פאר מיינע קינדער אריענטאלע טייטלען, געוויקט אין זיסקייט, און זיסע צוקערלעך ליגען באהאלטען קינסטלעריש אין די הערצער פון די טייטלען. א קינד מוז שוין זיין בלו זכאי אדער כלו חייב צו קריגען א נאש דערפון. פאר מיר שיקט ער עכטע עגיפטישע פאפיראסען גרוים ווי סיגארען, און פאר מיין פרוי—ציגארעלאך דין ווי לאקשען, וועלכע מיר באהאלטען לכבוד ספעציעלע געשעהענישען, און אפילו די ליידיגע שאכטלען באהאלטען מיר, ווייל, אויסערדעם וואס מיר זיינען פארבונדען אין האנדעל און פריינדשאפט, פארבינדט אונז אויך דער גורל פון אונזערע פעל־קער: חוץ דאס „אתה בחרתנו״ פאלק, האט קיין פאלק ניט אזוי געליטען ווי דאס ארמענישע. דעריבער שוין באלד ווי מ׳באגעגענט זיך און מ׳קוקט זיך בלויז אן ווערען אונזערע ביידענס אויגען פייכט.

מיין הארץ האט מיר אבער לאנג געזאגט, אז דער מענש האט שוין געהאט אויסערגעוועהנליכע איבערלעבונגען; אז שוין מעהר ווי איינמאל איז ער געווארען געשטויסעלט און געמערזשעלט אין טיעפסטען תהום פון צער. ווייל די מידות פון אזא גוטסקייט און אזא מיטגעפיהל קומען קיינמאל ניט בירושה. דאס לערענט מען ניט אין אקספארד און ניט אין היידעלבורג און ניט אפילו אין אנטיקען ביזנעס. נאר בושה, ליעבע און ליידען קענען אזא ראפינירטען, בשמים׳־דיגען כאראקטער אויסהאמערען.

אָבער איך האָב זיך שטענדיג צוריקגעהאַלטען פון פרעגען איהם וועגען זיין אָפּשטאַם און זיינע יונגע יאָהרען.

לעצטען זומער, זיינען מיר איינמאָל געזעסען אין אַ קאַפע־הויז, געפרעסען פלייש און געזויפען משקה אונטער אַ דאַך פון הונדערט עלעקטרישע אויגען. אין דער דיקער אַנגערויכערטער לופט האָט גע־גרילצט דזשעז־מוזיק.

און אין דער אַטמאָספערע האָט ער אַוועקגעבלאָזען דעם שטויב פון געגענוואַרט און אויפגעגראָבען זיין טיעף באַהאַלטענע פאַרגאַנ־גענהייט, דאָרט וואו עס רוהט דער ברוכשטול וואָס האָט ענטבונדען זיין נשמה.

—דו האָסט מיר דערצעהלט—האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ ציטערדיגען קול—וועל איך דיר אויך דערצעהלען. מיין טאַטע האָט געהאַלטען אַ שענק און איז כל ימיו געווען אַ שיכור. ער האָט מיט מיין מאַמען חתונה געהאַט צוליעב איהר געלט. זי איז ניט געווען „מיט אַלעמען" און איהם אייביג געטאָטשעט. האָט ער פאַר'שיכור'ט דעם שענק און פאַרשווענדעט איהר פאַרמעגען און איז נאָך שולדיג געבליבען צו פרעמדע מענשען אַ פינף טויזענט פונט. האָבען זיי זיך אַרומגעריסען אייביג און אַלץ איז אויסגעגאַנגען צו מיין קאָפּ. ענד־ליך, ווען די קרעדיטאָרען האָבען איהם געוואָלט ערקלעהרען באַנקראָט און איהם איינזעצען אין תפיסה, האָט ער זיך ס'לעבען גענומען. איך בין דעמאָלט זעכצעהן יאָהר אַלט געווען און האָב מיר אַ נדר געטהון ביי זיין קבורה צו געהן אין דרך הישר, און אַלץ וואָס איך וועל פאַר־דינען זאָל איך אַוועקגעבען צו זיינע בעלי־חובות און איהם ריינוואַשען פון שולדען.

דרעה איך זיך אַרום אין באַזאַר מיט דריי עגיפּטישע פונטען אין טאַש. עסען האָב איך גאָרניט געוואָלט און אויך ניט געהאַט פאַר וואָס צו קויפען, ווייל די דריי פונט זיינען געווען פאַרבונדען אין אַ קניפּעל און באַשטימט בלויז פאַר האַנדעל.

איך דרעה מיך אַרום ביז איך ווער שטאַרק מיעד און הונגעריג. זעץ איך זיך אַוועק אויף אַ שטיין און קלאָג אויף מיין גורל.

געהט פאַרביי אַן'אָפּגעריסענער יונגער אַראַבער און פרעגט:

—וואָס וויינסטו?

ענטפער איך איהם ניט. טרעט ער אָבער ניט אָפּ פון מיר, זעצט

זיך אוועק אויפ׳ן זעלבען שטיין און ווארט. ווען איך האָב זיך שוין געהאַט גוט אויסגעוויינט און זיך געפיהלט גרינגער, פרעגט ער מיך נאָכאַמאָל:

—וואָס האָסטו געוויינט?

דערצעהל איך איהם, אַז נעכטען האָב איך באַגראָבען מיין טאַטען און בין זעהר מיעד און הונגעריג. איך פאַרטרוי איהם, אַז איך האָב דריי פונט, אָבער איך וועל בעסער שטאַרבען איידער אָנריהרען זיי צו באַפרידיגען מיין מאָגען.

לאַכט ער פון מיר:

—ביזטו טאַקי אַ נאַר! דו האָסט דריי פונט און וויינסט גאָר! איך שווער ביי אַללאַה אַז דו ביזט אַנ׳אייזעל. הער אויס: איך קען אַנ׳אַלטען אַראַבער, וועלכער האַלט שוין ביים שטאַרבען. האָט ער מיך געשיקט אַהער צו געפינען אַ קונה פאַר אַ בודדאַ פון בראָנז. ער זאָגט, אַז דער בראָנז איז זעהר אַלט און ווערטהפול. ער האָט איהם גע׳ירש׳ענט פון זיין זיידען, און זיין זיידע פון זיין עלטער־זיידען, אָבער ער וועט נעהמען פאַר איהם נאָר דריי פונט; ווייל ער זאָגט, אַז ס׳וועט פונקט גענוג זיין פאַר איהם צו ענדיגען די עטליכע וואָכען, וואָס ער דאַרף נאָך לעבען. ער זאָגט, אַז אַ מענש פון זיין משפחה טאָר ניט איבערלאָזען קיין געלט נאָך זיין טויט. אַזאַ טראַדיציע איז ביי זיי. ער וואוינט אין אַ הייל אין מדבר. קום און איך וועל דיך פיהרען צו איהם. ס׳איז ניט מעהר ווי עטליכע און דרייסיג מייל פון דאַנען. אויב דו וועסט גוט פאַרדינען זאָלסטו אין מיר ניט פאַרגעסען. האָב ניט קיין מורא. איך שווער ביי אַללאַה, אַז אַלץ וואָס איך זאָג דיר איז אמת.

האָב איך מסכים געווען צו געהן מיט איהם. איך האָב זיך גע־טראַכט: וועט מען מיך הרג׳נען וועט עס זיין אַ קרבן פאַר מיין טאַטענס זינד.

אויפ׳ן וועג האָט ער פאַר אונז ביידען געקויפט אַ ברויט און אַ פלאַש מילך, פאַר די עטליכע פיאַסטערס, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך.

אויפ׳ן וועג זיינען מיר באַפריינדעט געוואָרען. ער האָט מיר דערצעהלט וואונדערשעהנע לעגענדעס, וואָס האָבען פאַרקירצט דעם וועג; און ווען מיינע פיס האָבען זיך געבריהט פון געהן אויף די

הייסע זאַמדען, האָט ער זיי אָנגעריבען מיט מילך און דערפרישט.

אזוי אַרום האַלבע נאַכט זיינען מיר געקומען צום אַלטען אָראַ־בער. מיר האָבען איהם געטראָפען אין מיטען דאַוונען מיט זיין פנים אין זאַמד. דער אַלטער האָט מיך גוט באַטראַכט, געמאַכט פאַר אונז אַביסעל וואַרעמע קאַשע און געוויזען אַנ'אָרט זיך צו צושפּאַרען ביז אין דערפריה. ניט געוואָלט שלאָפען, אָבער דאָך איינגעשלאָפען פון מידקייט. ווען איך בין אויפגעשטאַנען אַרום אַכט אין דער פריה, איז דער אַלטער געזעסען איבער מיר. האָב איך זיך דערשראָקען.

זאָגט ער צו מיר:

—שרעק דיך ניט, מיין קינד. איך האָב דיך באַטראַכט, כדי מיט־צונעהמען מיט מיר אויף יענער וועלט די צורה פון בודדאַ'ס יורש. יעדער מענש, אפילו אַ קינד, ווי באַלד ס'באַקומט הכרה, טראָגט אַ מאַסקע בייטאָג, און נאָר ווען ער שלאָפט, איז ער ווירקליך „ער". און דו האָסט געפונען חן אין מיינע אויגען.

ער האָט אַוועקגערוקט אַ שטיין און האָט פון דאָרט אויסגעגראָבען דעם בודדאַ, האָט מיר איהם געגעבען און געזאָגט:

—זאָלסט וויסען, מיין קינד, אז ער איז זעהר ווערטהפול. זיין מעטאַל איז פון גרויס ווערט, אָבער איך דאַרף ניט מעהר ווי דריי פונט. דאָס וועט מיר פּונקט גענוג זיין ביז'ן טאָג פון מיין טויט. זאָלסט אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסען אין דיין יונגען פריינד אַכמעד, וואָס האָט דיך אהער געבראַכט. ווען אַללאַה וועט דיר העלפען און דו וועסט רייך ווערען, זאָל אַכמעד זיין מיט דיר. ער וועט דיך אייביג טריי דיענען. און דו זאָלסט זיין צו איהם אַ טרייער האַר.

האָב איך איהם געגעבען מיינע דריי פונט, גענומען דעם בודדאַ אין אַ זאַק און מיט מיין פריינד אַכמעד זיך געלאָזט צוריק ווי אויף פליגלען אין שטאָדט אַריין.

און אין עטליכע טעג אַרום—דו הערסט, מיין ברודער משה?—האָב איך איהם פאַרקויפט פאַר פינף הונדערט פונט צו אַנ'אַמע־ריקאַנער. ער איז געוועזען פון סאַליד רייז גאָלד.

איך האָב גלייך אָפּגעגעבען צוויי הונדערט און פופציג פונט אַלס חוב צו אַנ'אַלמנה, וואָס דער טאַטע איז שולדיג געבליבען. 50 פונט האָב איך געגעבען אַכמעדען און מיט צוויי הונדערט פונט האָב איך אָנגעהויבען האַנדלען אין האָלץ.

אין זעקס יאָהר אַרום האָב איך שוין געהאַט אָנגעזאַמעלט עט־ליכע טויזענט פונט, געהאַט אַנ׳אַנטיק געשעפט און געהאַט אויס־געצאָהלט יעדע פרוטה פון מיין חוב, געקויפט אַ שעהן הויז און עס מעבלירט מיט שעהנע זאַכען און אַנטיקען. אַכמעד איז געווען מיין טרייער דיענער, מיין רעכטע האַנט און מיין לינקע.

פרעגט מיך איינמאָל אַכמעד:

—פאַרוואָס האָסטו ניט חתונה, מיין האַר? פאַרוואָס טהיילסטו ניט דיין גליק מיט אַ פרוי?

דערצעהל איך איהם, אַז אין מיין יוגענד, ווען איך האָב שטאַרק געליטען פון מיינע עלטערען, האָט געוואוינט נעבען מיין טאַטענס שענק אַ שעהן מיידעל. לילי איז געווען איהר נאָמען. זי איז שטענדיג גרייט געווען צו באַשיצען מיך פון מיין טאַטענס קלעפּ און פון מיין מאַמעס קללות. זי איז מיין איינציגע אין דער וועלט. מיינע אויגען זוכען קונסט זאַכען און מיינע פינגער טאַפּען פראָפּיט, אָבער מיין נשמה בענקט נאָך איהר שטענדיג. איך קען זי ניט געפינען.

האָט אַכמעד פון דעמאָלט אָן מעהר ניט גערוהט. חדשים לאַנג האָט ער אַרומגעוואַנדערט איבער גאַנץ עגיפּטען, געשפּיאָנירט, זיך נאָכגעפרעגט, ביז ער האָט זי אויסגעזוכט.

בין איך אַוועק צו איהר. איך קען דיר, ברודער, ניט איבערגעבען אין ווערטער די פרייד פון אונז ביידען, ווען מיר האָבען זיך באַ־געגענט.

איך האָב זי עטליכע מאָל גענומען אין טעאַטער און אין טאַנץ פּלעצער און צוזאַמען געמאַכט לאַנגע שפּאַצירען. אָבער מיין ליעבע צו איהר האָב איך ניט ענדעקט און האָב געהאַלטען בסוד מיין טאַטענס סוף.

איינמאָל האָב איך זי גענומען אויף אַ שפּאַציר און זי געפיהרט אויפ׳ן בית הקברות, זי צוגעפיהרט צו מיין טאַטענס קבר און איהר דאָרט דערצעהלט מיין גאַנץ לעבען. איך האָב פון איהר גאָרניט פאַרבאָרגען און איהר אפילו דערצעהלט אַלע מיינע חטאים. צום סוף האָב איך זיך אָנגערופען:

—זאָלסט וויסען, אַז איך האָב דיך שטענדיג געליעבט און ליעב דיך אויך איצט, מיט מיין גאַנצען האַרצען. איך בין גרייט פאַר דיר חתונה צו האָבען, נאַר איידער דו זאָגסט „יאָ“ אָדער „ניין“, זיי וויסען

אַז אין קבר אָהן אַ מצבה ליגט מיין טאַטע. געדענקסט אוודאי וואָס פאַר אַ שיכור און אויסגעלאַסענער מענש ער איז געווען. זאָלסט וויסען, אַז ער האָט זיך דאָס לעבען גענומען מיט זיין אייגענער האַנט. ווילסטו חתונה האָבען פאַר אַ זון פון אַזאַ זינדיגען מענשען ?

ענטפערט זי :

—יאָ. מיין ליעבע צו דיר איז גרעסער פון דיין טאַטענס זינד.

און מיר האָבען ביידע געקניט אויפ'ן קבר, זיך געקושט און געוויינט.

קיין מצבה האָט נאָך קיינמאָל אַזוי ניט געוויינט.

אין אַ ווינטער נאַכט.

לאנג לעבען זאָל אַ היימישער קוילען־פייער ! ווער האָט שוין ניט געוואָגט אונפאַרשעהמט צו פילאָזאָפירען, צו „פּאָליטיקירען“ און אפילו צו קריטיקירען דאָס גרעסטע און דאָס בעסטע אונטער דער השפעה פון רויטען קוילען־פלאַקער ?

אַ מענש האָט ליעב צו הערען אַ פרעהליכען וויץ אין אַ קאַלטען, פאַרשלאָפענעם אין דערפריה. נאָר ס'איז קיינמאָל ניטאָ דעמאָלט דער לעבעדיגער מענש, וואָס זאָל זיך קענען וויצלען.

אָבער אין די לאַנגע, קאַלטע אָווענטען ביים פייער, האָט אַ מענש ליעב אַ גלעזעלע וואַרעמס אויפגעקאָכט אין אַ טעפּעלע פון זיסע, מעלאַנכאָלישע זכרונות.

ער האָט ליעב צוצוקוקען ווי פון שוואַרצען קוילען סוד ווערט אַ זון־אונטערגאַנג, מיט אַ גרויען, אַשיגען סוף. קען דען אַ מענש זיצען ביי אַ מעהר רעאַלערען שפּיגעל ?

אַז דער אויבערשטער העלפט נאָך צו, מאַכט דעם שניי פאַלען אַרום הויז, און טריט סקריפּען אויף איהם, און אַ ווינט וואָיעט ווי אַ מישוגע'נער, געביסענער הונט,—דעמאָלט איז דער תענוג ביים פייער אין לשער ואין באַשרייבלאַך. דער מענש, בפרט אַ איד, וועט דעמאָלט אוועקשיינקען אַלע שמחות פאַר אַ טרויעריג ניגונ'דעל, פאַר איין אַלט פרענקיש באָבע מעשה'לע. און וואָס מעהר דאָס מעשה'לע איז אונגלויבליך, אַלץ מעהר גלויבט ער אין דעם. וואָס מעהר פרעמד—אַלץ נעהענטער.

איצט, אָפּגעפּטר'ט זיך מיט דער לאַנגער הקדמה, איז שוין העכסט צייט צו גרייטען דעם טיש פאַר'ן עיקר המעשה.

ס'זיינען געזעסען ביי אַ קוילען־פייער, אין אַ העכסט אידעאַלער ווינטער נאַכט עטליכע שרייבער און געשמועסט פון טויטע און לעבעדיגע אידישע שרייבער. אָפּגעלאַכט פון די וואָס זיי האָבען ליעב, און געלויבט די פון וועלכע זיי האָבען אָפּגעלאַכט, און אין איינוועגס דורכגעזיפּט דורך דער גרויס געלעכערטער זיפּ פון לייכטזיניגקייט די ליטעראַטורען און ליטעראַטען פון דער וועלט.

דער געשפּרעך איז אָבער נאָך אַלץ געווען צו לאַגיש און צו ניכטער, ווייל ער איז ניט געווען אין אָפּקלאַנג מיט'ן רויטען פייער, ווייסען שניי, שוואַרצער נאַכט און קאָלירלאָזע, הוילע, ווילדע ווינטען.

זיי האָבען געבענקט און געלעכצט נאָך עפּעס אַ וואונדער מעשה, אַ נס, אַ מופת אלהים. דער ווינט זאָל אויפרייסען די טיהר, אַריינשליידערען אַ פאַרשנייטען מענשען, וואָס זאָל קוים קענען דער־צעהלען פון גרויס פרייד, אַז ער האָט נאָר וואָס געזעהן משיח'ן אויף אַ ווייס אייזעל פון שניי געמאַכט, און אַזוי ווי דאָס אייזעל האָט אויפגעהויבען אַ פוס, האָט זיך דער פוס אָפּגעריסען און איז גע־פלויגען אין הימעל אַריין, רויט ווי פלאַם פייער. אַט אַזוי זיינען אַלע פיער פיס געפלויגען אין הימעל אַריין איינער נאָך דער אַנדערער. דער קאָפּ פונ'ם אייזעל האָט נאָכגעטאַנצט די פיס, און ווען דער עק האָט דאָס דערזעהן, האָט ער זיך מיישב געווען און איז אויך אַוועקגע־פלויגען.

ווען משיח איז געבליבען אָהן דעם שניי־אייזעל, האָט ער געכאַפּט אַ רייטוואָגען, וואָס פליהענדיג באַריהרט ער ניט ערד, ניט שניי, ניט ווינט, ניט רעגען. בלויז די פרייד פון יעדען מענשען ריהרט ער אָן.

און דער מענש, דער אָנגעריהרטער פון משיח'ן, קען שוין קיינמאָל ניט אויפהערען צו פרעהען זיך.

אויף אַזאַ נס האָבען זיי געוואַרט ביז שפּעט ביינאַכט.

און אַזוי וואַרטענדיג האָט דער „ביזנעסמאַן" פאַר זיי פאַר־געלייענט דאָס שרעקליכע צעהנטע קאַפּיטעל פון „אַרויס פון כאַאָס"

—אפשר א פּראָזאאישער, אָבער דערפאַר א זיכערער וועג צו דער גרויסער משיח פרייד.

און זיי האָבען זיך מתווכח געווען צי ס'איז געננוג ליטעראַריש אָדער ניט...

סאַניטאַה.

אָפּגעהאנדעלט אכצעהן יאָהר, באַדינט די ווייסע מענשען פון דער וועלט. יעדער איינער און יעדע איינע פון ווייסוואַרג האָט מיר איבערגעלאָזט אַ פּאָדעם, אַ שטיקעל זיידענס, אַ קנעפּעל, אַ שמאַטקע פון זיין „איך", ווי אויך אביסעל קופּער, זילבער אָדער גאָלד פון זיין רייכטום אלס לעצט-געלט. און מיינע אַלערליי פּאַרמעגאַכטסען האָבען זיך צעבליהט און צעוואַקסען, אָהן עין־הרע, און האָבען געשאַרפט די אַפּעטיטען גאָר אַפּעטיטלאַך.

געמיינט אַז ס'וועט שוין אייביג אַזוי זיין, ווי ס'איז געווען, און ס'קען שוין ניט זיין בעסער און ניט זיין ערגער—בלויז גוט!

קומט פלוצלינג אריין עפּשטיין'ס מאָדעל די אינדישע פּרינצעסין סאַניטאַה. זי וואַרפט צוערשט אַ טונקעלען שאָטען אויף מיינע אכצעהן יאָהר ליכט; שלינגט זיי איין אין שוואַרצען טיעפען תהום פון איהרע גרויסע, ברייט אָפענע אויגען, און מיינע ליכטיגע זכרונות פון אַלע שעהנסטע מענער און פרויען טרינקען און ווערען דערטרונקען, און ס'בלייבט ניט מעהר ווי זי, זי—סאַניטאַה!

סאַניטאַה איז אָבער די רייכסטע פון אַלע פּרינצעסינס.

ווען גאָט האָט געקנאָטען און געגאָסען סאַניטאַה'ן, האָט ער גענוצט עפּעס אַ מין ספּעציעלען גאָלדענעם בראָנז, וואָס קיהלט קיינמאָל ניט, בלייבט אייביג שלאַנגיש־ווייך און עלאַסטיש, פייערקאָכעדיג און שטאָהל־האַרט אין דער זעלבער צייט.

בדבור אחד, מיט אַ כּישוף וואָרט איז זי צום לעבען גערופען געוואָרען, אַ יובעליר־דיכטער זאָל פאַר איהר אוועקשטאַרבען שטילערהייד, קיינער זאָל ניט וויסען פאַר וואָס און פאַר ווען.

און אַז זי האָט זיך אַ טונק געגעבען אין מיינע יובעלען, האָבען זיי זיך אַלע צו איהר צוגעקלעפּט, און זי איז אַרויס באַשמירט ווי אַ קוימענקעהרער, מיט די פונקען פון גן־עדן.

און מיט מיר האָט עס גאַנץ שלעכט געהאַלטען. מיין נשמה האָט פאַר׳חלש׳ט, צוזעהענדיג דאָס אַלץ.

שעפּטשע איך צו איהר, זי זאָל האָבען אביסעל רחמנות אויף מיר.

—סאַניטאַה, דו ביזט געבוירען געוואָרען פאַר יובעלען.

—יאָ,—זאָגט זי, אראָפּלאָזענדיג צוויי פּרוכת׳ן איבער איהרע אויגען, כדי איך זאָל ניט זעהן ווי איך טרינק זיך דאָרט טיעף— יאָ, געבוירען פאַר יובעלען, פאַר צער און פאַר טרעהרען.

זאָג איך:

—דו, טרעהרען? ניין, סאַניטאַה, ניין, טרעהרען פּאַסען פאַר ווייסע דאַמען מיט דימאַנטענע סאָליטיר אוירינגען—פאַר די טעכטער פון מיין גלות־פאָלק, אָבער פאַר דיר! ניין! טרעהרען זיינען ניט גענוג שעהן פאַר דיר, סאַניטאַה!

און סאַניטאַה איז אַוועק און מיר איבערגעלאָזט אַלס זכרון אַ פאַרביטערט הארץ.

קומט צו מיר אריין אַ אידישער שרייבער, מיין פריינד אשר ביילין, און פרעגט:

—וואָס איז מיט דיר היינט? וואָס ביזטו אזוי צעטראָגען? עפּעס פאַרלאָרען?

זאָג איך איהם:

—יאָ, פאַרלאָרען. אַלץ האָבען מיר פאַרלאָרען.

—וואָס מיינסטו דערמיט? האָט חלילה עפּעס געטראָפען?— פרעגט ער שוין דערשראָקען.

דערצעהל איך איהם וועגען סאַניטאַה׳ן און זאָג איהם:

—דאָס ערשטע מאָל האָב איך היינט דורכגעלעבט דעם חורבן בית המקדש. מיר קינדער פונ׳ם הייליגען שטאַם האָבען אויך אמאָל געהאַט גאַנצע אָריענטאַלע טיפּען, אין סאַניטאַה, אין וועלכע שלמה המלך אַליין האָט זיך אַזש פאַרליעבט. היינט האָבען מיר נישט מעהר קיין שעהן אידישע מיידעל. ניין נישט מעהר, מיר האָבען אַ קאָלעקציע פון צוזאַמענגעקליבענע אברים, חושים, גייסטער פונ׳ם גאַנצען ערד־קוגעל, אָבער מיר האָבען ניט קיין סאַניטאַה׳ס. לאַנד, לשון, צורה—אַלץ האָבען מיר פאַרלאָרען. וועה איז צו אונז.

איך שעהם זיך אייך צו דערצעהלען, אַז ווען אשר ביילין איז אוועק, האָב איך זיך אוועקגעזעצט אין אַ באַהאַלטען ווינקעל פון מיין קראָם, פאַררוקט אַ פאָרהאַנגעל, אַז קונים זאָלען ניט זעהן און געוויינט אויפ'ן חורבן פונ'ם אמת'ן בית המקדש.

צוויי ברידער.

כ'האב אמאל געהאַט צוויי אידישע קונים, צוויי ברידער, וואָס האָבען איינגעוואַנדערט פון דייטשלאַנד אין זייער יוגענד און אויפ־געבויעט אַ גרויסען אימפּאָרט געשעפט אין סאַמע הארץ פון דער לאָנדאָנער סיטי.

ווען זיי זיינען דאָס ערשטע מאָל געקומען אין מיין קראָם, זיינען זיי ביידע שוין זעהר רייף געווען אין יאָהרען און אין עשירות, און קאָלעקטירען איז שוין זייט לאַנג געווען זייער הויך ענטוויקעלטע ליידענשאַפט.

דער עלטערער איז געווען אַ בחור כל ימיו. ער איז געווען מיט איין יאָהר עלטער פון זיין פאַרהייראַטען ברודער. ביידע האָבען געהאַט ציגענע בערדלאַך און אויסגעזעהן פון איין טאַטע־מאַמע.

אַזוי עהנליך און אַזוי נאָהענט און דאָך איז צווישען זיי געווען אַ ריזיגע דיסטאַנץ אין כאַראַקטער, אַזוי ריזיג, אַז ס'איז גענוג פּלאַץ געווען צו פאַרפּלאַנצען אַ נייע ראַסע.

דער עלטערער, דער בחור, אַ מאַן פון פינף און זיבעציג יאָהר האָט זיך עוסק געווען מיט התמדה אין הלכות אַנטיקען לשם וויסענ־שאַפט; כדי צו באַרייכערען דעם בריטישען מוזעאום—זיין צווייטע היים.

דער אינגערער, פאַרהייראַטער, לייכטזיניגער שנעק פון פיער און זיבעציג יאָהר, האָט קאָלעקטירט פּרעהליכע, פּיקאַנטע זאַכען, וואָס האָבען איהם אַמוזירט און געקיצעלט זיין אינגערען יאָהר.

ווען זיי האָבען זיך ביידע אוועקגעזעצט ביי מיין ציילטיש און פאַררויכערט האַוואַנאַ סיגאַרען פונ'ם זעלבען מין און פּרייז, האָט דער רויך פונ'ם עלטערען אויסגעזעהן ווי דער עמוד הענן און דער רויך פונ'ם אינגערען ווי דער עמוד האש. און מיין ביוסט האָט אַרויס־געקוקט פון איבער'ן ציילטיש—מיין טראַנשעע—און געקעמפט געגען די אַטאַקען פון ביידע.

דער עלטערער איז געווען זעהר קורצזיכטיג און קוים דערזעהן די נפקא מינה צווישען א גזילה און א מציאה. דער אינגערער ווידער האָט געהאַט אַ שאַרפען חוש פאַר זאַכען פון גוטען ווערט. ווען איך האָב איהם אונטערגעוואָרפען אַ מציאה׳לע, האָט ער זיך ממש באַלעקט און די נאָז איז איהם אַזש רויט געוואָרען פאַר שמחה.

וויפיעל איך האָב צוגעלייגט צום אינגערען, האָב איך אַלץ מעהר פאַרדיענט אינ׳ם עלטערען און דער באַלאַנס פון פּראָפּיט איז גע־בליבען ביי מיר, ניט אין דער פירמע פון די סיטי ברידער.

דער עלטערער האָט שטענדיג געהאַלטען אין איין באַקלאָגען זיך פאַר מיר:

—מאַקס וויל קיין זאַך ניט לערנען, נאָר לעבען אַ גוטען טאָג. וואָס טהוט מען מיט איהם, הערר גוד?

דער אינגערער פלעגט זיך באַקלאָגען:

—הענרי וויל ניט לעבען, נאָר שטודירען. ער וועט חלילה ניט אויסלעבען די יאָהרען, וואָס דער לייטזעליגער גאָט האָט פאַר איהם אין די ביכער פאַרשריבען.

כל ימיו איז דער עלטערער געווען געבלאָמבירט מיט אַ פיינער גריכישער קעמיאָ־רינג אויף זיין שניפּס, און יעדען מאָל אויפגעהויבען ס׳ציגענע בערדעל און זיך מיט מיר גערייצט, וואָס איך פאַרמאָג ניט אַזאַ פיינע קעמיאָ ווי ער טראָגט און וועל קיינמאָל אין מיין לעבען ניט פאַרמאָגען. ער האָט ניט געזעהן, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך בין געבליבען פאַרשעהמט.

קרוב צו אַכציג זיינען ביידע ברידער אַוועקגעשטאָרבען. דער אינגערער—מיט עטליכע וואָכען פאַר׳ן עלטערען. און זייערע ביידע קאָלעקציעס זיינען אכזריות׳דיג, ווי דער שטייגער איז, אויספאַר־קויפט געוואָרען אין אַ לאָנדאָנער לעסיטאַציע אין פאַרלויף פון עט־ליכע טעג.

קאָלעקטאָרען, משפחות, הענדלער און מעקלער זיינען געקומען ווי היישעריקען פון דער גאַנצער וועלט צום אויספאַרקויף.

איך האָב באַשלאָסען, אַז הענרי׳ס רייצענדע קעמיאָ־רינג מוז אַריינפאַלען אין מיינע הענט, ווען ס׳זאָל מיך אפילו קאָסטען אַ היי־מישער נדן צוזאַמען מיט מיין באַריהמטען, אַרטיסטישען פּליושען רעקעל!

האָט דעם אויספּאַרקויפער'ס האַמער זיך מרחם געווען אויף מיין ווייב און קינדער און ער האָט צוגעקלאַפּט צו מיינע פאַרגע־שלאָגענע דריי פונט.

און איך האָב ניט אַוועקגעחלש'ט.

וועוויאָרקעס.

א שבת אין דערפריה, א יאָהר פאַר דער מלחמה, קומט אַריין א מיטעליעהריגע פרוי (אויב ס'איז ערלויבט אַזוי אויף א פרוי צו זאָגען), מיט פרישע, רויטע באַקען ווי פוילישע פאַר־מלחמה'דיגע עפּעלאַך, און פרעגט דעם מחלל־שבת'ניק צי ער האָט עפּעס א קונסט אַרטיקעל אין דער פאָרם פון א וועוויאָרקע. ווייסט ער אָבער ניט וואָס א וועווירקאָע איז. ציינט ער איהר מייז, זשאַבעס, לייבען, בערען, עלעפאַנטען, חזירים, טכוירען, פיש. וויל זי אָבער גאָרניט קוקען. זי קאָלעקטירט בלויז וועוויאָרקעס און ניט אַנדערעס—אַזוי זאָגט זי.

—וואָס פאַר א מין חיה איז עס פאָרט?

—ס'איז א... וועוויאָרקע. ס'זעהט אויס ווי א האָז, נאָר ס'האָט אַן'עק ווי שטרוים פעדער.

—איז עס טאַקי אַזאַ באַשעפעניש אָדער פון רעטעניש'ן מין?

—פרעגט ער נאַאיוו.

זאָגט זי שמייכלענדיג:

—וויצען אין א זייט. איך בין א גוטער קונה פאַר די זאַכען.

ער האָט איהר ניט געקענט דערצעהלען על רגל אחת, אַז ער איז נתחנך געוואָרען אויף תנ"ך און גמרא אין זיין יוגענד, און זייט דער־מאָלט לעבט ער פון איידעל־און־גראָב־שטיינער און פון וואַנען זאָל ער דען וויסען, וואָס ס'טהוט זיך אין אַלע צווייגען פון חכמת הזאָאָלאָגיע?

האָט ער גענומען איהר אַדרעס און צוגעזאָגט נאָכצופאָרשען דעם ענין און איהר מודיע זיין בקרוב.

יענעם מוצאי שבת איז איהם ס'ערשטע מאָל צונוץ געקומען די 150־יעהריגע „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ". געזעסען שפּעט און שטודירט וועוויאָרקעס אַזוי לאַנג ביז אין שלאָף זיינען זיי איהם

געקומען צו חלום. זונטאָג אין ער געווען דער ערשטער אין זאָאָלאָ־גישען גאָרטען צו שליסען מיט זיי באַקאַנטשאַפט פנים אל פנים. מאָנטאָג האָט ער ניט מער געדאַרפט ווי מוסיף זיין צוויי אותיות אונטער זיין נאָמען „וו.ע.“ (וועוויאָרקעס עקספּערט).

און וואו ער האָט זיך נאָר אַ קעהר געטהון האָט ער געפונען אין זיין קראָם גאַנצע נעסטען פון זיי, גראַווירט אין זייגערלאַך, מיניאַ־טורען און שאַכטלאַך, בולט'ע פיגורלאַך אין קעמיאָס, אויסגעשניטענע אין אינטאַגליאָס, און אין וואָס ניט?

אָרעמע פּעדלער, סוחרים, פּריוואַטע פּערזאָנען—ערשט וואָס געבראָכענע אָדער אויפגעקומענע—יעדער האָט איהם געבראַכט פון יענעם מאָנטאָג אָן וועוויאָרקעס, וועלכע וואָלטען גענוג געווען אָנ־צופילען נח'ס תיבה. אַ מבול פון וועוויאָרקעס.

צו זיין גרויס ערשטוינונג און פּראָפיט, האָט די דאַמע פון איהם אַלץ אָפּגעקויפט און נאָך מעהר געפאָדערט.

איינמאָל האָט זי דעם מחלל־שבת'ניק פאַרבעטען צו זיך אַהיים, איהם צו ווייזען איהר קאָלעקציע. און זי האָט איהם ניט מעהר געוויזען ווי אַ ביבליאָטעק, וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַנצע נגיד'ישע וואַנט פון אַ וויקטאָריאַ־הויז, און יעדער ספר איז געווען אַנ'אָפּהאַנד־לונג איבער דער זעלבער וויכטיגער, קנאַקעדיגער טעמאַ.

זי האָט אַדאָפּטירט ניט מעהר, ווי אַ הונדערט לעבעדיגע ווע־וויאָרקעס. יעדע חיה'לע האָט געהאַט אַ בוים פאַר זיך און אַ נאָמען פאַר זיך, און די אייגענשאַפטען פון יעדער באַזונדער זיינען געווען ביי דער דאַמע פאַרשריבען מיט אַלע קלענסטע פּרטים אין די גרעסטע ביכער.

ס'איז פּונקט געווען מאָלצייט שעה, און ניט ווייניגער פון צעהן משרתים אין פראַקען האָבען זיך ארומגעדרעהט און באַדיענט די וועוויאָרקעס, ווי זיי וואָלטען באַדיענט לאָרדען אין סעסיל האָטעל. ס'האָט נאָר געפעלט מוזיק.

דער דאַמעס הארץ האָט אָנגעקוועלט און איהרע אויגען אויף די דיוואַנען פון איהר רויט פנים האָבען אַרומגעטאַנצט, קוקענדיג אויף די חיה'לאַך.

זי האָט מעהר נחת געשעפּט פון זיי, ווי אַ מאַמע פון קינדער און זיי האָבען איהר ווייניגער בושה פאַרשאַפט. און זי איז אויך זיכערער געווען אין זייער פיל דורות'דיגען ריינעם אָבשטאַם.

אזא פיינער קונה!

מאַכט זיך אַ מעשה עפּעס מיט אַ סערבישען פּרינץ, וועלכען מ'האָט דער'הרג'עט און דאָס איבעריגע ווייסט איהר דאָך אַלע, ליידער, שוין צו גוט!

כאָטש די וועוויאָרקעס זיינען אַלע געווען עכט ענגלישע, האָט אָבער די דאַמע געהאַט אין זיך אין 1914 אביסעל רויט דייטשעס בלוט; האָט זי געדרונגען אַ שיף נאָך גרעסער פון נח'ס תיבה, מעבלירט די שיף מיט איהר קאָלעקציע—הונדערט וועוויאָרקעס און צעהן משרתים—צוזאַמען מיט איהר גרויס רייכטום, זיך אַריבערגעשיפט איבערן אַטלאַנטיק און זיך באַזעצט אויף דער אַנדערער זייט ים.

אָבער דער גרעסטער נס איז געווען, וואָס פונ'ם טאָג אָן, וואָס זי האָט פאַרלאָזט ענגלאַנד און איהר שיף האָט אַדורך געשניטען דעם ערשטען רינג פון האָריזאָנט האָט קיינער מעהר ניט אַריינגעבראַכט קיין וועוויאָרקעלאַך צו פאַרקויפען. אַלץ אין דער וועלט האָט מען געבראַכט, פון פּלאַטינום זייגערס ביז קאַטוילישע סידורים, פון אָפּיום ליולקעס ביז כתובות. אַלץ—אויסער וועוויאָרקעס.

קענט איהר, לאָגיקער, אויסטייטשען עס מיט שכל?

געטאָ פרילינג.

דער פרילינג האָט פאָלקאָם געזיעגט. פאַרפלייצט מיט זריעה־זאַפט דעם אונטערערדישען לאָנדאָן.

ביינעקומען די אונטערערדישע ציוויליזאַציע, פון „טיובען" און באַהנען, פון קאַנאַלען און רערען, געבויט פון אייזען און שטיין און דורכגעפלאָכטען מיט דראָטען פאַר עלעקטריק, גאַז, טעלעפאָן און וואַסער; דורכגעדרינגען אַלע יסודות פון קאָנקרעט בנינים. און וואו ס'איז נאָר געווען אַ בוים אין אַ גאַס, אַ גרעזעל אין אַ גאָרטען, האָט דער פרילינג שטראָם זיך צוגעריזט צו זייערע נשמות און זיי דער־קוויקט.

לאָנדאָן איז געוואָרען גרין באַפלעקט. בלומען האָבען געבליהט אין דער סיטי און זיך אַזש פאַרשעמט פאַר דער אויפגעהענדער זון. שטענגעלאַך נאָך שעהנער פון אוירינגלאַך האָבען אַרויסגעשפּראָצט פון דעם שטיינערנעם, שטאָלענעם לאָנדאָן, ווי אין ווענעציע אָדער תל־אביב.

און די אַלע זאַכען האָבען קיינעם ניט איבעראַשט. פּאַרלאַמענט האַלט אָפּ זיינע זיצונגען. די באַנק ראַטע איז זעקס פּראָצענט און ביזנעס איז ביזנעס.

מוירער, פּאַרבער, דעקאָראַטאָרס קלעטערען אויף הויכע לייטערס, שטעלען אויף פּלאַטפאָרמען, רעקאָנסטרירען און פרישען אויף הייזער, פּאַרלאַטען פּאַלאַצען,—פרילינג לעבען איז געקומען!

אין אַ זונטאָג פריהמאָרגען בין איך אַרומגעגאַנגען איבער ווייט־שעפּעל, געזוכט סימנים פון פרילינג צווישען מיינע ברידער און שוועס־טער.

אָבער איך האָב ניט געפונען.

די גאַסען זיינען געווען פול מיט אינטענסיווע טיפען. מעהר ווי ווען ס'איז געגענד אין לאָנדאָן. מ'מוז פּאַרדרעהען ס'קעפּעל אַזוי לינקס, ווי מ'שטייט פאַר אַ רעמבראַנד יצירה, באַגעגענדיג די כּאָנומענטאַלע געשטאַלטען,—ווי פינסטערע ווינטער נעכט, אין ווען זילבערנע שטראַלען דרינגען אריין דאָ און דאָרט. אָבער איך האָב אין געטאָ דעם פרילינג ניט געפונען.

שטעהענדיג אַזוי פּאַרטרויערט ביי אַ פּאַרוואונדעטען זייט־שניט פון דער געטאָ, זעה איך ווי אַ שמאָל געסעל ווערט אָנגעפילט מיט אַ הויכען, ברייטען פּאַרשוין. דער פּאַרשוין קומט נעהנטער, שפּרייזענ־דיג מיט ריזיגע טריט איבער מענשען, קינדער, איבער קראָמען און קרעמער, קומט נאָך נעהענטער און איך דערזעה אַז ס'איז אַ פרוי.

ווי אַ שטורעם־ווינט איז זי פּאַרביידגעגאַנגען פאַר מיינע אויגען, געלאָזט אונטער זיך דאָס שמאָלע געסעל ליידיג, און איז אריין אין'ם ברייט אָפענעם ווייטשעפּעל. זי האָט אריבערגעשפּרייזט די אייזערנע טראַמוויי ליניעס, די ברייט פון דער ברייטער גאַס, דעם געפערליכען רויש און פּאַרקער, אונגעשעדיגט—ווי איהרע אבות זיינען אריבער דעם ים־סוף.

איך האָב די גאַנצע צייט נאָכגעקוקט, זעהענדיג אין איהר דעם פרילינגס שטורם, די ענערגיע וואָס כ'האָב געזוכט אין מיין פּאָלק.

זי איז געווען געקליידעט אין אַ שמוציגער, ברוינע קלייד, אַ געל באַפּלעקטען קאַפּטען; אין שוואַרצע, צעריסענע און אויסגעדרעהטע פּאַנטאָפּעל, און לויזע, געלעכערטע רויטע זאָקען. אויף איהרע שוואַרצע האָר האָט זי געטראָגען אַ געשטריקטען, בלויען, בייוועלנעם הוט.

פון קאָפּ ביז פיס איז זי געווען באַשאָטען מיט פעדערען, ווי ערשט אַרויס פון היהנער פליקעריי אָדער פון אַ פּאָ גראַם.

אָבער געטרייסט האָב איך זיך, ווען איך האָב דערזעהן איהר ריזיגען נאָז, איהר גוואלדיגען שנאבעל.

אין איהר מעכטיגער אידישער נאָז האָב איך דערזעהן דעם זייל, וועלכען דער שאַפער פון הימעל, כווירער פון ערד און דעקאָראַטאָר פון פרילינג האָט אוועקגעשטעלט סאַמע אין מיט'ן פנים פון אַ פאָלק; אַ פאָלק וואָס איז אַלט, און צעפאַלט, און—ווערט אויפסניי איבער־געבויט.

דער גרינער זאַק פון קלאַסישען כאַאָס.

דער גענעראַל שטרייק אין 1926 האָט געהאַט דערגרייכט צום העכסטען פונקט. אָט־אָט האָט ער שוין געהאַלטען ביים פּלאַצען און ביזנעס וועלען ווערען ווייטער סטאַביליזירט, נאָרמאַל.

קריג איך אַ ידיעה, אַז אַנ'ענגלישער יובעליר אין סיטי האָט גאַנצע בערג גאָלדענע און זילבערנע האַלז, אויערען, אַרעמס, פיס און פינגער אָרנאַמענטען צו פאַרקויפען ביליג.

ניט אָפּגעלייגט אויף מאָרגען, נאָר גענומען אַ בלאַנקען טשעק אין טאַש און זיך געלאָזט אַהין, וואו די אַדרעס האָט מיך געפיהרט.

בין נאָר אריין, איז מיר גלייך גוט געוואָרען. כ'האָב אַזש פאַר־געסען אַז ס'עקזיסטירט אַ קלאַסען קאַמף.

אַזאַ ענטציקענדע אונאָרדנונג האָב איך זיך קיינמאָל ניט פאַר־געשטעלט. איך בין גראַד געוועהנט צו אונאָרדנונג. אין מיין געשעפט פעלט אויך ניט קיין פּאָעטישער כאַאָס און ביי מיין פאָלק אוודאי און אוודאי ניט. אָבער דאָ ביי איהם דערגרייכט עס צו עטוואָס קלאַסישעס, צו דער וויכטיגסטער זאַך פון לעבען, צום מיש־מאַש פון דער מענשליכער ליעבע זעלבסט.

קוים געעפענט די טיר האָט זי זיך אָנגעשטויסען אין אַ ציילטיש, אַ באַלאָדענער מיט דימאַנטענע, גאָלדענע און זילבערנע חפצים—מיט סאַמאָוואַרען, שאַרבענס, גראַגערס, אַלבומען, פראַגמענטען פון בראָנז און קופּער. אין לייבען־ציין האָבען זיך פאַרטשעפּעט פויגעל־פיסלאַך, ביינעלאַך, און וואָס ניט?

פון מיין טיר־קלאפ האט דער גאנצער ציילטיש א קרעכץ געטהון מיט א גאנצען ארקעסטער פון מעטאלענע קולות.

די ווענט ארום און ארום האבען פארמאגט גלייכע, אפענע פאלי־צעס ווי אין א שניט קראם, און אויף יעדער פאליצע זיינען געווען אנגעלייגט געמישטע ארטיקלען ווי אויפ׳ן ציילטיש.

די פאדלאגע איז געווען פארזייט מיט טייערע חפצים און ביליגען שמוץ. ניט געקענט שטעלען א פוס אהן צו צעברעכען אדער צער־קנייטשען עפעס אויף קרום אדער אויף גלייך. האסטו באקומען א שטאך, איז עס געווען א צאהן פון א גאפעל; האסטו געקריגען א ביס, איז עס געווען פון א צוקער־צוואנג.

און דער מיטעל־יעהריגער אייגענטימער גופא—מיט די האר פאר־קעמט קאקעטיש א לא ראבערט בערנס, קוועלט פון דעם אלעס, שעפט נחת, ווי די וועוויארקע דאמע, ווען איהרע חיה׳לאך זיינען זיך עוסק מיט ניסען־קנאקעריי.

דער מענש און זיין סביבה האבען מיר אזוי אימפאנירט, אז איך קען ליידער ניט מגזם זיין איבער איהם. ס׳איז מיר פרעהלאך אויף דער נשמה. מיינע הארץ־קלעפ האבען אויפגעוועקט אלע מיינע טויטע נערוועז תחית המתים, כדי אנטייל צו נעמען אין מיין שמחה.

רופט זיך אפ דער קלאסיקער צו מיר:

—אט האט איהר א זאק און קלייבט אייך אויס אלץ וואס איהר ווילט. וועגען די פרייזען וועלען מיר שפעטער רעדען. מיר וועלען צוליב דעם אין געריכט ניט דארפען געהען.

און אלט זילבער קנאקט אונטער מיינע פיס, ווי הערבסט בלעטער.

הויב איך אן ארומצוזוכען, און ווי כ׳געב זיך נאר א ריהר—פאלט עפעס. טהו איך א טאפ א שטיקעל גארגעל־צירונג, גליטשען זיך קו־קו זייגערס, פאלען היינג־לייכטער, טראסקען לעקעך־טעלער, קנאקען גלאז־שיסלען, ווי אויף א ספיריטואליסטישען סעאנס.

און דער קלאסיקער קוועלט פון דער מוזיק, ווינשט צו מזל צו יעדען בראך, גיט מיר מוטה, דאנקט מיר נאך און זאגט:

—מיין טאטע—זאגט ער איז געווען א קמצן און האט מיר איבערגעלאזט א גרויסע ירושה, און ווען איך זאל לעבען אפילו הונדערט יאהר, קען איך אליין ניט אלץ צוברעכען.

קלויב איך אוים וואָס ס'געפעלט מיר טיעף און וואָס ס'געפעלט מיין אויבערפלעכליכען קוק פון אויג. דער גרינער זאַק בלאָזט זיך אָן מיט ציהרונג ווי אַ שוויגער. ער ווערט פולער און פולער און וואַקסט אוים גרוים ווי אַ פעט, רייך, וואַרעם חדר אינגעל אין אַ פוטערנעם פעלצעל.

—וויפיעל ווילט איהר פאַר'ן זעקעל?—פרעג איך איהם.

—אכציג פונט איז עס ווערט?

—יאָ.

—אָלרייט, נעהמט עס אייך אַהיים.

שרייבענדיג פאַר איהם דעם טשעק, עפענט זיך אין דער וואַנט אַ געהיים טירעלע, גרוים ווי אַ גלאָז טיי, און אַ קליינע פרויען האַנט שטעקט דורך אַ בעכערל וויין. ער נעהמט ס'בעכערל און צו זיין גרוים פרייד איז ניטאָ קיין פריי שטיקעל פלאַץ וואו עס אַוועקצושטעלען. שטעלט ער עס אַוועק קרום און ס'גיסט זיך אוים פונ'ם בעכער אַנ'ערך פון אַ פינפטעל. קוקט ער צו ווי אַביסעל מעהר ווי אַ פינפטעל כליאַפעט, קוועלט קלאַסיש, ווי דער רויטער וויין זשורעט זיך איבער אַ בערגעל תכשיטים.

פאַר'שיכור'ט פון דער משונה'דיגער סביבה, כאַפּ איך דעם זאַק און געה אַרוים אין די פּראָזאַאישע, קלאַסען קעמפערישע גאַסען.

אָבער דאָ הויבט זיך אָן אַ צרה.

די אָמניבוסען און די טעקסי'ס שטרייקען. וואָס זשע טהוט מען מיט'ן זאַק? טראָגען איהם אויף די אַקסלען, ווי מיין זיידע פלעג טראָגען זעק מיט הערנער צו מאַכען וואָכעדיגע קעמעלאַך און הייליגע שופרות—פּאַסט עפעס ניט פאַר מיר. טראָגען איהם אונטער'ן אָרעם, איז אַביסעל צו קבצנ'יש פאַר איינעם, וואָס האָט אַמביציעס צו אַריין אין הויכע געזעלשאַפט און ניט נאָר אַז די הויכע געזעלשאַפט זאָל קומען צו איהם.

האָב איך באַשלאָסען צו שלעפּען דעם זאַק פאַר'ן האַלז איבער דער לאָנדאָנער סיטי, ווי מיין טאַטע פלעג שלעפען אַ גע'שחט'ענעם אינדיק. געה איך מיר אַזוי איבער דער סיטי אויף מיינע לעדערנע פיס.

די איינדרוקען פונ'ם קלאַסישען יובעליר מיט זיין קלאַסישען כאַאָס שלעפען אַרויף צום הימעל, וועהרענד דער שווערער זאַק און דער שווערער פּראָפיט שלעפען מיך צו דער ערד. טויש איך דעם זאַק

פון האַנט צו האַנט, רייב זיך אויפ'ן וועג אין קליינע מענשען, וועלכע פיהרען דאָפּעלטע־בוכהאַלטעריע, ווייסען יעדע זאַך וויפיעל ס'וועגט און ס'מעסט און וויפיעל זייער שכר איז אויףביידע וועלטען.

איך בין אָנגעקומען אין קראָם, ווי איינער וואָס הייגט אַ צעבלוטיגטער צווישען הימעל און ערד און האָט אפילו קיין צלם ניט אויף וועלכען זיינע פּלייצעס זאָלען זיך אָנשפּארען און רוהען.

איך האָב אין קראָם געטראָפען אַ באַקאַנטען, גוטמוטיגען מאַן. ער באַלאַנגט צום רעכטען פליגעל פון די קאָנסערוואַטיווע, אַ „דאַי־האַרד". קריגט ער, דער גוטמוטיגער מענש, רחמנות אויף מיין אָטעמלאָזיגקייט און מיעדקייט, און שעלט מיט ביטערע און זויערע קללות די אַרבייטער פיהרער, וואָס זיינען שולדיג אינ'ם שטרייק און אין מיין צופּוסגעהעניש.

—איך וואָלט זיי אויסגעשאָסען ווי הינט איינעם נאָכ'ן אַנ־דערען!—קאָכט ער זיך.

רוף איך זיך אָן:

—עט, איהר זאָגט נאָר אַזוי. איהר זייט גאָרניט אַזאַ גזלן.

—איך געב אייך מיין וואָרט, אַז איך וואָלט זיי דערשאָסען מיט מיינע אייגענע הענט.

—אָהן רחמנות?

—אָהן אַ ברעקעל רחמנות!

—פאַרגעסט ניט, מיין פריינד, אַז אַרבייטער פיהרער זיינען פאַרהייראַט ווי איהר און איך; האָבען פרויען און קינדער און ס'רוב פון זיי האָבען צווילינגס.

טרייסעלט ער אָפּ דעם אַש פון זיין סיגאַר קאָנסערוואַטיוור־בייזלאַך און ענטפערט ערענסט:

—פון מיינטוועגען זאָלען זיי האָבען דריילינגס. אינ'ם טאָג, וואָס איך האָב געעפענט אַ פאַבריק מיט בריטישע אַרבייטער, האָב איך געזאָגט „אַדיע" צו אַלע מיינע סענטימענטאַליטעטען.

עפען איך דעם גרינעם זאַק פון קלאַסישען כאַאָס פאַר איהם, וויז איהם שמחת־תורה'דיגע און פאַר'יתום'דיגע ציהרונג, מיט פאַר'חלום'טע אויסקריצונגען און דאַטומס, וואָס דערצעהלען אַלץ, וואָס ס'איז געבליבען פון ליעבע, לעבען און טויט. פאַלט אין זיין

האַנט אריין אַן'אַלטער מעדאַליאָן פון מאַלאַכיט, עפענט ער דעם מעדאַליאָן. זעהט אונטער אַ גלעזעל פון איין זייט אַ בילד פון אַ פאָטער מיט אַ קינד און אונטער אַ גלעזעל פון דער צווייטער זייט—האָר־לאָקען, אַ גרויער און אַ גאָלדענער צוזאַמענגעפלאָכטען, און אויף דער גאָלדענער ראַם איז אויסגעקריצט:

—איך לעב נאָר, כדי צו וויינען פאַר אייך, אָ, מיינע!

איז מיין פריינד'ס אכזריות צעשמאָלצען אין צוויי פליסיגע, קריסטאָלענע טראָפּענס, און דער גרינער זאַק האָט זיי איינגעזאַפּט.

די מעשה מיט'ן ציילטיש.

איך האב געהאַט אַ קליינעם, שמאָלען ציילטיש, וואָס האָט מיר גוט געדינט אפשר אַ יאָהר צוועלף. אויבען, אונטער אַ גלאָז זיינען געוועזן אָנגעלייגט מיינע גלאַנצענדיגע סחורות, מיין חיונה. אונטען, אין שופלאָד, איז געלעגען אידישע ליטעראַטור, מייסטענס מיינע אייגענע ביכער, געשריבען מיט אייגענעם טינט, און געדרוקט פאַר אייגענע געלט.

דער ציילטיש—ווען ער וואָלט נאָר געקאָנט רעדען!

עפּעס אַ מזל וואָס ער קען ניט. ער וואָלט דערצעהלט אַ היבש ביסעל חטאים מיינע, וואָלט מיר פאַרשוואַרצט דעם פּנים און וואָלט געשעדיגט די גוטע שדוכים־אויסזיכטען פאַר מיינע קינדער.

ער וואָלט דערצעהלט, אַז זיינע אויערען, וואָס ווייסען די קאָסט פּרייזען, האָבען געהערט אַ היבש ביסעל ליגענס, וועלכע איך האָב געזאָגט, קוקענדיג מענשען גלייך אין די אויגען.

ער וואָלט דערצעהלט, אַז אויף זיין רוקען האָב איך לידער געשריבען, דורכגעזיפּט דעם אלף־בית און דעם ווערטער־בוך צו געפינען אַ גראַם.

ער וואָלט דערצעהלט, אַז איך האָב אַמאָל מיינע אַ גוטע פריינדין, מאַדאַם בעיטמאַן, פאַרקויפט אַ עמעראַלד־רינג פאַר ניין פונט, וואָס איז ניט ווערט געוועזן מעהר ווי פינף, זיינען די פיער איבעריגע פונט געלעגען אויף מיין געוויסען, און נאָר ווען גאָט איז מיר געקומען צו הילף און זי האָט דעם רינג פאַרלאָרען, איז מיר גרינגער געוואָרען אויף דער נשמה.

ער וואָלט אויך דערצעהלט, אַז ווען גאָט האָט מיך גערופען און געריסען, אַז איך זאָל געהן דינען איהם און נאָר איהם, האָב איך זיך אָנגעהאַלטען אין אַ פענסטערל פון שער־רחמים, אַזוי שטאַרק, ביז די „זאַוויעסעם" פון ציילטיש האָבען זיך צעבראָכען, אָפּגעריסען די קעפּעלאַך פון די שרויפען און איך בין פּאַטאַליש געפאַלען און זיך ניט אויפגעהויבען צו געהן דינען איהם.

און ער וואָלט אויך געהאַט צעהן טויזענט מעשיות צו דער־צעהלען פון פוסטע טעג און שטויביגע שעה'ן און ווערטלאָזע משא ומתן'ס וואָס ער האָט דורכ'ן אָפּגעריבענעם גלאָז געזעהן; און אויך נסים ונפלאות פון די הונדערטער פאָרלאַך, וועלכע זיינע רינגען האָ־בען פאַר'קנס'ט; וועגען די הערצער, וואָס זיינע קעמיאָס האָבען דערפרעהט; די העלזער, וואָס זיינע צירונגען האָבען געמאַכט זינגען אָהן טענער, אָהן ווערטער; די פינגער, וואָס זיינע רינגען האָבען אויפגעוועקט צו שפּילען אָהן אינסטרומענטען; וועגען די זייגערלאַך, וואָס האָבען מיר און זייערע טרעגער פאַרשאַפט צרות; וועגען מיינע ביכער, וואָס איך האָב געגעבען במתנה, געווידמעט שעמעוודיג.

אַלץ ווייסט ער דאָך. און ער קען דאָך גוט מאַדאַם ניוו היל, און ווייסט, אַז צו קענען זי איז דאָך אַזוי גוט, ווי צו פאַרמאָגען אַ רעליגיע; און מאַדאַם לוסיוס גאַבינס איז דאָך אַנ'אונאויסשעפּסבאַר גליק זי צו באַגעגענען.

וועלדער זיינען דאָך מקנא דעם ציילטיש. זיי שטרעקען אויס זייערע אָרעמס, בעטען זיך, געקליידעט און נאַקעט, אַז מ'זאָל פון זיי אַזעלכע געבענשטע ציילטישען אויסהאַקען.

ער קען זיכער אַ העלפט פון די בעסטע און ערגסטע אידישע שרייבער, און אונציילבאַרע שעהנע נשמות פון גרוים בריטאַניע; די אַלע, וואָס זיינען אַריינגעקומען מיט צער און אַרוים מיט פרייד; אַריין צעבראָכען און אַרויס גאַנץ.

איך בין זיכער, אַז ער געדיינקט די נאַכט ווען צוזאַמען מיט פּרץ הירשביין, האָב איך אויף איהם אַ גרוים ליעד אין בורשטינען פּאַטשערקעס אָנגעשריבען; און די נאַכט ווען איך האָב איהם גע־וויקט אין טרעהרען, ווען יעקב'כע, מיין ברודער, איז נפטר געוואָרען.

ער האָט מעהר ווי איינמאָל געהערט מלחמה באָמבעס פאַלען, און געדיינקט, ווי איך האָב איהם איינמאָל אין אַנ'אָווענט איבער־געלאָזען און בין געלאָפען געגענאיבער אין דער אונטערערדישער באַהן

צו רעטען זיך אליין. און ווען איך בין צוריקגעקומען צוועלף ביי־נאכט, איז אריינגעקומען דער קאלעקטאר מר. אנדריו, א וועלשמאן, און האט געקויפט א פיגור פון עלעפאנט־ביין פאר צעהן פונט, און אויף איהם, אויף דעם באליידיגטען ציילטיש, האב איך נאך געהאט די חוצפה צו ציילען דעם פדיון און דערנאך אריינלייגען דאס געלט אין מיין טאש.

צוזאמען מיט מיר האט ער דאך געפרוירען, צוזאמען מיט מיר זיך געבריהט, אין היץ און אין קעלט; געוואוסט אפילו מיינע לעב־ליבע סודות.

מאכט זיך, אז דאס געשעפט, וואס ער האט מיר געהאלפען צו פארגרעסערען און צו פארשעהנערען, נויטיגט זיך אין א גרעסערען ציילטיש, מיט מעהר אבטיילונגען און שופלאדען, און מיט א שעה־נערען פרצוף. פאהר איך קיין פולהאם, אין זיד־וועסט לאנדאן, שפאן אריין אין די געווערקשטאטען געבויעט לכבוד לארד ראבערטס אנ־דענקען, וואו מיין אלטער פריינד מר. טשעסטער איז דער הויפט פאר־וואלטער, און באשטעל דארט א שפאגעל נייעם ציילטיש מיט זעכצעהן שופלאדען. איין שופלאד פאר אלטע, ליידיגע שאכטלאך, וואס מאגבע וואלטען געקענט באשיינען א האלז אסך מעהר ווי די היינטיגע, מאדערנע ציהרונגען. איין שופלאד פאר אלטע צעבראכענע זייגערס און קלובעס—א זכר צו מיין אמאליגער דלות'דיגער זייגערמאכעריי. איין שופלאד פאר מיין אייגענער ליטעראטור און איינעם פאר קרי־טיק פון אנדערע. איינעם פאר קארנעליען קארעלען, ווי רויטע פרישע אייערלאך. צוויי שופלאדען פאר אלטען זילבער פון מענשען־פרעסער, פון ציגיינער, פון תימנ'ער אידענעס און הונט־קאלנערס פון וויק־טאריא'ס צייטען. צוויי פאר לויזע שטיינער—אויסגעמישט ווי א קאשע. איינער פאר גריכישע געטער און געטריכעס, אויסגעשניצט אין קעמיאס (פאר סקאנדינאווישע און עגיפטישע געטער האב איך געהאט באזונדערע אפארטאמענטען). די איבעריגע שופלאדען האב איך באשטימט פאר אלערליי מטלטלים, וואס ווארטען אונגעדולדיג אויפ'ן רוף ווידער אריין אין דער מאדע.

און אין דער הויך, אונטער'ן גלאז, זיינען טעצלאך, אפגעטיילט איינער פונ'ם אנדערען מיט א מחיצה'לע, ווי א בינען־שטאק. יעדער חפץ האט זיך א באזונדער נעסט, כדי איך זאל וויסען, ווען א גנב גנבה'ט עפעס, אפילו ווען ער זאגט מיר ניט אויס, אז ער האט גע'גנבה'ט, און איהם קענען סטראשען מיט קאזע!

איך האָב באַשטעלט דעם ציילטיש און מיין פריינד האָט מיך אַרומגעפיהרט אויסצוקוקען די ווערקשטאַטען, כדי צו זעהן ווי פיער הונדערט עקס-סאָלדאַטען בעלי-מומים, ווער אָהן אַ האַנט און ווער אָהן אַ פוס, זיינען מסוגל מיט דער הילף פון קינסטליכע אברים און מאָדערנע מאַשינען צו פּראָדוצירען גוטע, סאָלידע און עהרליכע אַר־בייט, און ניט פאַלען צו לאַסט אויפ'ן שטאַט אָדער צו ווערען קרבנות פון פילאַנטראָפּישע שאַרלאַטאַנען.

איך בין אַרויס פון דאָרט אַנ'אויפגערעגטער און דורכגעגאַנגען גאַנץ פולהאַם רויד—איינע פון די לאַנגסטע און טרויעריגסטע גאַסען אין לאָנדאָן.

איך האָב געהענדיג אָנגעהויבען מחבר זיין אַ ליעד איבער די דאָזיגע ווערקשטאַטען. איך האָב עס אָנגעהויבען צו גראַמען־שטראַמען אין דער גאַס, וואָס איז פול מיט שפּיטאָלען, מאַנכע פון זיי פאַר אונהיילבאַרע, און זוכענדיג דעם גראַם, האָט זיך דערווייל, ווי דער שטייגער איז, אויסגעוועפּט די אינספּיראַציע. טאַקי אַ שעהנע כפּרה!

דעם אַלטען ציילטיש האָב איך באַהאַלטען לזכרון עולם.

דער נייער ציילטיש, וואָס הענטלאָזע „הענט“ האָבען איהם פאַרהיילינגט, דיענט מיר גוט און געטריי.

הלוואי, רבונו של עולם, וואָלט איך דיך אַזוי געטריי געדיענט!

קינדער פון רעגענבויגען.

איידער כ'האָב זיך דערשלאָגען צום נייעם ציילטיש אויף פיער פיס פון „אָדם“ פעריאָד; צום נייעם גרינעם „לינאָליאום“ און צום דיוואַן, וואָס פאַרוויכערט די זוילען פון האַרטע קונים, איז דער אַלטער פיסלאָזער ציילטיש, זכרונו לברכה, געשטאַנען פלאַך אויף זיין קערפּער אויף דער קרומער פּאָדלאָגע מיט איהר געלעכערטען לינאָליאום, מיט חלל'ס אונטער איהם פון אַ האַלבען ביז אַ גאַנץ צאָל דיק. ווען מ'פלעג אַמאָל אין אַ חודש „בודק חמץ“ זיין אונטער'ן ציילטיש, פלעג מען דאָרט געפינען ברעקלאַך ציהרונג, פּערלאַך, ראָזעלאַך און נעסטעלאַך קאַרעלען, וואָס האָבען אַראָפּגעהאַנגעלט אין פאַרלויף פון חודש, און זיך אַוועקגעקאַלערט אין די שפּאַלטען, איידער מ'האָט זיי געקענט כאַפּען, ווי פּסח'דיגע שפּיל־ניס—אין גריבעלאַך

אריין. נאכדעם ווי דער ציילטיש איז אויסגעזעסען אויף זיי ווי א הוהן אויף אייער, האט מען זיי אויפגעקליבען.

די שעהנסטע און דורכגעווארעמסטע פון די אויפגעהויבענע זאַ־כען, האב איך באהאלטען אין מיין וועסטען־טאש, און אין משך פון א יאהר זיך אזוי אנגעזאמעלט געגוג צו מאכען פאר זיך אליין א שנירעל פון 79 קארעלען אין 79 קאלירען און שעהן ווי א קינד פון רעגענבויגען.

אפט פלעג איך עס טראגען אין דערהיים א שבת ביינאג, אדער א זונטאג אויף מיין באריהמט פליושען רעקעל, וואס דער מלך השנייַ־דערס ב. בערנארד, דער פריינד פון מיין יונגסטער יוגענד עד היום הזה, האט פאר מיר געמאכט. אבער על פי רוב איז דאס שנירעל גע־טראגען געווארען אויף די העלזער פון מיין פריינדשאפט אין אן עת צרה.

ווען א פריינדין האט זיך געפיהלט קערפערליך אדער גייסטליך דערשלאגען, געהאט צער פון קינדער אדער פון עלטערען, פון מענער אדער פון דינסטען, און אמאל גאר פון קאפיטאליזם, האב איך איהר אויסגעבארגט אויף צוויי וואכען דאס קינד פון רעגענבויגען, עס זאל זי באציהרען, אויפמונטערען און טרייסטען און זי זאל האבען אין איהר איינזאמקייט וועמען צו ליעבען צוויי וואכען.

און מיט דער צייט, האבענדיג איינגעזאפט אין זיך די ליעבע און אומגליק פון מיין גרויס פריינדשאפט, איז עס געווארען א שטיק הייליגע קמיע און באקומען א היילונגס־קראפט אין זיך, און אנגע־הויבען צו ראטעווען פון סכנה רעכטס און לינקס. אין א צייט פון „באו מים עד נפש“, ווען די טויערען פון טרעהרען האבען, רחמנא ליצלן, זיך געעפענט און געשטיקט אין האלז, האט דאס קינד פון רעגענבויגען מיט זיינע פייער בליקען זיך א לאז געטהון אויסצוטריי־קענען דאס געפעהרליכע וואסער, כדי ס׳זאל ניט פארפלייצען די נשמה. און יעדער איז ארויס בשלום און ניצל געווארען עד היום הזה.

און וואס מעהר דאס קינד פון רעגענבויגען היילט, אלץ שטארקער ווערט עס אליין.

איינמאל אין א פארשנייטען ווינטער־מארגען, אין א פראסטען מיטוואך, פיהלענדיג זיך זעהר אויפגעלייגט און מוטהיג, האב איך אנגעטהון די קארעלען אונטער א פארקנעפעלטען אויבערראק, כדי

קיינער זאָל ניט זעהן, און בין זיך אַוועק אין מערב־לאָנדאָן, זיך אַביסעל אַרומצוקוקען, ווי די וועלט זעהט אויס פון דרויסען.

האָט זיך אַזוי אַרומגעשפּאַצירט דער גליקליכסטער מענש אין אָקספאָרד סטריט. פול מיט חדוה אינערליך, ווי די פאַרקנעפּעלטע קאַרעלען; ווי דער שנייאונטער זיינע פיס. געמוזט זיך איינהאַלטען פון אַרויסלאַכען, כדי קיינער זאָל ניט מערקען.

און פון גרויס גליק פאַרגעסט ער זיך אינ'ם רעגנבויגען, קנעפּעלט פלוצלינג אויף דעם ראָק כדי צוצוקומען צו אַ וועסטען־טעשעל, און זעהן ווי ס'האַלט מיט זיין שונא—די צייט.

דערזעהען צוויי קליינשטעטעלדיגע שיקסעס זיינע פּאַטשערקעס און לאַכען איהם אויס אַזוי גרויס ווי ער איז.

איז ער געוואָרען אויפגעבראַכט, שנעל פאַרקנעפּעלט דעם ראָק און באַשליסט, אַז אין יענעם טאָג זאָל קיינער מעהר ניט וואַגען איהם אויסצולאַכען.

און ער געהט זיך ווייטער, ווי אויסגעפּאַטשט; וויל זיך נוקם זיין אין עמיצען, זוכט אַ שונא, אַ פאַרטשעפּעניש.

טרעפט איהם אַ דעגענערירטער אידעל. אויפ'ן אידעל הייגגט אַ בויך, אויפ'ן בויך—אַ דיקע גאָלדענע קייט און אויף דער קייט אַ פינף־פונט שטיק. פון זיין קאָפּ הייגגט אַראָפּ אַ רויט, פעט פּנים און פונ'ם פּנים הייגגען צוויי פעט פּאָמאַדעטע וואָנצעס.

—האַלאָ, גוד!—רופט ער זיך אָן—נאָך אַלץ אינ'ם זעלבען קליינעם קעמיאָ ווינקעל?

—יאָ. און דו?

ער האָט זיך מיט מיר באַקאַנט מיט פופצעהן יאָהר צוריק, ווען איך האָב צורעכט געמאַכט פאַר איהם אַ בלעכען זייגערעל. איך בין נאָך דעמאָלט אָרעם געווען אויף יעדען געביעט און ער אויך.

באַטראַכט ער מיך פון קאָפּ ביז די פיס און צוריק, דערזעהט מיין מאָגערקייט אין פלייש און מיין ניט אויסגעפּרעסטען הילוך, שטעלט ער אָן אַ רחמנות'דיגען פּרצוף וואָס האָט איהם נאָך ווייניגער געקליידעט ווי זיין אויסגעקרעפּטקייט און אויסגעפּוצטקייט, און רופט זיך אָן:

—מיר געהט עס אָלרייט. איך האָב פאַרדיענט טויזענטער פונטען אין בילדער. אָט דאָס הייסט ביזנעס! וואָס דען? פון זייגערלאַך צור־

רעכט מאכען וועסטו, גוטער ברודער, שטארבען אין א הקדש.

אפגעזאגט זיך זיין מזמור, פארציהט ער טיעף א ציגאר און לאזט ארויס א וואלקען, און באקוקט מיך ווייטער מיט סימפאטיע.

ס'איז שוין געווען שפעט און איך האב נויטיג געדארפט צוריק־געהן אין געשעפט.

דורכ'ן וואלקען זעה איך, אז מיין נומער 'באס קומט אן. און אזוי ווי ס'האט מיר אין די אויערען נאך אלץ געקלונגען דאס רייך געלעכטער פון די ביליגע שיקסעס, האב איך זיך שנעל אנגערופען צו איהם בזה הלשון:

—האסטו געהערט פון לואיס גאלדינג'ן?

—יא. ער שרייבט דאך אין „דזשואיש קראניקעל".

—האסטו געהערט פון הערים'ן?

—דו מיינסט אוודאי דעם גרויסען דימאנטען־סוחר פון העטאן גארדען! געוויס.

—טא זיי וויסען, אז גאלדינג זאגט, אז איך בין א פאעט, און הערים—אז איך בין רייך, פארדאמט זאלסטו ווערען! גוט מארגען!

און אריין אין באס.

ביז היינטיגען טאג אבער טהוט מיר באנג, וואס איך האב איהם געשאלטען און געגעבען דעם מאמענטאלען אימפולס א פרייע האנט.

ווי די קארעלען פון די פאטשערקעס, וואס דער רעגענבויגען וואשט, צוואגט, קעמט און פארבט, לויט זיין פאנטאסטישען געשמאק, קאפריז און ווילען, פונקט אזוי זיינען די מענשען־קינדער אין דער פרימיטיווער טעפעריי פון גאט.

ביזנעס בעסער ווי געוויינלאך.

פאר דער מלחמה האט די נעקסטע שאפ צו מיינער, גארניט פארקויפט אויסער שוהוואקס, און אפילו שוהוואקס אויך ניט, ווייל דאס געשעפט איז געפיהרט געווארען פון אנ'אלטער, מיעדער פרוי, וואס איז געקומען שפעט און אוועק פריה. אין די עטליכע שעה וואס זי האט יא פארבראכט אין געשעפט, איז זי געשלאפען ביי א גרויסען אור־אלטען אויווען. אויפ'ן אויווען האט אייביג געקאכט א טשאיניק

וואסער און די פענסטער זיינען אייביג געווען איבערגעלאָפען מיט פארע. ווען דער טשאַיניק האָט זיך אויסגעקאָכט און האָט אויפגעהערט צו שפּיעלען, האָט זי זיך דעמאָלט אויפגעכאפּט און צוגעשטעלט א פריש־אָנגעגאָסענעם און ווייטער איינגעשלאָפען.

אַזוי האָט זי זיך נוהג געווען יאָהרען לאַנג.

פון דרויסען האָט קיינער ניט געקענט טרעפען, וואָס פאר א געשעפט עס איז, ווייל ווי געזאָגט, זיינען די שויבען געווען כמעט שטענדיג פארפארעט, נאָר אָפּטמאָל פלעגען זיי זיך שטארק צעוויינען און פון טויזענטער אויגען זיינען זייערע טרעהרען גערונען, און דער־מאָלט האָט דער פרעמדער פארבייגעהער געקענט זעהן דורך די טרעהרען, שאכטעלאך פון שווארצען שוהוואקס, און ווי אינעווייניג שלאָפט אַנ׳אַלטע פרוי ביי א רויטען גאַז־אויווען גרויס ווי א מזבח, און א רויך שלאָגט ווי פון א לאָקאָמאָטיוו, און ס׳חלום׳ט זיך איהר א יונגער זיסער חלום, און אַז זי מאכט גרויסע געשעפטען. איהר דורכשניטליכער „אָבאָראָט“ איז אָבער געווען א שאכטעלע א טאָג, א שאכטעלע א וואָך.

ביי מיר, בלויז די צווייטע טיהר פון איהר, האָט אויסגעפעהלט פענסטער, און רוים. אַז ס׳פלעגען אריינקומען עטליכע רייכליכע קונים און א שרייבער, איז שוין ניט געווען קיין אָרט פאר א מאהלער אָדער אַנ׳אָרעמען קריטיקער.

בין איך אריין צו דער פרוי עטליכע מאָל, ביז כ׳האָב זי איינמאָל געפּאקט וואכענדיג, האָב איך צו איהר גערעדט זעהר דיפּלאָמאַטיש, ווי נאָר אַנ׳ערפאָלגרייכער סוחר קען.

ערשטענס, אַז זי זעהט אויס זעהר גוט, שעהן און יונג; און צווייטענס—וויפיעל איז סוף כל סוף דער שיעור צו ארבייטען? א פרוי אין איהרע יאָהרען דארף ים, זון און לופט און א גרויסען קוילען פייער. איך האָב איהר פאָרגעשלאָגען הונדערט פונט פאר ארויסציהען זיך, אויסצוצאָהלען אין פיער ראטעס: יעדע דריי חדשים פינף און צוואנציג פונט. האָט זי מיר מבטיח געווען, אַז זי וועט זיך גוט אי־בערלייגען.

אין עטליכע וואָכען ארום האָב איך מיט מזל איבערגענומען איהר שאָפּ, אָפּגעשאָפט די מחיצה־וואנט. דער שמחה־שטח אין מיין הארץ איז דורכדעם פארדאָפּעלט געוואָרען. ווער וואָלט זיך דען ניט

געפריידט צו האָבען אזא פראָמינענטען רונדען ווינקעל, וואָס לייכט ווי דער אורה שטערען פון אַנ'אינטעליגענטען צדיק, אויף וועלכען די זון שיינט אייביג, ווען זי האָט נאָר אַ געלעגענהייט?

יעדע שמחה פארמאָגט אָבער טראָפּענס עצבות. דעם טאָג, וואָס מ'האָט די וואַנט אַרויסגענומען, האָב איך געדאַרפט צאָהלען איהר די ערשטע ראַטע, פינף און צוואַנציג פונט, און זיי ניט געהאַט.

די עטליכע בעסערע ווערטפולע זאַכען זיינען שוין געווען פאַר'משכנ'ט. כ'האָב ניט געוואוסט וואָס צו טהון.

וואָס זשע טהוט גאָט?

מיטאָג-צייט, ווען די וואַנט איז שוין געווען האַלב צושטערט, שיקט ער אַריין אַנ'ענגליש-אידישען יונגענמאַן, ספּעציעל צוליעב מיר איהם אַראָפּגעבראַכט פון בירמינגהאַם, און ער וויזט מיר צוויי גרויסע דימאַנטען, גרוים ווי צוויי שאפען. ער וויל פאַר זיי 300 פונט, ניט אַ פּעני וויינינגער. בעט איך איהם, אז ער זאָל אויסוואַרטען אַ האַלבע שעה, און נעהם זיי צו אַ גרויסע פירמע, און קום צוריק אין אַ שעה אַרום מיט 300 פונט פאַר איהם און מיט 25 פונט פאַר מיר.

און פון יענעם טאָג אָן האָבען ביזנעס אָנגעהויבען וואַקסען. פון נאָהענט און ווייט און ברייט האָבען קונים און בעיקר—קונה'טעס, אָנגעהויבען עולה־רגל זיין און קומען נאָך.

און קיינער האָט אין יענעם טאָג ניט באַמערקט אין פענסטער אַנ'אויפשריפט „ביזנעס ווי געוויינלאַך”, ווי דער מנהג איז, ווען מ'פאַרגרעסערט אַ שאָפּ, ווייל אַזאַ אויפשריפט איז ניט געווען. אין יענעם טאָג איז ביזנעס געווען בעסער ווי געוויינלאַך.

ווייבער געהען, זייגערלאַך ניט.

פאַר דער מלחמה קומט אַריין אַ גלח און לאַדעט מיך איין צו קומען זעהן און קויפען אַ קאָלעקציע יובעלען, וואָס זיין מוהמע, אַנ'־אַלטע ענגלישע בתולה, האָט איהם איבערגעלאָזט בירושה אין איהר הויז.

נאַטירליך איז זי געווען אַ מוהמע פון וויקטאָריאַ'ס צייטען, וואָס האָט געוואוינט אין אַנ'אומגעלומפּערט וויקטאָריאַ הויז, מיט אַ קיך און אַפּאַרטאַמענטען פאַר די דינסטען אין קעלער. מעבלירט איז עס

אויך געווען ביז צום פינפטען שטאָק מיט דער געשמאַקלאָזיגקייט פון דער פעטער אינדוסטריעלער תקופה; און דאָס ציהרונג, האָט זעלבסטפאַרשטענדלאַך, גענוי רעפלעקטירט אין אַלע פּרטים די צייט. די צייט, וואָס איז איבערגעלאָפען מיט רויע מאַטעריאַלען פון גאָלד, זילבער, האָלץ, אייזען, שטיין, וואָל, פעטס, פאַרב און טינט. אַזוי געראָפענע אַרטיסטען האָבען יעדע זאַך, וואָס זיי האָבען „געשאַפען"— געדרעקסעלט, געפּאַטשקעט און צעקאַליעטשעט, ביז זיי איז געלונגען צו באַדעקען דאָס גאַנצע לאַנד מיט עקעלהאַפטער אַרכיטעקטור און סקולפּטור, און מיט פעטע „פּיקטשורס" און ראַהמען. די גראָבע, חלשות'דיגע דעקאָראַציעס אין גלאַטינקען זילבער און גאָלד; די באָקען באַפּלאַנצט מיט זייטען־בערד און וואָנצעס און די לייבער באַפּאַנצערט מיט אייזערנע קאָרסעטען און קרינאָלינעס ווי קירכען־גלאָקען. דער גוטער, פּשוט'ער געשמאַק פון פאָלק, דער בעסטער אין אייראָפּאַ, איז פאַרדאָרבען געוואָרען. וועה געטהון האָבען די אויגען און פאַרקלעמט זיינען געוואָרען די הערצער פון ענגלאַנד'ס נביאים־עסטעטיקער, ווי וויליאַם מאָריס, דזשאָהן ראַסקין און אַנדערע, צו־זעהענדיג דאָס אַלץ. זיי האָבען געפּרעדיגט, גע'מוסר'ט, געשריען און געשאָלטען; און נאָר אַ דאַנק עקאָנאָמישע קריזיסען און הויכע צינזען, האָט דאָס פאָלק זיך אָנגעהויבען אַביסעל צוצוהערען און איז געראַטע־וועט געוואָרען. דאָס אַלץ ווייסען אַסך פון אייך אפשר בעסער פון מיר. אָבער וואָס איהר ווייסט ניט, און וואָס איהר זייט געווים ניי־געריג צו וויסען, איז צי איך האָב די יובעלען געקויפט און פאַרדינט אין זיי. דאַנק איך אייך פאַר'ן אינטערעס, וואָס איהר נעהמט אין מיינע ביזנעס און ענטפער אייך: יאָ. גאַנצע בערג שמאַטקעס און בראָשקעס געקויפט און געמאַכט שעהנעם ריווח. איצט, האָף איך, זייט איהר צופרידען.

הערט אָבער אויס אַ געשיכטע:

אינ'ם מיאוס'ן הויז איז געשטאַנען אַ שעהנער אַלטער שטוהל אויף וועלכען איך האָב זיך צוגעזעצט און געהאַלטען אַנ'אויג אויף איהם. וויל אָבער דער גלח ניט פאַרקויפען. בעט איך זיך ביי איהם רחמים, ווי ביי אַ גזלן, אַז ער זאָל מיר פאַרקויפען פאַר מיין אייגענעם געברויך אין געשעפט. טענה'ט ער, אַז ס'איז ניט פאַרשריבען אין דער צוואה, אַז דער שטוהל איז צו פאַרקויפען. טענה איך: „געוואַלד גע־שריען, אפילו אַנ'אַנטיסעמיט איז דאָך ניט אַזאַ קשה־עורף!"

ענטפערט ער נאָכאַמאָל: „ניין!" הכלל—קוים מיט צרות גע׳פּועל׳ט, אַז ער זאָל איהם מיר פאַרקויפען, אָבער בתנאי, אַז דער שטוהל זאָל בלייבען לעולם ועד אין מיין געשעפט און איך זאָל איהם קיינמאָל ניט פאַרקויפען פאַר געלט.

און דער אונגלויביגער גלח קומט רעגעלמעסיג איינמאָל אַ יאָהר, עפענט די טיהר שמאָל און שטעקט אַריין בלויז דעם קאָפּ, ביז צו דער ליניע פון זיין ווייסען קאָלנער, צו זעהן אויב דער שטוהל שטעהט נאָך; זאָגט „גוט מאָרגען"; גיט אַ קוק אויפ׳ן שטוהל; „גוטען טאָג" און ענטקומט.

און ווער איז שוין ניט געזעסען אויפ׳ן שטוהל? וויפיעל אונ־שטערבליכע ביינער האָבען זיך שוין אויף איהם ניט אויסגערוהט? וויפיעל האָבען שוין זייער לעצט שטיקעל ציהרונג פונ׳ם שטוהל פאַר־קויפט פאַר ברויט, און וויפיעל האָבען שוין אויפ׳ן שטוהל אַזוי שטאַרק געלאַכט, אַז די פיסלאַך זיינען לויז געוואָרען? ווער קען דאָס אַלץ באַשרייבען אפילו מיט די הייליגסטע גענזענפעדער? וואָס פאַר דרייסטע פאַרלעגער וואָלטען דאָס אַלץ געדרוקט? און וועלכע בלינדע צענזור וואָלט דאָס אַלץ דורכגעלאָזט?

איז איינמאָל אַריינגעקומען מיין פריינדין מאַדאַם באַמפּוס, זיך געזעסען אויפ׳ן שטוהל און מיר האָבען גערעדט, געשפּאַסט און גע־לאַכט. דערצעהלט איך איהר אַ מעשה מיט אַנ׳אַלטען בחור אין מזרח אייראָפּאַ, וואָס האָט ניט געוואָלט חתונה האָבען פאַר קיין געלט, שעהנקייט אָדער ליעבע. נאָר אַזוי ווי דער סוף פון אַלטען בחורים׳דיג לעבען איז אַממייסטען דאָך חתונה, האָט אויך דער בחור געהייראַט אַ מיידעל — ניט קיין שעהנע און ניט קיין רייכע און ניט קיין געליעבטע, נאָר צוליעב דעם איינציגען מאָטיוו, וואָס זי האָט געהאַט אַנ׳אַלטען ענגלישען גאָלדענעם זייגער ווי אַ ציבעלע. אַ קלייניגקייט— אַנ׳ענגלישער גאָלדענער זייגער! ס׳איז דאָך ניט אָפּצושאַצען! און דאָך קען קיינער ניט זאָגען, אַז ער האָט זיך פאַרקויפט פאַר געלט. ער האָט נאָך אין זיין לעבען אַזאַ זייגער ניט געזעהן, וועהרענד רייכע, שעהנע און געליעבטע מיידלאַך האָט ער מעהר געזעהן, וויפיעל זיי זיינען פאַראַן אין דער ווירקליכקייט.

איז דאָס ווייב עטליכע יאָהר נאָך דער חתונה נעבאַך אַוועקגע־שטאָרבען און ער האָט גע׳ירש׳ענט דאָס זייגערעל. האָט זיך צו איהם „געלאַשטשעט" אַ יונג מיידעל, וועלכע האָט געהערט וועגען דעם

טייערען זייגער, וואָס קיינער ווייסט ניט זיין גרויסען ווערט. אין אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה איז נעבאך אויך זי אַוועקגעשטאָרבען. האָט זיך געפונען נאָך אַ אידעאַליסטקע, אַ בעלן אויפ'ן זייגערעל, און זי איז אויך אַוועק אויפ'ן עולם האמת. און דאָס זייגערעל לעבט נאָך, געהט און טיק־טאַקט אין אַקאָרד מיט „גריניטש".

זאָגט מאַדאַם באַמפּוס:

—שרייבט וועגען דעם אַ מעשה און רופט זי: „ווייבער געהען, זייגערלאַך ניט".

האָבען מיר ביידע שטאַרק געלאַכט פונ'ם איינפאַל.

אָבער די משא פון מאַדאַם באַמפּוס סאָלידען קערפּער צוזאַמען מיט דער געוויכט פון איהר קייכעדיג, שטורעמדיג געלעכטער, איז שוין צופיעל געווען פאַר'ן שטוהל און אַ פוס האָט ביי איהם געפּלאַצט.

צומאָרגענס האָט מען אַוועקגעשיקט דעם שטוהל צו רעפּערירען, און באַלד דערנאָך שטעקט זיך פּונקט אַריין דעם גלח'ס קאָפּ און ער ווערט רויט, און ער ווערט אָנגעבלאָזען ווי אַנ'אינדיק ביז צום ווייסען קראַגען, וואָס שיינט שוין ראָזאָוודיג. כ'האָב געמיינט, אַז ער וועט זיך מיט דער טיהר חלילה אַליין דערשטיקען. רייס איך אויף ברייט די טיהר, רוף איהם אַריין און געב איהם צו פאַרשטעהן, אַז דער שטוהל איז ניט פאַרקויפט, נאָר ס'האָט פּאַסירט מיט איהם אַ סיבה, און אין עטליכע טעג אַרום, וועט ער, אם ירצה השם, ווידער שטעהן אויף זיין פּלאַץ.

ער האָט מיך אויסגעהערט, אָבער זיינע אויגען האָבען געצווייפעלט אין דעם אמת.

אין עטליכע טעג אַרום קומט דער גלח נאָכאַמאָל אַריין און האָט דעם שטוהל דערזעהן. זאָגט ער צו מיר:

—איצט זעה איך, אַז איהר זייט אַ דזשענטעלמאַן.

פרעג איך איהם:

—האָט איהר שוין אַמאָל אַזוי געלאַכט, אַז די פיס פון שטוהל זאָלען זיך צעברעכען?

—ניין, קיינמאָל ניט.

—אויב אַזוי, ווייסט איהר טאַקי נאָר וואָס אַ דזשענטעלמאַן איז און ניט מעהר.

אַ זינדיגער מענש געוואָרען.

יאהרען לאנג האָב איך פיינט געהאט וויקטאָריאַ ציהרונג; עס צע'מזיק'ט, צעהאקט און צעשמאָלצען, ווי חזיר שמאַלץ. בעסער געוואָלט פאַרלירען אין צעשמאָלצענעם שמאַלץ, ווי פאַרדינען אין לעבעדיגען חזיר.

נאָר אַז אַ מענש שרייבט אַן אויטאָביאָגראַפיע, איז אפילו ווען ער טהוט עס אין זיין יוגענד, מאַכט עס איהם מאָמענטאַל עלטער אין יאָהרען און אין פאַרשטאַנד. ער ווערט אויס אַנטי־קאָנווענציאָנעל און משפט יעדען מענשען, יעדע זאַך און סיטואַציע, לויט'ן ווערט און אומשטענדען, אָדער ס'געהט אַזוי ווייט, אַז ער הערט אויף צו משפט'ן און צו האָבען אייגענע מיינונגען.

מיך האָט די אויטאָביאָגראַפיע געטריבען צו געפינען נוצען אין וויקטאָריאַ ציהרונג.

איך בין אויך דאָס גאַנצע לעבען געווען, ווי אַלע מאָדערנע אי־דעאַליסטען, אַ דם שונא פון דימאַנטען. מעהר זיי גענוצט פאַר פאַ־עטישע פראַזען, ווי פאַר הנאה אָדער פראָפיט. אָבער לעצטענס—אויך פאַר דימאַנטען און אפילו פאַר פערל אַ גוט וואָרט געפונען.

איך בין אַמאָל אויך נאַריש באַאיינפלוסט געווען פון טאָלסטאָי־איזם און קאַנאָניזירט די הייליגע אָרעמקייט. געהאַט אפילו אַמאָל אַ חלום, ווי איך האָב רויבער, וועלכע האָבען מיין געשעפט באַרויבט, פרייוויליג אָוועקגעגעבען מיין ראָק און מיינע נייע שבת'דיגע קאַ־מאַשען, און זיך געפיהלט גליקלאַך, און דערנאָך געליטען שטאַרק דערפון, וואָס די גנבים האָבען מיר צוריקגעבראַכט די גניבות איידער איך האָב זיך אויפגעכאַפּט.

אַזוי שטאַרק האָב איך געשטרעבט בדיל-הדל צו ווערען.

אָבער היינט וואָלט אַזאַ חלום ניט געוואַגט מיין שוועל איבער־צוטרעטען. ער וואָלט גלייך געוואָרען אַרעסטירט.

ווייל אפילו אין רייכטום געפין איך אויך נוצען. אויף אַזוי ווייט בין איך זינדיג און דעגענערירט געוואָרען.

אַנ'אַנדער מענש געוואָרען, וואָס דאַרף אייגענטלאַך ווערען אויפסניי „אויטאָביאָגראַפירט“.

אז ס׳קומט אריין א פרוי מיט מאטע, אויסגעשטאַרטע אויגען, א
בלאס כשר פנים און קרום־ביינעדיגע הענט; וואס האט איהר גע־
גענווארטיגען לעבענס־זאפט מקריב געווען פאר דער אונבאשטימטער
צוקונפט; אדער געזוכט גאט און איהם ניט געפונען, ביז איהר נשמה
איז מיעד און זי פאלט אוועק אויף מיין ווייכען שטוהל, ווי א ליי־
דיגער, פרוכטלאזער קויבער,—לאז איך זי ניט טראגען קיין פוטו־
ריסטישע ארנאמענטען, נאר פארשרייב איהר דעם באלזאם פון צוויי
דיקע, שפע׳דיגע וויקטאריא־בראנזלעטען, און פעטע, קורצע אויררינגען,
ווי צוויי קוויטשעדיגע, רונדיגע, מזל׳דיגע חזרים׳לאך.

דאס איז מארך פאר איהרע ביינער; געלייטערטער לויתן־אויל.

קומט אריין א מאמזעל. פלאטינום זיינען איהרע טריט; איהר
בלוט רויט—טריפענדער גאלד; הייסע ווייסע עמאליע, וואס האלט
זיך אין באקען—די ווייסלען פון איהרע אויגען, און איהרע הענט
חלש׳ן נאך פייערדיגען פייער, אילומיניר איך זי מיט דימאנטען און
מיט פערעל, וואס שיינען ווי דער „מילכיגער וועג“, און דער יובעל
איז פערפעקט.

פאלט מיר אריין אין קאפ א הייליגע מחשבה, א דרייסטער גע־
דאנק, און ס׳פארגלוסט זיך מיר מאכען א מלחמה דעקלאראציע געגען
גוג ומגוג׳ן; געגען דעם עטאבלירטען סדר ומשטר פון דער וועלט,—
געה איך ניט דערמיט צו רעדאקטארען, בעט זיך ניט ביי פארלעגער,
נאר איך קויף זיך א געוזענע פעדער און א הייליגען סופר־טינט, שרייב
עס מיר אויף „וויראזשנע“ און בולט אהן מורא און אהן אונטערגע־
דאנקען, אהן שטריכעלאך און אהן פינטעלאך, אויף גרויסע בויגען
ליניירטען פאפיר. דרוק עס מיר אין א קליין ביכעלע פאר מיין אייגען
געלט, ווייל איך בין אזוי רייך ווי א אידישער פארלעגער.

דער צו שווערער עול.

מיט אסך יאהרען צוריק איז אריינגעפאלען אין מיינע הענט א
היסטאריש שנירעל פאטשערקעס פון געלען בורשטין, גרויען אגאט,
שווארצען אניקס און א געהאמערטען בלאז פון זילבער. א שטיקעל
ארבייט—געפאסט פאר בצלאל בן אורי! געווירקט האט ער אויף מיר,
ווי אונזער א פאטריארך פון קדמונים וואלט זיך באזעצט ביי מיר
אין שאפ. אזוי פיעל קולטור־גייסט פון א גרויסער עפאכע האט ער

אין זיך געטראָגען! ער איז געווען אַזוי לעבערלאַך־קינדעריש און שפּילעוודיג־לייכט; צוזאַמענגעשטעלט ווי שעקספּירס „מיטען־זומער נאַכט", ווי די קליינע פינאַנסען פון אָשענטשין. דאַגעגען זיינען טייל קאָרעלען געווען שווער, מורא'דיג, קרום און שוואַרץ, ווי אַלטע בלוט־פאַרזשאַווערטע, צייט־אויסגעגריזשעטע שפּיזען און שווערדען. איז ער ביי מיר געווען אַנ'אורח יאָהרען לאַנג, זיך צוגעהערט צו מיינע הויכע, דערשטיקטע אידעאַלען, און זיך צוגעקוקט צו מיין קליין אַנטפּלעקט לעבען און אין זיך געשמייכעלט: „משה עובד בן יחיאל וויל ווערען אַ סוחר!"

ער איז געווען צו נאַאיוו אפילו פאַר די יונגסטע נשמות פון מיינע אַלטע קונים, און אין דער זעלבער צייט—צו שאַרף, שווער און ווילד, פאַר די מוטהיגסטע, באַרבאַרישסטע פון מיינע פריינד.

צייט קוקט אָבער ניט אויף קיין גליקען, צייט דאַרף לעבען און שפּייז פאַר'ן מאָגען, פרעסט זי אַלץ אין דער וועלט, וואָס קומט איהר נאָר צווישען די פּיער און צוואַנציג צייהן פון די מעת־לעת'ן; פון אַ טייבעלעס מוח ביז די מעשענע קנעפּ פון אַ גענעראַל; פון אַן איינ־איינציג שוואַלבעלע ביז די שטאָלענע זיגענדע שיפען. אַלץ פאַרדייעט זי און לאָזט גאָרניט איבער אויפ'ן טעלער פאַר דרך־ארץ.

און צייט האָט מיר צעביסען דאָס שנירעל פון די פאַטשערקעס, דעם חוט השדרה צעקייעט, און זיי זיינען מיר צעפאַלען, קוקענדיג אויף זיי, און צעפלויגען ווי פייגעלאַך און מייזעלאַך אין אַלע פאַר־באָרגענע און פאַרוואָגעלטע לעכער אריין.

האָב איך זיי אויסגעזוכט, ווי ווייט נאָר מעגליך, צוזאַמען געקליבען אין איין קופּקעלע. געוואָלט זיי ווידער צוזאַמענציהען אויף איין פאָדעם ווי פריהער, אָבער ביי קיין פאַל עס ניט געקענט גוט טהון.

איך בין אליין אַ זעלבסט־באַוואוסטע „בייבי"; אַ שטיק באַר־באַר—צווישען מיר און אייך, מיינע ציוויליזירטע לעזער, זאָל עס בלייבען און זאָגט עס ניט אויס מיינע קונים—דאָך אַנ'אומגליק! ווי איך זאָל דאָס שנירעל ניט האָבען אָנגעצויגען, איז עס אויסגעקומען צו סימעטריש, צו באַלאַנסירט. די גרויסע גבורה פון זיין לייכטען, ווילדען חן, האָב איך פאַר קיין פאַל ניט געקענט איהם צוריקגעבען.

שטעלט אייך פאָר ווען אַ קאַפּיטעל תהילים וואָלט חלילה צע־פאַלען, אָדער אַ פּרשה חומש וואָלט זיך צעשאָטען אויף „שמות",

און מ׳ברייננגט עס מיר צוזאַמענצושטעלען, איז כאָטש איך האָב ליעב תהילים ווי מיין אייגען קינד און באַוואונדער חומש ביז משוגעת,—דאָך זייט זיכער, אַז ס׳וואָלט פון מיינע הענט אַרויס מעהר ליטעראַריש ווי עבט; ס׳וואָלט זיך געקלעפּט, ווי קאַלטע פּוטער געשמירט אויף קאַלטען ברויט. אַזוי מעבאַניזירט, פאַרפרוירען און פאַרדאָרבען געוואָרען.

האָב איך זיך פאַרבונדען די אויגען און אַריינגעשפּרונגען אין אונ־באַוואוסטזיין. די קאָרעל, וועלכע איז מיר צום ערשטען געקומען אין האַנד איז אַרויפגעצויגען געוואָרען אויף אַנ׳אָדערנעם פאָדעם. אַזוי איז דערפון געוואָרען אַ שטיקעל לייט, כאָטש צו דער פריהער־דיגער גדלות איז עס שוין קיינמאָל ניט געקומען מעהר.

און יאָהרען זיינען געפלויגען מיט שנעלקייט, איבערגעיאָגט די חדשים. קיינער האָט איהם ניט אָנגעריהרט, ניט אָנגעמאָסטען, און אַליין איהם טראָגען אויף מיינע אַקסלען, וואָס זיינען געוועהנט צו שווערער לאַסט, האָב איך ניט געהאַט גענוג פּרימיטיווען קוראַזש. האָט ער געטרויערט, זיך איינגעהילט אין אַ גרויען זאַק פון שטויב.

מאַכט זיך, אַז מיט עטליכע יאָהר צוריק גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן אַ יונגע אידישע ביהנע־קינסטלערין. איהר לירישע שטימע, איהר הייליגעס אויסזעהן און הארציגע באַוועגונגען, האָבען אפילו די שטיינערנע הערצער פון מיינע דימאַנטען צעשמאָלצען.

דער טרויער פון מוטער ציון האָט זיך אין איהר ממש פאַר־קערפּערט.

האָב איך זיך געטראַכט: גוואַלד, וואָס פאַר אַ קאַנדידאַטקע זי איז פאַר די פּרימיטיווע פאַטשערקעס! זי איז דאָך אַזוי שפּיעל־עווריג ווי נאָר אַ יונג קינד, וואָס איז עלטער פון איהר מאַמען—די מאָדערנע אידישע ביהנע—קען זיין. זי איז דאָך אַזוי טיעף־פיהלענד, ווי נאָר אַ טאָכטער פון אַנ׳אור־אַלט קולטור פאָלק דאַרף זיין. זי איז דאָך איבערגעקומען די גרויסע פרעמדע מלחמה און די גרויסע אייגענע פּאָגראָמען. מרים און דבורה זיינען דאָך געווען איהרע שירה לעהרערינס. אויב זי וועט ניט האָבען קיין מוט צו טראָגען דעם אַלטען דערנער־קראַנץ, וואָס שטעכט און כישוף׳ט; אויב איהר נשמה איז נאָך ניט גענוג געלייטערט און געהאַמערט, דעמאָלט האָבען דאָך ליידען גאָרניט קיין זין און צרות זיינען דאָך דעמאָלט גאַנץ צוועקלאָז!

און דאָס קען דאָך ניט זיין. ס'איז דאָך קיינמאָל אזוי ניט געווען.

אין עטליכע טעג אַרום האָב איך אויף איהר, ביי מיין אַלטען ציילטיש אָנגעהאַנגען דעם „שיר המעלות“ פון די פּאַטשערקעס. אָ, וואָס פאַר אַ פרייד! אָבער ניין, איך קען אייך די פרייד ניט שילדערען. אפשר קען אייך אייער באַליעבסטער מחבר באַזאָרגען מיט אַ משל און מיט אַ גענויע שילדערונג פון דער הדוה. איך קען ניט. אַ שטילער ציטער איז אַדורכגעלאָפען אונזערע נשמות און געפיהלט האָבען עס דער ערשטער און דער לעצטער אדם וחוה.

זי האָט די שווערע פּאַטשערקעס געטראָגען וואַכענדיג און שלאָ-פענדיג אויף איהר האַלז און אין איהר האַרצען, און די פּאַטשערקעס האָבען זי אויף זייערע שפּיץ פליגלען געטראָגען, ווי פאַרליעבטע מלאכים טראָגען זייערע כלות. צווישען אַקט און אַקט, ראָלע און ראָלע, האָט זי זיי געגלעט, געלאַשטשעט, געקושט און געשלונגען.

אין עטליכע וואָכען אַרום קומט זי צוריק, מיט די פּאַטשערקעס הענגענדיג אויף איהר האַנט, און בעט זיך ביי מיר מיט טרעהרען, וואָס הענגען אויף אַ האָר פון איהרע אויגען:

—נעמט צוריק, איך בעט אייך, אייער מתנה. זיי זיינען צו שווער און צו וואונדערבאַר פאַר מיין מאַן, פאַר מיינע פריינד, און צו געפעהרלאַך פאַר מיין קינד. מיין פּראָפעסיע נעמט פון מיר אַוועק מיין גאַנצע ענערגיע און איך בלייב צו שוואַך צו שטרייטען געגען דעם נידעריגען געשמאַק פון אונזער צייט. איהר ווייסט דאָך ווי איך האָב זיי ליעב. זעהט ווי זיי האָבען מיר דעם האַלז צעשניטען און די ברוסטען צעבלוטיגט, דאָך האָב איך זיי ליעב. מיין הויט איז דעליקאַט און די ביינער טהוען מיר וועה, דאָך ליעב איך זיי. אָבער האָט רחמנות און נעמט זיי צוריק. איך קען זיי לענגער ניט טראָגען.

האָב איך אויף איהר רחמנות געקריגען, זיי צוריקגענומען. איהר געלאַזט שליסען אַ ברית־שלום מיט דעם געגענוואַרטיגען פּאַטשערקע-געשמאַק און איהר פאַרקויפט אַ לייכטזיניג באָהעמיש רינגעל, פּראָ־דוצירט אין טרייד־יוניאָן שעה'ן פון עמאַנציפּאַצירטע טרייד־יוניאָן מיידלאַך. זי האָט זיך געדונגען, טעמפּעראַמענטספול אַראָפּגעדונגען, און אַ צופריעדענע האָט זי באַצאָהלט מיט אַנ'אמת'ן גאָלדענעם פונט.

יאָ, זי האָט געשלאָסען שלום און באַצאָהלט.

גאָט, זיי איהר מוחל. זי האָט דאָך הייליג באַצאָהלט!

א פאַרשטענדיגע פרוי.

מיט עטליכע טעג צוריק שטעהט א קלוגע, דענקענדע און פיהלענדע פרוי, מיט איהרע עלענבויגענס אויפ'ן צייטלטיש, פאַרשטעלענדיג דעם האלז מיטביידע הענט.

פרעג איך זי:

—וואָס באהאלט איהר פון מיר?

—מיינע אימיטאַציע־פּערעל. איך שעם זיך מיט זיי.

—פאַרוואָס?

—איהר געדענקט אפשר ניט—ענטפערט זי—אַז איך בין דאָ געווען מיט פינף יאָהר צוריק און מיר האָבען געהאַט אַ לאַנגען שמועס. האָט איהר מיר געזאָגט, אַז איך זאָל אַראָפּוואַרפען פון זיך מיינע אימיטאַציע־פּערעל, וועלכע זיינען סימבאָלען פון פּראָסטיטוציע. אָט דאָס זיינען די ווערטער, וואָס איהר האָט מיר געזאָגט: „געהט און וואַרפט אַוועק די פּערעל, נאָר זעהט, אַז קיינער זאָל זיי ניט געפינען. ברעכט אָפּ אַ שטיקעל פון אַ פעלז, אָדער הויבט אויף אַ שטיין פון גאַס און טראָגט איהם אויף אַ שוואַרצען שטריק. ס'וועט אייך גוטס טהון און העלפען צו דערנעהענטערען זיך צום אמת און גאָט".

זאָג איך:

—איך געדענק ניט, נאָר אויף מיר קען איך עס גלויבען.

זאָגט זי:

—ביי מיר איז עס גוט פאַרשריבען אין זכרון.

און זי שטעהט אַ פאַרשעהמטע.

רעד איך צו איהר בזה הלשון:

—דעמאָלט זיינען מיר נאָך ביידע געווען ניט דערוואַקסען. אָבער היינט, אַז איהר זייט שוין יאָ געקומען צום גרויסען באַוואוסטזיין, מעגט איהר שוין טראָגען אפילו אימיטאַציע־פּערעל. ס'קען אייך מעהר שוין ניט שאַדען. נאָר קומט בעסער אין פינף יאָהר אַרום נאָכאַמאָל און איך וועל זעהן, אויב איהר מעגט זיי נאָך אַלץ טראָגען. ס'קען זיין, אַז דעמאָלט וועט איהר אינגאַנצען קיין יובעלען ניט דאַרפען, אפילו ניט קיין אָרעמס אָרעם־זייגערעל.

תמיד זי.

רבי לוי יצחק מבארדיטשעוו איז, כידוע, געווען א בן־בית ביים רבונו של עולם; האט זיך מיט איהם גע„דו״עט, געדונגען, אויפגעפאדערט צו דין־תורות; און מ׳שמועסט אין פמליה של מעלה, אז גאט האט מורא געהאט איינצורייסען זיך מיט איהם און האט איהם נאכגעגעבען בשעת ער האט געלעבט אויף דער וועלט.

האט איהם גאט געפרעגט פאר זיין פטירה:

—לוי יצחק, דיין גאנץ לעבען האסטו געפאדערט און אויס־געבעטען טובות פאר די ארעמסטע, קראנקסטע און אונגליקליכסטע; דו האסט מיר ס׳לעבען פארביטערט. דו האסט ניט מיך געדיענט, נאר זיי. דערפאר אבער, וואס דו ביזט געווען אויפריכטיג און אפענ־הערציג מיט מיר, און קיינמאל ניט געבעטען פאר זיך אליין, האב איך ממלא געווען יעדער בקשה דיינע און דיך ליעבער געהאט פון די גרעסטע צדיקים, וואס ציטערען פאר מיר און חנפה׳נען מיך. און אזוי ווי דו האסט געפונען לייטזעליגקייט אין מיינע אויגען, פאדער איך פון דיר, לוי יצחק, אז דו זאלסט מיר זאגען, איידער דו פאר־לאזט דעם ערדישען חומר, וואס דו פארלאנגסט פון מיר פאר זיך אליין.

האט רבי לוי יצחק געענטפערט:

—פאר זיך אליין, רבונו של עולם, האב איך דיר שוין מעהר ווי איינמאל געזאגט, וויל איך גארניט. נאר איך האב צו דיר א גרויסע בקשה פאר מיינם א קינד—אנ׳אור־אייניקעל; א שוואך קינד, מיט א נשמה פון א צדיקת, וואס וועט טהון גוטס איהר גאנץ לע־בען. זי וועט פארווארפען ווערען אויף אנ׳אינזעל צווישען פארוווא־געלטע ברידער און שוועסטער, וואס וועלען זיך אין איהר נויטיגען. בעט איך דיך, אלמעכטיגער, צו געבען איהר כח אז זי זאל געזונד זיין צו קענען טראגען די שווערע לאסט פון מענשען׳ס יסורים.

האט גאט איינגעוויליגט און צוגעזאגט.

און די נשמה פון רבי לוי יצחק איז כהרף עין ארויס פון זיין גוף און א פרעהליכע אוועקגעשוועבט אין הימעל אריין. זי האט ניט געדארפט קיין מלאכים־וועגווייזער.

אין א הונדערט יאהר ארום שפעטער איז דאס אור־אייניקעל

פון רבי לוי יצחק'ן פארוואנדעלט געווארען אין א דאקטארין אין לאנדאנער גהעטא, וואו זי האט פראקטיצירט. זי האט געהיילט חולים אין די פינסטערסטע הייזער, וואו דאקטוירים געבען אויף האפנונג, רבנים—גלויבען, די זון—ליכט.

און וועמען זי האט נאר געטראפען, אהן אונטערשיעד, אויף וועמענס שוועלען און טרעפען, האבען איהרע אויגען אפגעגעבען א גרוס פון הימעל.

און על כל צרה שלא תבוא איז מען געלאפען צו איהר.

האט א איד ניט געהאט אויף מצות, אויף א רעצעפט, אדער ניט פאר קיינעם געדאכט—אויף תכריכים, איז ער געגאנגען צו דער דאקטארין. האט א קונסט־פאראיין געדארפט שטיצע פאר קינסטלער, אדער פאר דער קונסט גופא, איז ער געגאנגען צו איהר.

ווילען אידען א לאנד—העלפט זי. ווען אידען הויבען אן צו קאלאניזירען קרים—העלפט זי. פאגראם לייִדענדע און וואנדערער —העלפט זי. העלפט מאטעריעל, העלפט מיט א ליעד, מיט א תפילה, מיט א שמייכעל. „תמיד זי, שטענדיג זי, אייביג זי, נאר זי".

האט גאט געדארפט נאך א חולה. ס'האט איהם פונקט אויסגע־פעהלט צום באלאנס נאך א קרבן. וועמען האט ער אויסגעקליבען?

זי!

באמיהט זיך פאר איהר רבי לוי יצחק אין הימעל פאר איהר רפואה שלימה און טענה'ט בייזלאך:

—רבונו של עולם, וואס האסטו געטהון? א, זאג, וואס האסטו געטהון?

אין הימעל שמועסט מען, אז גאט האט ממלא געווען דעם רצון פון רבי לוי יצחק מבארדיטשעוו.

בן־אלי.

איינער פון די אינטערעסאנטסטע און סימבאלישסטע אידען, וואס האט אמאל איבערגעטראטען מיין טיפען־רייכע שוועל, איז געווען דער ארעמער, אלטער, שעהנער בן־אלי.

שוין אכצעהן יאהר, ווי איך קען איהם, ארומשלעפענדיג זיך

מיט אָבפאַל און שיריים פון פאַרשיעדענע מלאכות און קונסטען פון היינט און פון אַמאָל.

אַלץ אין דער וועלט ווייסט ער, פון אַלץ אַביסעל. אַסך ווייסט ער פון לאַנדאַנער שענקען און זייערע באַזוכער; פון אַנטיק געשעפטען, ווי אַזוי זיי זיינען רייך געוואָרען; און דעם סדר היחוס פון יעדען אָנגעזעהענעם גנב מיט'ן פאַרברעכער־נעסט, וואָס האָט איהם געבוירען.

ניט קיין וואונדער, וואָס ער דערצעהלט מיר, אַז טשאַרלס דיקענס האָט פון איהם אַ שעהן ביסעל ערשט־האַנטיגען מאַטעריאַל גענומען פאַר זיינע בילדער פונ'ם אונטערערדישען לאָנדאָן.

ער איז אַזוי פאַנטאַסטיש און ראָמאַנטיש, אַז ער וואָלט דער־שטיקט געוואָרען אין די ענגע גרעניצען פון רעאַליזם און אמת; ער וואָלט לאַנג פאַרפוילט געוואָרען אין זיין שמוציגען אָרט לע־בען, ווען ער וואָלט בשעת דערצעהלענדיג פאַקטען, בכוונה ניט פאַרקראָכען און אָנגעהויבען רעדען זאַכען, וואָס ניט געשטויגען און ניט געפלויגען.

ווען דער פונק פון גענימאַליטעט צינדט זיך אין איהם אָן, פאַררוקט זיך איהם דער קאַפּעליוש קיין בויבעריק. אַ קאַפּעליוש איז קיינמאָל ניט צוגעפּאַסט גוט פאַר אַ גאון!

רעדענדיג זיסע רייד גלעט ער זיך נחת'דיג זיין וויים זיידענע באָרד, און אַז ער דערצעהלט אַנ'אָריגינעלע אויסגעטראַכטע מעשה, שיינט זיין פּנים פּריש, ווי דאָס ערשטע בלעטעל פון אַ נייעם לוח, און נאָך יעדער געשמאַקער פראַזע, סמאַטשקעט ער זיינע ליפּען, ווי אַ ווײן מבין נאָך אַן אמת'ן, עכטען ביסעל משקה. און ער זופּט ווייטער פון זיין ליכטיגער פאַנטאַזיע, וואָס שפּראָצט אַרויס פון זיין אייגענער הויט און באַבליאַפּעט זיין פּנים מיט זיו השכינה.

—גוד מאָרנינג, מיסטער גוד!—קלינגען אַרויס פיער וואַרעמע באַריטאָנישע טענער פון זיין רייכער ברוסט.

—גוד מאָרנינג, מיסטער בן־אלי!—ענטפער איך ווי אַנ'אַלטאָ מיט אַ ווייבען למד.

—וועל, מיסטער גוד, האַו איז ביזנעס? (נו, ה' גוד, ווי געהען די געשעפטען?)—פרעגט ער מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגען, וואָס הויבען זיך באַלד אויף און שטעכען מיך דורך און דורך ביז וועה־טאָג, ווי „ביזנעס" זעלבסט.

—אָלרייט, טהענקיו!—ענטפּער איך איהם, גלייך ווי זיין פראַגע האָט מיר ניט פאַרשאַפט קיין עגמת־נפש — האָט איהר עפּעס צו פאַרקויפען?

—איך האָב אַ געגילטע קייט צו פאַרקויפען אייך. ערשט נעכטען זי געקויפט אויפ'ן חזיר־מאַרק. כ'וועל נעהמען פון אייך צעהן שי־לינג. ווען איך נעהם עס צו מיסטער קלאַפּערגעצייג, וואָלט זי איהם געקאָסט אַ פונט.

—אוי, איהר „האַקט אַ טשייניק". אכט שילינג וועט איהר נעהמען?

—איך קען ניט, ווי איהר זעהט מיך אַ לעבעדיגען! זאָל איך אַזוי דערלעבען צו זעהן מיינע אייניקלאַך, ווי איך קען ניט, מיסטער גוד. ס'קאָסט מיך אליין אכט שילינג.

—ווערט איהר נעהמען ניין שילינג?

—אָלרייט. פון אייך.

דערזעהט ער אין ציילטיש זעקס זילבערנע תימנ'ער קנעפּ, מאַכט ער:

—אהאַ! איך ווייס וואו איהר האָט זיי געקריגען. מיסטער סמיטה, פון „עלעפאַנט ענד קאַסעל" האָט זיי אייך פאַרקויפט. דער שמוציגער הונט! יאָהרען האָב איך געהאַט אַנ'אויג אויף זיי, האָט ער ביי מיר די קנעפּ אויסגעכאַפּט.

—זייט איהר זיכער, אַז ס'זיינען די זעלבע קנעפּ?

—מיסטער גוד, אויב איך בין זיכער? מיין עהרען וואָרט, אַז איך געדענק די קנעפּ פון פינף און דרייסיג יאָהר צוריק. זיי זיינען געהאַנגען ביי ראַפעלן אין פענסטער אין זיין קענזינגטאָנער לאָמ־באַרד. אַ פיין שטיקעל סחורה איז דער ראַפעל געוועז. זיין גאַנץ לעבען האָט ער קיין פעני צדקה ניט געגעבען, געשלאָפען אונטער'ן ציילטיש, און זיין גאַנץ געלט האָט ער איינגענעהט אינ'ם בעט־געוואַנט. יעדעס מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט געבען רעשט, האָט ער אויפגעטרענט אַ קישען און באַלד צוריק פאַרנעהט. איידער ער איז געשטאָרבען, האָט ער אויסגעמאַכט אַ צוואה, אין וועלכער ער האָט איבערגעלאָזט דעם מאַטראַץ מיט די פינף טויזענט פונט איינ־גענעהט, צו אַ שיקסע—אַ שענק־דיענסט, און דאָס קישען מיט'ן קליינגעלט—צו זיין ווייב. האָט איהם דאָס ווייב געסטראַשעט, אַז

צו זיין יעדען יאָהרצייט וועט זי מאַכען אַ גרויסע סעודה מיט מוזיק. האָט ער מורא געקריגען, און האָט געמאַכט אַ נייע צוואה, אין וועלכער ער האָט איבערגעביטען די יוצרות—דער שיקסע אָפּגעשריבען דעם קישען און דער ווייב דעם מאַטראַץ. יאָ, די קנעפּ. ראַפעל האָט געוואָלט זעקס שילינג פאַר די קנעפּ. איידער ער איז געשטאָרבען, האָט ער געמאַכט אַנ'אויספאַרקויף; געוואָלט שטאַרבען מיט קאַסע אין די הענט, און ער האָט פאַרקויפט די קנעפּ פאַר פינף שילינג. נאָך זיין טויט זיינען די קנעפּ געהאַנגען צוואַנציג יאָהר ביי מיסטער לאָו אין וואָרדער סטריט. ער האָט געוואָלט ניט ווייניגער פון צעהן שילינג. לעצטע וואָך האָב איך זיי געזעהן אין פערינגדאָן רויד ביי מיסטער מאַרטין, דער זייגערמאַכער. הערט איהר? איהר האָט נאָך אין אייער לעבען ניט געזעהן אַזאַ שלים מזל'ניק ווי מאַרטין. ער האָט געהאַט אַ שאָפּ פון יענער זייט וואַסער אויף אַ וואונדערבאַרער פּאָזיציע, אַנ'אמת'ע שמאַלץ גרוב. האָט ער אָבער ניט געקענט דאָרט מאַכען קיין לעבען. איז געקומען אַ כוואַט פון מאַנשעסטער, וועלכער קען אַזוי לאָנדאָן, ווי איך קען שטערען מאַרס. פאַלט ער אריין צו מאַרטין'ען און פרעגט איהם: „וויפיעל ווילט איהר פאַר אייער שאָפּ?" געהט מאַרטין, דער אידיאָט, און ווייזט איהם שוואַרץ אויף ווייס, אַז די שאָפּ האָט איהם געקאָסט 149 פונט, און ער וויל בלויז איין פונט פּראָפיט. דער חברה־מאַן פון מאַנשעסטער האָט אָפּגעקויפט די ביזנעס און ווערט דאָרט שטיין רייך, און מאַרטין דער זייגערמאַכער עפענט אַ וואורשט שאָפּ און פאַרלירט יעדע פעני. די קעכין האָט איהם באַ'גנב'עט און די קונים האָבען באַ'גנב'עט, און דאָס איבעריגע האָט ער אַליין אויפגעגעסען אָהן ברויט. דער כוואַט פון מאַנטשעסטער איז אויסגעקאָכט מיט דזשימי'ן און מיט מאָרים'ן, די פעהיגסטע גנבים פון די מינאָרים. ער וועט שטאַרבען אין תפיסה אָדער אין אַ פאַרק־ליינער פּאַלאַץ. איך זאָג אייך—נאָר ששש! — ס'וועט באַלד זיין אַ פּראָצעס און אַ שרעקליכער סקאַנדאַל. אין סקאָטלאַנד יאַרד האָב איך געזעהן צוויי פאַרטאָג ליכט ברענען. מ'האַלט אָפּ באַראַטונגען וועגען איהם. אָבער ששש. קיין וואָרט! באַ. אָרעמער מאַרטין. אַזאַ עהרליכער זייגערמאַכער. ער וואָלט שוין לאַנג געשטאָרבען פון הונגער, ווי ס'רוב זייגערמאַכער און פּטור גע־וואָרען פון מוטשען זיך, האָט ער זיך אויסגעלערענט שוואַרץ־קונסט און שפּיעלען אויף אַ טרומייט; מאַכט קונצען אויף ביהנעס און אַקאָמפּאַנירט בשעת מעשה אונטער ביהנעס אין די ביליגסטע

„מיוזיקהאַלס‟, און אין פרייער צייט פֿאַרדיכט ער זייגערס און דראַטלאָזינקייטען. פון אַלע דריי פּראָפעסיעס מאַכט ער אַזאַ לעבען, אַז אַ קלאָג איז צו איהם.

דער פֿאַקט איז, אַז איך האָב די געגילטע קייט געקויפט פון מארטין׳ען אויס רחמנות. איך האָב איהם געגעבען אַנ׳אַפּאַלאָ פּלאַסטער פאַר דער קייט. דער פּלאַסטער האָט מיך געקאָסט אַנ׳אַלטע לעדערנע שפּאַנישע קרוג, וואָס איז ווערט געווען אַ דאָלאַר צו יעדער צייט.

פרעג איך איהם:

—ווי געהט עס א י י ך עפּעס, מיסטער בן־אלי?

—ס׳געהט מיר זעהר גוט. איך האָב צוויי שטאָלען פול געפּאַקט מיט סחורה ביז׳ן דאַך. איך קען קוים אריין אין זיי. האָב איך גע־מאַכט טיהרען אויף די דעכער. איך וואָלט געווען דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט, ווען ניט דער שלאַנג, די מרשעת, די פאַר׳־שיכור׳טע שיקסע—מיין זוהן׳ס ווייבעל. זי, זי . . . נאָר פרעגט בעסער ניט. אַ שאָד, וואָס ער איז ניט דער׳הרג׳עט געוואָרען אין דער מלחמה. ס׳וואָלט איהם וואוילער געווען. זי האָט אונזער אַלע־מענס לעבענס רואינירט. אָבער . . . רעדט בעסער ניט. אוי, אוי, אַ גוטען טאָג אייך.

אַזוי פלעגט דער אַלטער בן־אלי צו מיר אריינקומען אין משך פון יאָהרען. פאַרקויפען מיר אַ קלייניגקייט, און בשעת מעשה זיך אָנטשעפּען אין אַ שטיקעל חפץ און צוטשעפּען דערצו זיינע בלייַ־שווערע זכרונות און די פליגלען פון זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט; שאַפען דערביי עפּיזאָדען איינעם נאָכ׳ן אַנדערען; געבען אַ לאַך דאָ, אַ קרעכץ דאָרט, און ענדיגען מיט אַ האַרץ־שניידענדען זיפץ: „אוי, אַ גוטען טאָג אייך!‟

ערב סוף מלחמה, הצות צייט פון אַ בלייכער, אַנעמישער נאַכט, ווען דאָס בעסטע בלוט פון לאָנדאָן האָבען אויסגעטרונקען די מלחמה פעלדער, האָב איך דערזעהן צוויי לבנות מיט אַמאָל. די אַלטע באַ־קאַנטע לבנה, וואַנדערענדיג אין הימעל צווישען וואַסערדיגע וואָלקענס, און בן־אלי׳ס געשטאַלט וואַנדערענדיג אין האָלבאָרן. זיינע צוויי שטערען און זיין ליכטיג פנים האָבען איהם געפיהרט פון קענזינג־טאָן קיין סטעפּני. אַ זאַק ווי אַ וואָלקען האָט געשוועבט איבער זיינע

פּלייצעס, אין וועלכען ס׳זיינען געלעגען ניי־אַלטע שיכלאַך פאַר זיינע אייניקלאַך. ער האָט געשפּרייזט, ווי אַ גבור, וואָס קלעטערט אויף אַ באַרג צו פאַרטיידיגען שוואכע.

ווער איז בן־אלי?

ער איז שוין אסך דורות אין לאָנדאָן. שטאַמט פון אַ פאַרמעג־ליכער, אַרטיסטישער משפּחה. זיין פאָטער, זאָגט ער, איז געווען איינער פון די אַרכיטעקטען פון די פּאַרלאַמענטס הייזער. איך בין זיכער, אַז ער שטאַמט פון אַנ׳אַריסטאָקראַטישען שבט אונזערען. ער רעדט אָבער אייביג פון זיינע קליינע פאַרלוסטען און דערמאָנט זיך אין נאַרישקייטען. אָבער זיינע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע פאַר־לוסטען האָט ער שוין לאַנג־לאַנג פאַרגעסען.

דאָך ווען לאָנדאָן איז געשלאָפען, ווען אַלע פאַבריקען און בענק זיינען געווען געשלאָסען, און ווען די טאָג־ווערטען זיינען פאַר־שוואונדען—דעמאָלט האָט זיין נשמה ערוואכט אין פולען. ער—דער אַלטער פּרינץ, און די לבנה—די פּרינצעסין, האָבען צוזאַמען געשוועבט אַרויף, אַרויף פון קענזינגטאָן צו סטעפּני.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז בן־אלי געשטאַנען אין שמאָטעס ביי מיין ציילטיש און מאַכענדיג פאָלגענדען פאָרשלאַג, האָט ער גע׳טענה׳ט:

—מיסטער גוד, איהר קענט מיך שוין אַזוי פיעל יאָהרען. איהר ווייסט אַז איך בין עהרליך און פאָדער קיינמאָל ניט קיין צדקה. די איינציגע הייזער, וואָס איך קען ניט אין לאָנדאָן זיינען די צדקה הייזער פון „באָרד אָוו גאַרדיענס״. איך וויל, אַז איהר זאָלט מיר געבען סחורה אויף עטליכע פונט אין קאָמיסיאָן. גלייך ווי איך פאַרקויף עפּעס, ברייננג איך ס׳געלט. איהר וואָלט אויסגעראָמט אביסעל מיסט און מיר וואָלט עס גוטס געטהון.

האָב איך איהם געענטפערט:

—הערט אויס, מיסטער בן־אלי. איהר האָט אַלע מאָל אין מיר אביסעל פאַרדיענט און איך גייץ אייערע וויזיטען. איך וויל אייך ניט פאַרלירען. אָבער איהר וועט אויספאַרקויפען מיין סחורה, און דאָס געלט וועט פאַרשוואונדען ווערען, און.....

—ניין, ניין, איך שווער ביי מיינע אייניקלאַך.

—איהר האָט ליעב אייערע אייניקלאַך, איך ווייס, און פאַר

זיי אַרבייט איהר, לעבט און ליידעט. מיינט איהר מיר צו זאָגען, אַז איהר וועט מיר באַצאָהלען מיין חוב און ניט קויפען פאַר׳ן געלד קיין ברויט פאַר זיי? אַזאַ געמיינהייט גלויב איך אויף אייך ניט.

—יאָ, זאָל איך אַזוי.....

—שווערט ניט מעהר. ניט נויטיג. איך בעט אייך. איך געב אייך די סחורה, כאָטש ס׳איז מיר אַ גרויסער שאָד, אַז מיר זאָלען איינער דעם צווייטען פאַרלירען צוליב דעם ביסעל מיסט.

כ׳האָב איהם געגעבען אַביסעל סחורה.

אַוועק זיינען זומערם און ווינטערם מיט די צווישען־סעזאָנען און בן־אלי׳ן האָב איך מעהר ניט געזעהען.

אומגעפעהר מיט אַ יאָהר צוריק, זיץ איך אין אַ רויטען אָמני־בוס, וואָס לויפט און שנייט אריין אין שמאָלקייטען פון גאַסען, דערזעה איך פּלוצלינג בן־אלי׳ן אינ׳ם זעלבען באַס. ער האָט אויך געמוזט מיך זעהען, ווייל ער איז רויט געוואָרען, ווי דער רויטער באַס, אָדער ווי אַ יונג מיידעל, וואָס האָט זיך פאַרזינדיגט.

האָב איך אַוועקגעדרעהט דעם קאָפּ, געמאַכט זיך ניט זעהענדיג, און בין שנעל ווי מעגליך אַראָפּגעשפּרונגען פון באַס און געכאַפּט אַ צווייטען.

אָרענטלאַך פון מיר—ניט אמת?

טאָ לייענט שוין ווייטער.

זיצענדיג מיט עטליכע וואָכען צוריק אין שאָפּ, און שרייבענדיג טאַקי דאָס בוך, האָב איך דערזעהען אַנ׳אויג פאַרשטעלענדיג אַ שפּאַלט פון פאָרהאַנג. איך האָב דערקענט, אַז ס׳איז בן־אלי׳ס אויג.

שטעה איך אויף, רוק אַוועק דעם פאָרהאַנג, רוף איהם אַריין מיט אַ וואונק און מיר שמועסען, ווי קיין זאַך האָט ניט פּאַסירט, קויף פון איהם עטליכע געגילטע בראַנזלעטען.

דערצעהלט ער מיר עטליכע מעשיות, רוימט מיר אַריין עטליכע סודות און געהט אַוועק.

נאָך זיין אַוועקגעהען, האָב איך חושד געווען איינעם פון די בראַנזלעטען אַז ער איז ניט געגילט נאָר טאַקי גאָלד. איך האָב

איהם פּרובירט מיט שיידוואַסער און ס'האָט זיך טאַקי אַרויסגעוויזען, אַז ער איז טאַקי זהב טהור און זיין שמעלץ ווערט איז דרייסיג שילינג.

ווען ער איז שפּעטער מיט עטליכע טעג ווידער אַריינגעקומען, מיינט איהר אַז איך האָב איהם אויסגעזאָגט וועגען בראָנזלעט?

ניין, קיין וואָרט ניט!

ער איז אַוועק, און איך האָב זיך אַליין ניט געגלויבט, אַז איך בין פעהיג צו טהון אַזאַ נידערטרעכטיגע זאַך.

ליגען איצט די דרייסיג שילינג גאָלד שווער אויף מיין געוויסען, גלייך ווי דער גאַנצער גאָלד רעזערוו פון „באַנק אָוו ענגלאַנד" וואָלט בעלאַנגט צו מיר, און קלעמט מיין הארץ ווי אַ שוואָם פאַרשרויפט אין פּיסק פון אַ שרויבשטיק.

איך וואָלט איהם געזאָגט און זיך ענטשולדיגט, קומט ער אָבער ניט מעהר אַריין. איך וואָלט איהם געשריבען, וויים איך אָבער ניט זיין אַדרעס, און אַרומלויפען איבער סטעפּני און זיך נאָכפרעגען— בין איך צופיעל באַשעפטיגט מיט האנדעל און ליטעראַטור.

אויב ער איז שוין חלילה נפטר געוואָרען, קען איך ניט גענוג דעם לשון פון עולם האמת צו קאָמוניקירען מיט איהם, כאָטש איך קען אויסטראַכטען מעשיות און שרייבען ביכער.

. . . .

טאַקי נאָר וואָס, שרייבענדיג, איז בן־אלי אַריינגקומען און ס'איז מיר גרינגער אויף דער נשמה געוואָרען.

איך האָב איהם געזאָגט וועגען בראָנזלעט און דערלאַנגט אַ פונט. אַ פאַרציטערטער האָט ער זיך אָנגערופען:

—מיסטער גוד, איך האָב עס ניט געוואוסט. ס'וועט אייך טהון מעהר גוטס ווי איהר ווייסט. יאָ. ס'וועט. ס'וועט.

כאָטש מיינע קונים זיינען מעהר אָדער ווייניגער מענשלאַך, און איך בין ניט קיין פערד־הענדלער, דאָך איז עס איהם געלונגען מיר צו פאַרקויפען אַ שעהנעם, נוצלאָזען, מעטאַלענעם טערקישען פערד אָרנאַמענט פאַר זעקס שילינג, אָבער געקריגען האָב איך די פּולע מציאה אין מעשיות; יעדע מעשה אַ פענסטערעל צו די חדרי חדרים פון זיין נשמה.

—פאַרוואָס זענט איהר לעצטענס ניט געקומען?—האָב איך געפרעגט.

—אוי, איך האָב געהאַט אַסך דאגות. אין פאַרלויף פון שטרייק האָט מיר אַ אידישער איד געבאָרגט אַ וואָגען, האָבען די שטרייקערס איהם פאַרגאָסען מיט נאַפט און פאַרברענט. דערצו האָט מיין זוהן ווידערשפעניגט אין מיר. מ'קען איהם ניט באַשולדיגען, ער האָט געהאַט עלף קינדער, ניין פון זיי לעבען. זיין עלסטע טאָכטער איז מיין בעסטער חבר אין דער וועלט. זי איז אַ פרוי, אָבער אַ גוטער נפש. אוי, אַ גוטען טאָג, אייך.

אָבער אין זיין „אוי!" האָט דאָס מאָל זיך געראַנגעלט אַ באַהאַלטענער קרעכץ פון פרייד.

זאַלץ פאַר דער נשמה.

אַמאל איז אין אַ קליין שטעטעל, אין מדינת פוילין, געווען אַ שעהן, רייך און פרום מיידעל.

ס'ווערט שוין באַלד אינטערעסאַנט. ניט אַזוי?

זי איז געווען אַ בת־יחידה, און איז געוואָרען אויפגעבראָכט, געצערטעלט און געפיעשטשעט ווי אַ פרינצעסין צו יענער צייט.

אַ גובערנאַנטקע, אַזש פון אויסלאַנד, האָבען די עלטערען פאַר איהר געהאַלטען ביז אַכצעהן יאָהר, ביז סאַמע דעם טאָג פון איהר חתונה.

די גובערנאַנטקע האָט איהר געלערענט אַלערליי שפּראַכען, און ווי אַזוי צו דעקלאַמירען אויסווייניג און ווי אַזוי צו פאַרווייַלען אַ געזעלשאַפט.

אחוץ דעם פלעג איהר די גובערנאַנטקע פאַרשטאָפּען די אויערען, ווען ס'האָט געדונערט; די אויגען פאַרבונדען, ווען ס'האָט געבליצט, כדי זי זאָל זיך חלילה ניט שרעקען.

און ווען אין קליינעם שטעטעל איז פון ווייסען שניי געוואָרען אַ שוואַרצע בלאָטע, האָט די גובערנאַנטקע זי געטראָגען קאַפּעטשעלע, כדי זי זאָל זיך חלילה ניט צוקיהלען די קליינינקע און וואַרעמע שפּיץ פינגערלאַך, וואָס זיינען געווען באַהאַלטען אין ריינוואָלענע

זאַקען, סקריפּענדיקע שיכעלאַך און גלאַנצענדיגע קאַלאָשעלאַך מיט אַריסטאָקראַטישע נעזלאַך.

מאַכט זיך נאָך איהר חתונה אַנ'אומגליקליכע נאַכט. ס'ברעכט אויס אַ גרויסער שריפה אינ'ם קליינעם שטעטעל, און זי מיט איהר גאַנצער משפחה בלייבען אָרעם וחוסר כל.

און ווען דער מאָרגענשטערן איז אויפגעגאַנגען, האָט ער ניט מעהר געזעהען, ווי אַ באַרג גרויען אַש און שוואַרצע בראַנדען—אַזוי גרוי און שוואַרץ, אַז אפילו די מיטאָג זון האָט ניט געקענט באַגילדען.

אינ'ם חורבן פון גרויען אַש האָט זי טאָג נאָך טאָג געזוכט, ביז זי האָט געפונען, איהרס אַ סאָליטאַר דימאַנטען רינגעל,—אַ פונק, וואָס די פייער נאַכט האָט ניט געוואָלט פאַרצעהרען. ניט געהאַט ס'האַרץ דערצו.

איהר גאַנצע ירושה און רייכטום איז אָבער אומגעקומען. האָט זי זיך שטאַרק צום האַרצען גענומען און וואָס אַ טאָג איז זי אַלץ מאָגערער און דאַרער געוואָרען פון קריינקונג און דאָס רינגעלע איז געוואָרען צו לויז פאַר איהר אויסגעדאַרטען פינגער.

האָט זי דאָס רינגעלע גענומען צו אַ גאָלדשמיד, אַז ער זאָל עס פאַרקלענערען. האָט ער עס פאַרקלענערט, און אין דער זעלבער צייט אַרויסגע'גנבה'ט דעם דימאַנט און אַריינגעזעצט אַ גלעזעל.

לכתחילה האָט זיך איהר געדאַכט, אַז נויט און פּיין האָבען דעם שיין פון איהרע אויגען פאַרטונקעלט. ס'איז יאָ דער דימאַנט, נאָר זי דערקענט איהם פשוט ניט. ווען זי האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז דער גאָלדשמיד האָט זי באַרויבט, האָט זי איהם געפרעגט וועגען דעם. ער האָט אָבער אינגאַנצען אָפּגעלייקענט, אַז ער האָט ווען עס איז דאָס רינגעל רעפּערירט.

ס'האָט איהר זעהר וועה געטהון, וואָס אַ פאַרטרויטער מענש זאָל באַגעהן אַזאַ פאַרברעכען, האָט זי געבעטען דעם רבונו של עולם, אַז ער זאָל דעם גאָלדשמיד'ס פאַלשען געוויסען אויסבייטען אויף אַנ'עהרליכען און ער זאָל אַ גוטער מענש ווערען.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט איהר גאָט געשענקט אַזעלכס, וואָס איז מעהר ווערט פון אַ דימאַנט. און וואָס איז מעהר ווערט פון אַ דימאַנט? נאַטירלאַך ניט קיין מיידעלע, נאָר אַ יונגעלע!

און ווען דאָס יונגעלע איז נאָך אַ פּיצעלע געווען און נאָך גע־

שלאָפען אין א וויגעלע, האָט איהם די מוטער דערצעהלט ווי אזוי זי איז געוואָרען באַטריבט און בארויבט נאָכ'ן גרויסען פייער, און איהם געוויזען דאָס רינגעל מיט'ן צעריבענעם, מאַטען גלעזעל, און איהם אָנגעזאָגט, אז ער זאָל אזא נידערטרעכטיגע זאך ניט טהון, אויב ער וועט זיין א גאָלדשמיד, און אייביג זיין גוט און עהרליך.

און דאָס קינד איז געוואקסען און איבערגעוואקסען דאָס וויגעלע. אָבער ער האָט קיינמאָל ניט אַראָפּגענומען דאָס אויג פון שטיקעל גלאָז. האָט פיינט געקריגען דעם פאַלשען טראָפּען, ווי ער האָט איהם נאָר געזעהען, א שטיקעל זאַלץ פאר זיין נשמה איז עס מיט דער צייט געוואָרען און ער האָט זיך געטראַכט:

„ווען איך וועל גרויס ווערען ווי מיין מאַמע איז איצט, און אזוי רייך זיין ווי מיין זיידע איז געווען, וועל איך זיך אַרויס'גנבה'נען פון בעט, און אין מיטען נאַכט אַרויסנעמען דאָס פאַלשע שטיינדעל פון מיין מאַמעס רינגעל און אַריינזעצען א דימאַנט, וואָס וועט בלישטשען ווי א חנוכה ליכטעל, און עס צוריקלייגען, אז קיינער זאָל ניט זעהען. ווען די מאַמע וועט אויפשטעהן, וועט זי זיך רייבען די אויגען און זיך ניט פאַרשטעלען, אז דער יובעליר האָט תשובה געטהון, אָדער אז איך האָב עס געטהון. זי וועט גלויבען, אז ס'איז א פינקלענדיגער חלום, א נס מן השמים.

און דאָס קינד איז אויסגעוואקסען, געוואָרען אכצעהן יאָהר אַלט.

האָט ער זיך איינמאָל, אין א מיטען-נאַכט, אַרויסגע'גנבה'ט פון זיין היים, אַנטלאָפען איבער דער דייטשער יבשה און איבער דעם דרום ים, זיך באַזעצט אויף א רייכען אינזעל.

תמיד געאַרבייט, תמיד געהאָפט, געזאַמעלט ליידען טאָהלענפול און פריידען גאַנצע בערג. אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסען אין זיין אָפּגענאַרטער מאַמען און איהר פאַלשען דימאַנט. און ווען גאָט האָט איהם געהאָלפען און ער איז אַליין געוואָרען א גאָלדשמיד, האָט ער ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט געשיקט זיין מאַמען א מתנה: א גאָלדען רינגעל, מיט דרייצעהן מזל'דיגע בראַזיל-דימאַנטען, געשליפען אין אַלטען, אינדיווידועלען שליף, איינגעפאַסט אין א האַרציגער תפילה.

און די פרייד פון מוטער און קינד לאָז איך איבער פאַר שרייבער צו באַשרייבען.